STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03074

VLADIMIR ZSHABOTINSKI

Nahum Summer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום סומער

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

(דער מענטש און זיין אַרבעט)

אַרויסגעגעבן פון
בידערמאַנס פאַרלאַג
184 סעקאָנד עווענױ, ניו־יאָרק.
1947

400

אינהאַלט:

אַריינפיר־וואָרט — — — — — — — — — — — — — — 7
סביבה און איינפלוס — — — — — — — — — — — — — 11
זשאַבאָטינסקיס יחוס — — — — — — — — — — — — — 17
געבורט־שטאָט, רביים, חברים — — — — — — — — — — 22
סטודענטן־יאָרן, ליבע־אַוואַנטורעס — — — — — — — — 26
די שווייץ און רוים — זייער איינפלוס — — — — — — — — 30
אָנהייב פון זשאַבאָטינסקיס נאַציאָנאַל־ציוניסטישער טעטיקייט — 36
מינדערהייט־רעכט אָדער עוואַקואַציע? — — — — — — — — 41
זשאַבאָטינסקיס ציוניסטישער אני־מאמין — — — — — — — 45
הערצל, נאָרדוי, זשאַבאָטינסקי — די גרויסע דריי — — — — 59
זשאַבאָטינסקי און דער גייסטיקער ציוניזם — — — — — — — 64
זאב זשאַבאָטינסקי און חיים ווייצמאַן — צוויי קאָנטראַסטן — — 72
זשאַבאָטינסקי — ייד־מענטש־באַנעם — אָדער זיינע
סאָציאַלע מעדיטאַציעס — — — — — — — — — — — — 79
דער יידישער לעגיאָן — — — — — — — — — — — — — 85
זשאַבאָטינסקי — דער שריפטשטעלער — — — — — — — — — 93
דער רעוויזיאָניזם און איר גרינדער — — — — — — — — — 114
די יוגנט — — — — — — — — — — — — — 122
דער אָראַטאָר — — — — — — — — — — — — — 127
זשאַבאָטינסקי און דער שפּראַכן־קאַמף — — — — — — — — — 132
פאָטער און זון — — — — — — — — — — — — — 138
מאַדאַם אַנאַ זשאַבאָטינסקי — — — — — — — — — — — — 143
דער אַרעסט אין עכו — — — — — — — — — — — — — 145
זאב זשאַבאָטינסקיס שיחת־חולין — — — — — — — — — — 150
דער מענטש — — — — — — — — — — — — — 155
וועלט־קריג נומער צוויי — — — — — — — — — — — — 165
דער פינאַל פון אַ שטורעמדיק לעבן — — — — — — — — — 170
בעדאַנקען־בליצן פון זשאַבאָטינסקיס שריפטן — — — — — — 173

געווידמעט דיר, מיין זון,

שלמה גדליה.

זאָלן אונדזערע גייסטיקע ריזן
דיר באַלייכטן און לייטערן
דיין וועג אין לעבן.

ק אַ פּ י ט ל א י י נ ס

א ר י י נ פ י ר ־ ו ו אָ ר ט

ס׳איז אפשר נאָך ניט די פּאַסיקע צייט צו געבן אַן אַלץ אַרומנעמענדיקע אָפּשאַצונג וועגן יענער טעמפּעראַמענטפול־רעוואָלוציאָנערער און פילפּאַרביקער פּערזענלעכקייט — זאב זשאַבאָטינסקי. די וואונד פון זיין פּלוצימדיקן טויט איז נאָך פריש און ניט פאַרהיילט. ס׳איז נאָך פיינלעך שווער אויסצוטיילן די טויזנטער באַזונדערע פעדעם וואָס האָבן אונדז צונויפגעבונדן מיט זשאַבאָטינסקיס לעבן. עס טליען נאָך פונקען פון פּאַרטיי־עמאָציעס.

ס׳דאַרף נאָך געבראַכט ווערן אין אָרדענונג זיין פּאָליטיש־ליטערישע ירושה. ס׳דאַרפן נאָך געזאַמלט ווערן די טויזנטער בריוו, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט געשריבן צו זיינע אינטים־נאָענטע פריינט, שריפטשטעלער, שטאַטסלייט און כלל־טוער פון פאַרשיידענע ריכטונגען און גרופּירונגען פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ פּאַרעפנטלעכע קאָלעקציע פון די בריוו און פון זיין אויפגעזאַמלטער ליטעראַרישער ירושה, וועלן פאַר אונדז מעגלעך מאַכן פאַנאַדערצוגלידערן די פּסיכאָלאָגיש־קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט פון זשאַבאָטינסקין. מ׳קען נאָך דערווייל צו זיין ביאָגראַפיע ניט צוגיין אַקאַדעמיש־רואיק, אָביעקטיוו, און אים אָבזערווירן פון אַ היסטאָרישן פּערספּעקטיוו. ס׳הערן זיך נאָך אָפּגעריסענע קלאַנגען, וויבראַציעס פון פּאַרטיי־צאַנקערייען, פון קאָנפליקטן, וואָס באַהערשן נאָך אונדזערע געמיטער ביים איצטיקן מאָמענט. אָט־דאָס אַלץ, ווי אויך די געוויינלעכע שוועריקייטן וואָס שטייען פאַר ווען מען נעמט זיך אונטער צו שילדערן אַ דינאַמישע פּערזענלעכקייט

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

פון זשאַבאָטינסקיס קאַליבער, אַ פּערזענלעכקייט וואָס האָט אָוועקגעלייגט זיין חותם אויף אונדזער „שטורעם־און־דראַנג־עפּאָכע", — איז מיר זייער גוט באַקאַנט. דערפאַר איז מיר אָבער אויך זייער גוט באַקאַנט די ווערט פון אַזאַ פּיאָנערן־אַרבעט.

דאָס איז אַ באַשיידענער פּרוואו אויף צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דעם צוקונפטיקן קולטור־היסטאָריקער און פאַר דעם ביאָגראַף, וואָס וועט שוין פאַר זיך האָבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַר דעם גרויסן ווערק וועגן זאב זשאַבאָטינסקי און זיין איינפלוס אויף דער עפּאָכע אין וועלכער ער האָט געלעבט.

זשאַבאָטינסקי, דער שטורעם־צענטער פון יידישער פּאָלעמיק; זשאַבאָטינסקי, דער מייסטער פון שפּראַכן און בריליאַנטענער רעדנער אויף אַ טוצן לשונות; זשאַבאָטינסקי, דער אַלזייטיקער אינטעלעקט, דער בליציק־פילאָזאָפישער פּעליטעאָניסט, וואָס באַאומרואיקט און רופט אַרויס באַוואונדערונג אַפילו פון זיינע קעגנער; זשאַבאָטינסקי, וואָס פאַרמאָגט די איבערגעגעבנסטע פריינט און די ביטערסטע שונאים — איז אין תוך געווען אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט אין אונדזער לעבן. דער עלעמענט פון יידישער גלות־איינגעוואָרצלטקייט און אויסגעוואָרצלטקייט איז אים געווען אייגן און אין עצם — פרעמד. ער האָט פאַרברענט די בריקן פון זיין „גויאישער" פאַרגאַנגענהייט און געזוכט זיך „איינצואוואָרצלען" טיף אין יידישן באָדן, אויף יידישער ערד; ממשיך זיין די טראַדיציעס פון אונדזערע גאונים און העלפן ווייטער שפּינען אַ יידישע צוקונפט. אין תוך איז ער אָבער — ווי פּאַראַדאָקסאַל ס'זאָל ניט קלינגען — געווען דער בונטאַר קעגן טראַדיציעס וואָס טעמפּן־אָפּ דעם פּראָגרעס פון פאָלק־עוואָלוציע.

ער איז געווען פון יענע קרעאַטיווע נאַטורן, וואָס זיינען צו אָריגינעל־דערפינדעריש צו קאָנען גיין אין שפּאַן פון אָנגעצייכנטע ליניעס

און ירושה־טראַדיציעס. און דאָס דערקלערט אפשר וואָס ער איז אַלע־מאָל געווען דער מיטלפּונקט פון אַלערליי שטורעמס וואָס זיינע אידעאָלאָגישע און שעפערישע איינשטעלונגען האָבן אַלעמאָל אַרויסגערופן.

אויך הערצל און נאָרדוי זיינען געווען פון זעלביקן טייג געקנאָטן. הערצל, וואָס איז געקומען צום יידנטום דורך גייסטיקן אויפבּרויז און דורך אַ טיפן אינערלעכן איבערברוך — האָט אויך געמוזט גרייט זיין צו פירן אַ העפטיק־ביטערן קאַמף קעגן דורות־לאַנגע איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס וואָס זיינען געווען דער אַקומאַלירטער אָנוואוקס פון אַ קראַנקער, אַבנאָרמאַלער פּסיכיק, און פון אַ לאַנגער פיינלעכער גלות־און מאַרטירער־געשיכטע.

אָט־דער דרייליינג, אָט־די דריי זיילן פון פּאָליטישן ציוניזם — הערצל, נאָרדוי און זשאַבאָטינסקי האָבן רעוואָלטירט קעגן די הונדערטער יאָרן פון פּאָליטישער אינערציע; קעגן דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון אונדזער גאַנצער גלות־טראַגיק.

פאַראַן מאָמענטן אין אונדזער לעבן וואָס רופן אַרויס גלייכצייטיק באַוואונדערונג, פּיעטעט — און אויך אַפּאַטיע און ווידערווילן; מאָמענטן פון קידוש־השם, וואו בלייכע, פאַרדאַרטע, פאַרקוואָרטע, אויסגעצערטע פּנימער, ווען פיזיש־צעבראָכענע יידן זיינען גרייט צו שפּרינגען אין די פלאַמען פון „הייליקע" אינקוויזיציע־פייערן פאַר זייער אמונה און זייער גאָט. אָבער מיט דעם אַלץ איז דאָס אין תוך אַ פּאַטעטישע דערשיינונג פון אַ קראַנקהאַפטן אָרגאַניזם.

ווי איז דער אַקטיווער, מוטיקער, ווירדיקער, מענטשלעכער ווידערשטאַנד וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר קולטורעל־שטאָלצע מינאָריטעטן? אויב מ'איז שוין יאָ געצוואונגען זיך מקרב צו זיין פאַר אַ גרויסן גלויבן און פאַר הייליקע אידעאַלן איז כאָטש דורך בונט, דורך אַקטיוון ווידערשטאַנד און ניט דורך פּאַסיווער אונטערטעניקער רעזיגנאַציע.

די אַקטיוו היסטאָריש־לעגענדאַרע העלדן פון אַלטן יידנטום, די רעגנדיקע פּערזענלעכקייטן פון אַ שמשון, אַ ר' עקיבא, זיינען הערלע־

כער, ווירדיקער און מענטשלעכער ווי די סתם פּאַסיווע אידעאַליסטן, וואָס זיינען אומגעקומען אין קאַמף מיט דער רשעות פון דער וועלט.

ס׳איז אַן אַלטער „ויתרוצצו” אין דער יידישער געשיכטע, און עס זיינען פאַראַן וואָגיקע אַרגומענטן פון ביידע צדדים. אָבער צו הערצלען ווי אויך צו זשאַבאָטינסקין האָבן אַפּעלירט יענע עלעמענטן, וואָס האָבן מוטיק פאַרטיידיקט זייערע רעכט און זייערע אידעאַלן מיט אַקטיוון, מיט דינאַמישן אויפטרייסל פון פּראָטעסט און רעוואָלט. דערפאַר זייער העראָאישער אָנשטרענג צו ליקווידירן דעם גלות מיט דעם גאַנצן היסטאָרישן אָנוואוקס וואָס האָט פאַרוואַנדלט דאָס אַמאָל שטאָלצע מלוכה־פּאָלק אין אַ פאָלק פון בעטלער־שתדלנים, וואָס זיינען גרייט זיך איינצוקויפן און אויסצובעטלען דאָס הינטיש־שקלאַפישע ביסל לעבן....

דער פּאַציפיסטישער, אין תוך ניט־יידישער טאָן פון „קהלות”, — אַז ס׳איז בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב... — האָט ניט אַפּעלירט צו זשאַבאָטינסקיס אומקאָמפּראָמיסלעכן און דינאַמיש־רעוואָלוציאָנערן איינשטעל. אים איז דער איינשטעל געווען באַזונדערס פרעמד, ווייל ער איז דורכאויס געווען אַ קעמפערישע נאַטור, אַ מענש וואָס האָט זיין פּילזייטיקע, קאָלירפולע, בונטאַרישע פּערזענלעכקייט איינגעשפּאַנט אין דינסט פון זיין איינציקן אידעאַל, פון זיין פאָלקס באַפרייאונג.

קאפיטל צוויי

סביבה און איינפלוס

„קיין יחיד קאָן ניט אַריבערשפּרייזן די צייט פון וועלכער ער איז אַ פּראָדוקט", האָט אַמאָל טרעפלעך באַמערקט דער דייטשער דענקער און פילאָזאָף, געאָרג וו. פרידריך העגל. און אָט־דער געדאַנק איז געוואָרן די קלאַסישע מאָס־און־וואָג — צום אָפּשאַצן די פאַרדינסטן פון דער אָדער יענער פּערזענלעכקייט.

יעדער יחיד, ווי באַדייטנדיק אָדער אומבאַדייטנדיק ס'זאָל ניט זיין זיין בייטראָג צו אונדזער קולטור־געשיכטע, איז און בלייבט אַ פּראָדוקט פון זיין צייט און סביבה. די באַשטימטע צייט אין וועלכער די אָדער יענע פּערזענלעכקייט האָט געלעבט, האָט דורך פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן געווירקט און באַווירקט זיין אינטעלעקטועלן וואוקס, געפורעמט זיין כאַראַקטער, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק. מ'דאַרף גאָרנישט זיין קיין געוואַלטיקער פּסיכאָלאָג צו באַמערקן שטריכן, ניואַנסן און אַלערליי פעדעם וואָס באַהעפטן און בינדן דעם מענטשן צו זיין צייט און זיין סביבה. ווען מיר פאָרשן די גייסטיקע עוואָלוציע פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין, קאָנען מיר אויך נישט גלייכגילטיק פאַרבייגיין די השפּעה פון יענער צייט, ווען זשאַבאָטינסקי האָט אָנגעהייבן שטעלן זיינע ערשטע געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע טריט.

זשאַבאָטינסקי האָט געלעבט אין אַן איבערברוך־עפּאָכע, אין אַ צייט פון סך־הכלען; אין אַ תקופה ווען די פאַרשיידענע פּאָליטיש־

סאָציאַלע, גייסטיק־ספּיריטועלע אידעאָלאָגיעס זיינען געשטאַנען אויף די שייד־וועגן, ווען נייע אידייען און אידעאַלן פון אויפברויז און רע־וואָלט האָבן געהאַלטן ביים געבוירן ווערן. ווי זינגט דעמאָלט ביאַליק: „...אונדזער בליק האָט אין פינצטערן וואָלקן פאַרשטעקט זיך, און מיר די פאַרצווייפלטע, האָבן געבלאָנדזשעט אין גלויבן, געשטאַנען פאַר־ווירט אויפן שייד־וועג: וואו גייט מען ?... געפרעגט זיך...״

יאָ, מ׳האָט שוין אָנגעהייבן מערקן סימפּטאָמען פון נעגאַציע צו יענע אידייען פון אידייען־טרעגער וואָס ערשט נעכטן האָבן געשפּילט אַ ריזיקע ראָל אין יידישן לעבן. דער השכלה־פּעריאָד האָט אָנגעהייבן פאַרגיין און אויפגעבן פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע. די לופט איז געווען שווער און פול מיט אומקום, באַנקראָט, און ירידה־שטימונגען וואָס האָבן באַהערשט און אַרומגעכאַפּט די אַנטוישטע און די רעזיגנירטע. אַלע האָפענונגען אויף ליבעראַלע פאַרבעסערונגען מצד דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָבן זיך פאַרענדיקט מיט ביטערע דעלו־זיעס און אַנטוישונגען.

עס דערנעענטערן זיך די יאָרן פון פּאָגראָמען אויף יידן, און די ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע אַרויסשטויסונגען פון דעראָבערטע פּאָזי־ציעס. עס ווערן דעקרעטירט פאַרשיידענע געזעצן וואָס באַצוועקן צו צוימען און איינשרומפּן דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אַלע זיינע פּאַזן און שיכטן.

די אַלע דיכטער, דערציילער, פּובליציסטן און דענקער, וואָס פאַר־טיידיקן דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון יידן אין רוס־לאַנד, הייבן אָן פילן די שווערע קלעפּ פון דער טראַגיש־טרויעריקער ווירקלעכקייט. די ביטערע פילן — וואָס די וואָר דערלאַנגט זיי — פאַראורזאַכן אַ שווערן מעלאַנכאָלישן טראַנס. זיי הייבן אָן דערפילן דעם אָנזאָג און באַנקראָט פון זייערע אויסגעחלומטע אידעאַליסטישע טעאָריעס.

אָבער צוזאַמען מיט יידישן אומקום און דעסטרוקציע, הייבן אויך אָן אויפגיין נייע שטרעמונגען און שטרעבונגען פון אויפקום און אויפ־

בוי. דאָס זייַנען פּאַסן ליכט אויפן פינצטערן האָריזאָנט. דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, האָט גראָד איצט אונטער די שווערע האַמער־קלעפּ פון פיזישע פּאָגראָמען און גייסטיקע באַשרענקונגען אָנגעהייבן העלער אויפלויכטן, זיך אויסרייבן די אויגן פון דורות־לאַנגן לעטאַרגישן שלאָף.

עס פאָרמירן זיך אין יענער אומבייט־תקופה צוויי שטראָמען פון עמיגראַציע־באַוועגונגען. איין שטראָם ציט צו דער לאָקנדיקער נייער וועלט — אַמעריקע. דער אַנדערער שטראָם, וואָס איז אינטימער געבונדן און געקניפּט מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און ווייט־זעעוודיקער — ציט קיין ארץ־ישראל, צום לאַנד פון גלאָררייכן נעכטן און מאָרגן.

אָבער מערקווירדיק איז דאָס, וואָס ביידע באַוועגונגען פאַרברעגען די בריקן הינטער זיך, און ביידע דוקן אַרויס אין פאָדערגרונט זייערע לאָזונגען: — ווידעראויפבוי, באַנייאונג, דורך אַ יידיש לעבן וואָס זאָל באַוואוסטזיניק וואָרצלען אין יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט.

ס׳הייבן אָן אַריינדרינגען אין רוסיש־יידישן תחום דער דינאַמיש־פּאָליטישער ציוניזם אונטער דער השפּעה פון טעאָדאָר הערצל און מאַקס נאָרדוי. אַליין אַמאָל געווען אָפּגעפרעמדטע יידן, אָפּגעריסענע גלידער, זייַנען זיי איצט, אין אָנגעזיכט פון דער טראַגישער ווירקלעכקייט, ווידער געוואָרן אונדזערע, אינגאַנצן אונדזערע! אָט־די ערשטע שוואַלבן זאָגן־אָן דעם ווידערגעבורט פון דעם ציוניזם. די באַוועגונג נעמט זיך אויסשפּרייטן איבער דעם גאַנצן יידיש־רוסישן שטח ווי אַ וואַלד־פייער.

ביסלעכווייז ווערט אַ גרויסער טייל פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ אַריינגעצויגן אין אָט־דעם נאַציאָנאַלן שטראָם, און ס׳לאָזן זיך באַלד מערקן אירע וואָגיקע בייטראָגן. ס׳הייבן זיך אָן באַווייזן אין דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער ספערע אָנערקענטע פירנדיקע פערזענלעכקייטן, מענטשן, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג נאָך אינגאַנצן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

זיך אויסגעלעבט מיט די האָפענונגען און חלומות פון דער רוסישער קולטור.

די רוסיש־יידישע סטודענטן־יוגנט, איז אויך גלייכצייטיק געווען מיט לייב־און־לעבן פאַרבונדן מיט די ראַדיקאַלע, סאָציאַליסטיש־אַסימילאַטאָרישע באַוועגונגען. זייערע אָפּגעטער זיינען געווען — קאַרל מאַרקס, קאַוטסקי, מיכאַילאָווסקי, טשערנישעווסקי, באָגדאַנאָוו, לאַווראָוו און די אַנדערע טעאָרעטיקער און קאַרפּן־קעפּ פון סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן לאַגער, צו וועלכע עס האָט אַזוי געצויגן די אינטעליגענטע יידישע יוגנט מיט איר גאַנצן עקסטאַז פון זייערע יוגנטלעכע נשמות, וואָס האָבן געזוכט שוץ און זעלבסטשוץ אין די אַלע טעאָריעס. יאָ, זיי האָבן אין זייער יוגנטלעכער אומשולד געטרוימט וועגן באַפרייען די רוסישע פאָלקס־מאַסן פון דעם דעספּאָטישן בלוט־זויגערישן צאַריזם; און אומבאַוואוסטזיניק האָבן זיי אפשר אויך געטראַכט וועגן זייערע שטאַם־ברידער, וועגן באַפרייען דאָס רוסישע יידנטום פון דעם שווערן, בלוטיקן, זדיקנדיקן צאַרישן יאָך. יאָ, אַ סך האָבן אַזוי געטראַכט באַוואוסטזיניק, נאָר זיי האָבן דעם סוד געטראָגן טיף אין זיך. איצט, אין היסטאָרישן פּערספּעקטיוו, איז אונדז דער אמת פון דעם גאַנץ גוט באַקאַנט.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי איז אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָדוקט פון אָט־דער פּילפּאַרביקער, גייסטיקער קולטור־ספערע. ער האָט אין זיך אַריינגעזאָפּט די גאַנצע ריזיקע עשירות פון דער רוסישער ליטעראַטור. די רוסישע פאָלקס־נשמה איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער באַשטאַנד־טייל פון זיין אינעווייניקסטן, אינטימען, „גייסטיקן איך".

כאָטש זשאַבאָטינסקי אַליין וויל דווקא האָבן, אַז אויב ער האָט געהאַט אַזאַ זאַך, ווי „אַ גייסטיק פאָטערלאַנד", איז עס גיכער געווען איטאַליע ווי רוסלאַנד. איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע טעמע פאַר פּילפּול. כאָטש עס זיינען זיכער אויך מערקבאַר איטאַליענישע איינפלוסן אין זיין גייסטיקער עוואָלוציע, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך — און וואָס עפּעס בלויז איטאַליענישע השפּעה? מ'קאָן אויך באַמערקן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

די השפּעה פון אַנדערע קולטורן ביי אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי זשאַבאָטינסקי, ווייל זשאַבאָטינסקי האָט גוט געקאָנט אַ סך קולטורן. אָבער בישט אין דעם גייט עס. פונדעסטוועגן האָבן די יעניקע, וואָס האָבן זשאַבאָטינסקין געהערט רעדן וועגן דער אַמאָליקער רוסלאַנד און איר קולטור, געקאָנט באַלד באַמערקן די אינטימקייט, די וואַרעמקייט, די באַגייסטערונג מיט וועלכער ער האָט באַהויכט זיינע ווערטער און געדאַנקען־שטראָמען ווען ער האָט באַרירט די טעמע. זייער ריכטיק באַמערקט וועגן אים אַסיף דימאָוו, וועלכער האָט זשאַבאָטינסקין נאָך געקאָנט פון דער „גאָלדענער יוגנט", פון יענע יאָרן, ווען זשאַבאָטינסקי איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער „געקרוינטער פּרינץ" פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ: „אַ וועלט־מענטש, אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פיגור, אַ בירגער פון אַלע לענדער — איז ער געבליבן ביז צום סוף אַ קינד פון אָדעס. אין וואָס פאַראַ שפּראַך ער האָט נישט גערעדט — האָט ער „גערעדט" רוסיש . . . ניט אָדעס־רוסיש, פאַר וועלכן דער פאַרשטאָרבענער הומאָריסט אַרקאַדי אַווערטשענקאָ האָט בייז געקיבעצט, נאָר טאַקע די טייערע, שיינע, גרויסע, מעכטיקע שפּראַך פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, טורגעניעוו. טאַקע די דאָזיקע געטלעכע שפּראַך איז געווען דער באַזיס פון זיין אייגענער פיל־פאַרביקער שפּראַך, פון זיין דענקען, פון זיין אָטעמען, זיין עקזיסטענץ", שרייבט וועגן אים אַסיף דימאָוו.

יאָ, זשאַבאָטינסקי האָט טיף געוואָרצלט אין דער דאָזיקער סביבה און ווי אַ שוואָם איין זיך אַריינגעזאָפּט יענעם פיין־שמעקנדיקן אַראָמאַט, דעם ראַפינירטן און געלייטערטן אידעאַליזם וואָס וועט היסטאָריש בלייבן מאָנומענטאַל און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם רוסישן יידנטום פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט.

דער איינפלוס פון דער דאָזיקער גייסטיקער סביבה האָט זיך אויף פאַרשיידענע אופנים — באַזונדערס בולט און פאַרשיידנאַרטיק — אויסגעדריקט און רעגנבויגנדיק זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם שפּעטער־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

דיק רייפן און פילזייטיק־שעפערישן לעבן פון דעם אייביק־אומרואיקן זאב זשאַבאָטינסקי, אָט־יענעם זשאַבאָטינסקין וואָס האָט ביי אונדז אַלעמאָל אַרויסגערופן גלויבן, פאַרערונג, ליבע, און דרך־ארץ פאַר זיין מוט, פאַר זיין געוואַגטקייט אין אַ וועלט פון אַזויפיל פיזישע און גייס־טיקע פחדנים.

ק אַ פּ י ט ל   ד ר י י

זשאַבאָטינסקיס יחוס

„אויף וויפיל ס׳איז מיר באַקאַנט — שרייבט זשאַבאָטינסקי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — זיינען אין מיין גאַנצער אָפּשטאַם־מגילה ניט פאַראַן קיין רבנים און אַנדערע „כלי־קודש״ פון ביידע צדדים. איך קאָן זיך נאָך אפשר טרייסטן דערמיט, וואָס די פאַמיליע פון מיין מוטער שטאַמט אָפּ פון דובנער מגיד״ . . .

„כאָטש — דערציילט זשאַבאָטינסקי — מ׳האָט ביים זיידן שיין געהאַלטן שבת און געפּראַוועט פסח די סדרים,״ איז אָבער זיין זיידע געווען אַ משכיל, אַ פּראָגרעסיווער מענטש — און האָט גאַנץ אָפט אונ־טערגעזינדיקט אין אפּיקורסות לויט דער מיינונג פון די אָרומיקע. דער פאַקט, וואָס ער האָט געשיקט זיינס אַ טאָכטער אין אַ מאָדערנעם „חדר״, וואו מ׳האָט געלערנט דייטש און אייראָפּייאישע עטיקעט, באַ־שטעטיקט די דאָזיקע מיינונג. און מ׳דאַרף דערביי ניט פאַרגעסן אַז דער זיידע איז געווען אַ תושב פון באַרדיטשעוו, אין דער סאַמע יידיש־סטער שטאָט פון אוקראַינע, וואו די קריסטלעכע טרעגער האָבן גערעדט יידיש און די וואָס האָבן גערעדט רוסיש האָבן גערעדט מיט אַ יידישן ניגון . . .

זיין מוטער, אַ געבוירענע אין באַרדיטשעוו, ביי ר׳ מאיר זאַק, אַ פאַמיליע פון סוחרים, איז געשיקט געוואָרן אין אַ מאָדערנער שול, וואו זי האָט שטודירט דייטשישע ליטעראַטור. דער באַליבטער שריפט־שטעלער פון איר יוגנט איז געווען שילער. רוסיש האָט זי זיך ערשט

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

אויסגעלערנט נאָך דער חתונה, דורך דעם וואָס איר איז אויסגעקומען צו רעדן רוסיש מיט די באַדינער. „זי האָט איר גאַנץ לעבן מיט מיר און מיין שוועסטער גערעדט רוסיש — דערציילט זשאַבאָטינסקי — כאָטש זי האָט געמאַכט אַ חורבן אין דער רוסישער גראַמאַטיק" . . . זי האָט פאַרשטאַנען העברייאיש, דעם תנ"ך־לשון און דאָס דאַווענען, און שטאַרק אָפּגעהיט די טראַדיציאָנעלע דרכים פון יידישקייט.

איינמאָל האָט איר דער קליינער וולאַדימיר אַ פרעג געטאָן: — „וואָס זיינען מיר, חסידים? — האָט זי אים געענטפערט כמעט אין כעס: — „און וואָס מיינסטו — מתנגדים?" — און פון דאַן אָן ביז איצט האַלט איך זיך פאַר אַ געבוירענעם חסיד" . . . — דערציילט זשאַבאָטינסקי אין זיינע זכרונות.

דער קליינער, שטיפערישער יינגל האָט אויך אַמאָל אַ פרעג געטאָן זיין מוטער: — „צי וועלן די יידן אויך האָבן אַמאָל אַן אייגענע מלו־כה?" — און זיין מוטער האָט אויף איר שטייגער, קורץ און שאַרף געענטפערט: — „אוודאי וועלן מיר האָבן, דו נאַר וואָס דו ביסט!" פון דאַן אָן ביז איצט האָב איך שוין מער ניט געפרעגט, עס איז מיר געוועזן גענוג" . . . — דערציילט זשאַבאָטינסקי.

זיין פאָטער איז יונג געשטאָרבן, ליידנדיק אַ לענגערע צייט פון אַ ראַק, וואָס האָט צעפרעסן זיין שטאַרק־געבויטן אָרגאַניזם. ער האָט איבערגעלאָזט צוויי קינדערלעך, צוויי יתומים — אַ מיידל און דעם קליינעם וולאַדימיר, וואָס איז דאַן געוועזן אין זעקסטן יאָר. (זיין ברו־דער מיראָן, וואָס איז געוועזן דער עלטסטער אין דער משפחה, איז פריצייטיק געשטאָרבן.) ביים פאָטערס לעבן האָט זיך זיי גוט געלעבט, מיט אַ ברייטער האַנט, ווי דער דרך פון אַ באַלעבאַטישער, פאַרמעגלע־כער משפחה. דעם פאָטערס קראַנקהייט האָט אויסגעבראַכט דאָס גאַנ־צע פאַרמעגן. ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער איבערגעלאָזט זיין פאַ־מיליע אָרעם; כמעט אָן מיטלען צום לעבן.

זשאַבאָטינסקי דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער געדענקט כמעט גאָרניט וועגן זיין פאָטער, אָבער ער האָט זיך אָנגעהערט אַ סך

מעשות און לעגענדעס וועגן אים״ . . . ייִדן האָבן אים גערופן „יונה״ און רוסן — „יעווגעני״. געבוירן געוואָרן איז ער אין ניקאָפּאָל, אַ שטעטל ביים ברעג פון דניעפּער. „מיין פֿאָטער האָט פֿאַרמאָגט זיבן „מעלניצעס״ (אַ מין קרעטשמעס) אויף איינעם פון די גרויסע טראַקטן, וואו די אייזנבאַן האָט נאָך אין יענער געגנט פון אוקראַינע ניט דערגרייכט. אָט־די קרעטשמעס זיינען געווען אַ געמיש פון אַן אכסניה, וואו מען בייסט־צו, וואו מען נעמט איבער די פּאָסט און וואָס איז אויך אַ שטאַל פאַר די דורכפאָרנדיקע עקיפּאַזשן״.

„זיינע פּייאיקייטן האָט מיין פֿאָטער באַקומען, ווייזט אויס, בירושה פון זיין מאַמען, וואָס אויך וועגן איר האָב איך זיך אָנגעהערט פיל לעגענדעס. די גייסטיקע ירושה פון מיין זיידן, ווידער, איז געווען פון אַן אַנדער כאַראַקטער — אַביסל אַ געשטייגערטע נערוועזיטעט וואָס גרענעצט זיך מיט היסטעריע און וואָס סימנים פון איר האָב איך געטראָפן ביי פיל, וואָס הייסן אַזוי ווי איך. איינער פון זיי, דער ייִנגסטער פעטער פון טאַטנס צד, האָט געהערט צו יענער ווילדער ראַסע פון באַליבטע אויסוואורפן, אַ גאָט־געבענטשטער געניאַלער ליגנער, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן מוזיקאַלישן טאַלאַנט — ער פלעגט טרילערן ווי אַ קאַנאַריקל און האַלב־ניקאָפּאָל פלעגט זיך צונויפקומען הינטערן פענצטער זיך צוצוהערן צו זיינע דריידלעך — איז אויף דער עלטער משוגע געוואָרן, און ער האָט מיר געשריבן בריוו מיט דער אונטערשריפט — „יעזוס דער צווייטער״.

מיין פֿאָטער האָט אים אָבער ליב געהאַט מער ווי זיינע אַנדערע ברידער. אַמאָל האָט ער אים איבערגעגעבן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע — אַכטונג צו געבן אויף דעם תבואה־טראַנספּאָרט קיין אויסלאַנד — און ער אַליין איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ צוויי וואָכן. ווען ער איז געקומען צוריק קיין אָדעס, האָט ער אין געשעפט געפונען אַ גאַנצן חורבן און אין קאַנטאָר (רוסישע דאַמפּער־ און האַנדלס־געזעלשאַפט, וואו זשאַבאָטינסקיס פֿאָטער איז געווען איינער פון די הויפּט־אַגענטן) איז מען געווען גאָר שטאַרק ברוגז״.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אָט דאָס אַלץ דערציילט זשאַבאָטינסקי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

ס'איז ביז גאָר מערקווירדיק, אַז די שנאה צו זשאַבאָטינסקיס געזעלשאַפטלעך לעבן האָט שפּעטער אָנגענומען אַזאַ מיאוסן פּערזענלעכן כאַראַקטער, אַז אייניקע, גאַנץ פלינקע און פייאיקע זשורנאַליסטלעך האָבן אויפן גרונט פון די, דרך־אגבדיקע באַמערקונגען, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט אַליין דערציילט וועגן זיין זיידן, אַז ער איז געווען שטאַרק קאַפּריזנע און איז געווען גענייגט צו היסטעריע, ווי אויך, אַז אויפן גרונט פון דעם אַז זיין פעטער איז אויף דער עלטער משוגע געוואָרן, אויף דעם גרונט האָט מען געזוכט צו געפינען נעווראָטישע נייגונגען און שטימונגען אויך ביי זשאַבאָטינסקין. מען האָט דאָס, נאַטירלעך, פּרובירט צו כשרן אויפן באַזיס פון פּסיכאָלאָגישע ירושה־אָבזערוואַציעס און פאַמיליע־פּאַראַלעלן. אָבער די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו קענען און אָבזערווירן זשאַבאָטינסקין פון גאָר נאָענט, האָבן ניט געפונען דעם מינדסטן אָנדייט אָדער חשד פון גייסטיקער אויפרעגונג און צערודערונג אין זיין פּריוואַטן לעבן און אויפפירן זיך. אָפטמאָל אין שווערע טעג, אין אומרואיקע מאָמענטן; מאָמענטן, וואָס וואָלטן מן־הסתם צעטרייסלט די שטאַרקסטע נאַטורן, איז זשאַבאָטינסקי, דער סענסיטיווער, דער אומרואיקער גייסט, דער בונטאַר געבליבן פעסט ווי אַ פעלדז. ניין, די שווערע גורל־קלעפּ, און זיי זיינען דאָך געווען אַזויפיל אין זיין לעבן, האָבן אים גייסטיק נישט צעבראָכן. זיכער האָט ער דורכגעלעבט אַ סך יסורים — אָבער די יסורים — די גייסטיקע ווי פיזישע, האָבן אים געשטאַרקט, און אים אַלעמאָל געוועקט צו נייע און באַנייטע טעטיקייטן. אָט־די דאָזיקע ברעקלעך און שטיקלעך ניט־געבונדענע, ניט־געקייטלטע עפּיזאָדן אין זשאַבאָטינסקיס אָפּשטאַם־מגילה, זיינען דאָך מסוגל צו וואַרפן אַ ליכט און אונדז אַביסל באַקענען מיט דעם יחוס און אָפּשטאַם פון דער קאָלירפולער פּערזענלעכקייט. אָט־דער הינטערגרונט זיינער העלפט אונדז אויך בעסער צו פאַרשטיין אָפטמאָל זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. מען קען אויך זען, אַז יענע לעגענדעס וועגן זשאַבאָטינסקיס אינגאַנצן

װלאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אַסימילירטער היים זײַנען טאַקע ניט מער װי לעגענדעס, און אַ היפּש ביסל איבערגעטריבן. ער שטאַמט טאַקע ניט פֿון גרױסע לומדים, אָבער ער שטאַמט פֿון אַ טראַדיציאָנעל ייִדישער היים, אַ היים װאו ייִדישקײט איז ניט געװען עפּעס אַן עקזאָטישע פֿלאַנץ, נאָר די געװײנ־לעכע פֿאָרם ייִדישקײט װי אין די מערסט ייִדיש־באַלעבאַטישע הײמען, אין דער אָדעס פֿון יענע יאָרן.

קאַפּיטל פיר

געבורט-שטאָט, רביים, חברים

זשאַבאָטינסקי איז געבוירן, ווי ס׳איז אָנגעגעבן אין זיין מעטריקע, — „דעם ניינטן אָקטאָבער 1880, ביים ניקאָפּאָלער בירגער יעווגעני זשאַבאָטינסקי און זיין פרוי יעווא, און מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן וולאַדימיר״.

„זיינען דאָ פאַראַן דריי טעותן — קאָמענטירט וועגן דעם זשאַבאָטינסקי אין זיינע זכרונות — מיין פאָטער הייסט יונה בן צבי, מיין מוטער — חוה בת מאיר, און געבוירן בין איך דעם פינפטן אין חודש (אָקטאָבער), וואָס איז דער אַכצנטער לויטן נייעם סטיל, און וואָס לויט מיין מוטערס חשבון, פאַלט עס אויס אין דער פרשה „וירא״ . . .

געבוירן איז זשאַבאָטינסקי געוואָרן אין דער שטאָט אָדעס ביים שוואַרצן ים. אָדעס — די שטאָט פון לייכטזין און פרייליכקייט, די שטאָט פון אומעט און טרויער. די שטאָט פון אַ קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער, און אין וועלכער מ׳האָט געפּלאַפּלט אַ טוצן וועלט-שפּראַכן — און וואו דער אָדעסער יידיש האָט אויך געהאַט זיין אייגנאַרטיקן ניגון. אָדעס איז אויך אַריין אין דער רשימה פון יידישע שטעט — וואו יידיש לעבן האָט געשפּרודלט און געווימלט. דאָרטן האָבן געלעבט און געפירט טיש מענדעלע מוכר ספרים, דער „זיידע״ פון דער יידישער ליטעראַטור, ח. נ. ביאַליק, דער נאַציאָנאַלער משורר; אחד-העם, דער באַגרינדער פון קולטור-ציוניזם, דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו, פּראָפ. טשערנאָוויץ, י. ח. ראַווניצקי און אַ גאַנצע ריי אַנדערע זיילן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

וואָס האָבן פאַרנומען אַ חשוב אָרט אין דער יידישער געשיכטע.

ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אָט־די דאָזיקע שטאָט האָט געלייגט איר חותם אויף זשאַבאָטינסקיס קינדער־יאָרן און האָט זיכער באַווירקט זיין גאַנץ לעבן. זשאַבאָטינסקי האָט טאַקע די דאָזיקע שטאָט מייס־טעריש פאַראייביקט אין זיין פּראַכטפול־מאָנומענטאַלער נאָוועלע „פינף", וואו ער שילדערט איר טראַגיק און איר אַוואַנטוריזם. די שטאָט פון אמת און וואו ס'איז אויך קיין חטא ניט אונטערצוליגנערן...

ביז דעם זיבעצנטן יאָר האָט זשאַבאָטינסקי פאַרבראַכט אין אָדעס. „אין שטוב און אין גאַס, — דערציילט אונדז זשאַבאָטינסקי — האָבן מיר גערעדט נאָר רוסיש. מיט יידיש האָט זיך די מאַמע באַנוצט נאָר אין אירע שמועסן מיט מיינע עלטערע מומעס. מיין שוועסטער און איך האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין אָט־די שפּראַך, אָבער קיינ־מאָל איז אונדז ניט איינגעפאַלן זיך צו ווענדן צו דער מאַמען אָדער צו עמיצן אַנדערש אויף יידיש. מיין שוועסטער האָט מיך אויסגע־לערנט לייענען רוסיש. בעת איך בין אַלט געווען אַכט יאָר האָט זיך אונדזערער אַ שכן פרייוויליק אָנגעגעבן צו לערנען אונדז ביידן העב־רייאיש. און אָט־דער גוטער מאַן איז געווען י. ח. ראַווניצקי (ח. נ. ביאַליקס שטענדיקער פריינט און וועלכער האָט צוזאַמען מיט אים גע־גרינדעט די פאַרלאַגן „מוריה" און „דביר", וואָס האָבן געשפּילט אַ קאַלאָסאַלע ראָל אין דער העברייאישער וועלט. ראַווניצקי איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקער שרייבער אין יידיש און אין העברייאיש). עט־לעכע יאָר, ביז מיר זיינען אַריבער וואוינען אין אַן אַנדער דירה, האָב איך הנאה געהאַט פון זיין אופן פון לערנען, און איך פּראָטעסטיר קעגן יע־נער לעגענדע, וואָס לויט איר האָב איך די ווערטער „בראשית ברא" געוואוסט ערשט דאַן, ווען איך בין אַריינגעטראָטן אין לאַגער פון ציוי־ניסטישער גוזעלשאַפטלעכקייט. מיין מוטער וואָלט אויף דעם קיינ־מאָל ניט איינגעגאַנגען! נאָך דעם האָב איך געהאַט אַ צווייטן לערער — זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן, — (ס'איז גאַנץ מעגלעך אַז ס'זאָל האָבן געווען דער באַרימטער שריפטשטעלער און רעדנער ש. לעווין,

וועלכער דערציילט אגב אין זיינע מעמוארן אַז ער האָט אַמאָל געהאַט די זכיה צו לערנען מיט זשאַבאָטינסקין העברייאיש און העברייאישע לידער. — נ.ס.) וואָס האָט מיך צוגעגרייט צו מיין בר־מצוה און וואָס ביי אים האָב איך זיך אויך געלערנט לייענען די שירים פון יהודה לייב גאָרדאָן. אַ שוועסטער־קינד מיינער וואָס איז ביי אונדז איינגעשטאַנען, האָט מיך געלערנט פראַנצויזיש און מיין שוועסטער, ווידער, האָט מיר געגעבן אייניקע לעקציעס אין ענגליש, וואָס זי האָט געלערנט אין גימנאַזיע". דאָ לאָזט זיך שוין באַמערקן זשאַבאָטינסקיס לינגוויסטישע נייגונגען, וואָס האָבן אים אינטערעסירט אַ גאַנצן לעבן. שוין אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פלעגט ער זיך פאַרגנבענען אין אַ שטילן ווינקל מיט אַ ווערטער־בוך פון אַ שפּראַך, וואָס איז אים געווען פרעמד, און אין אַ גאָר קורצער צייט איז זשאַבאָטינסקי שוין גאָר ניט געווען קיין פרעמדער אין אָט־דער שפּראַך וואָס איז אים געווען „פרעמד" ערשט מיט אייניקע טעג צוריק.

— „מיטן אויסנאַם פון מיינע העברייאישע לעקציעס — לייענען מיר אין זיינע מעמואַרן — האָב איך ניט געהאַט קיין איין אינעווייניקסטע באַרירונג מיט יידישקייט. ביז נאָך מיין טאַטנס ערשטן יאָרצייט פלעג איך דריי מאָל אַ טאָג גיין אין דער קליינער יואוועלירערס קלויז, לעבן אונדזער הויז, אָבער איך האָב זיך דאָרטן ניט אַקלימאַטיזירט און אויסער קדיש זאָגן האָב איך אַפילו ניט מיטגעדאַוונט. אונדזער הויז איז געווען שטרענג כשר. די מאַמע פלעגט צינדן ליכט ערב־שבת און פלעגט דאַווענען אין דער פרי און אין אָוונט. זי האָט אונדז אויך אויסגעלערנט זאָגן „מודה־אני" און „קריאת־שמע", אָבער אָט־די אַלע מנהגים האָבן מיך ניט גערירט.

אין דער ביבליאָטעק פון די יידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע, וואו איך פלעג יעדן טאָג לויפן אויסבייטן דאָס בוך, וואָס איך האָב נעכטן „איינגעשלונגען", זיינען געווען אַ סך יידישע ביכער, אָבער איך האָב זיי ניט געלייענט. איין מאָל אָדער צוויי מאָל האָב איך געפּרוּווט לייענען — האָב איך אָבער אין זיי ניט געפונען קיין באַוועגונג, קיין

אַקציע, נאָר אומעט און טרויער״ . . . יאָ, שוין דאָ, אין די פריע קינ־דער־יאָרן, לאָזט זיך מערקן זשאַבאָטינסקיס נעגאַטיווע באַציאונג צו דער פאַרגליווערטער יידישער וועלט. ער איז אימפולסיוו, דינאַמיש און דאָ דרעמלט אַלץ אין „בראשית־ברא״־צושטאַנד.

פון די עטלעכע שטריכן פון זשאַבאָטינסקיס קינדער־יאָרן און פון דעם אופן ווי זשאַבאָטינסקי האָט געקראָגן זיין ערשטע יידישע דער־ציאונג, זעען מיר אַז זי איז געווען זייער ווייט פון דעם דעמאָלט אָנ־גענומענעם, טראַדיציאָנעל־יידישן שטייגער. ער האָט ניט דורכגע־מאכט דעם שווערן יאָך פון חדרים און ישיבות; דאָס „עסן־טעג״ און אָפטמאָל אונטערהונגערן; ש״ס און פוסקים און די גאַנצע פילפולים־טיש־תלמודישע ליטעראַטור זיינען אים געווען פרעמד.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז געוואָרן יידיש־באַוואוסט־זיניק, האָט ער שטודירט און געלערנט דעם תנ״ך, דאָס גרויסע אַל־מענטשלעכע ווערק, און אויך די תלמודישע ליטעראַטור איז אים ניט געבליבן פרעמד. דאָס דאָזיקע לערנען איז געווען וואָלונטאַר, ניט אַרויפגעצוואונגען דורך די קאַפּריזן פון עלטערן און רביים, דערפאַר איז עס אים געווען ליב און טייער.

קאַפּיטל פינף

סטודענטן-יאָרן, ליבע-אַוואַנטורעס.

כאָטש זשאַבאָטינסקי איז געווען באַגאַבט אויף אַ סך געביטן און פאַרמאָגט אַ פענאָמינאַלן זכרון, האָט ער אָבער אין זיינע סטודענטן־יאָרן ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקן חשק צום לערנען. ער איז עט־לעכע מאָל ביי זיינע אייגנטריט־עקזאַמענס אין גימנאַזיע און אין ראַעל־שול דורכגעפאַלן. מיט שוועריקייטן איז אים אָנגעקומען דאָס אַריינ־קריגן זיך אין דעם צוגרייט־קלאַס פון דער צווייטער פּראָ־גימנאַזיע, וואָס ער האָט פאַרענדיקט, און שפּעטער אַריבער אין פינפטן קלאַס פון רישעליע־גימנאַזיע.

זשאַבאָטינסקי דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אַז ער האָט ביידע לערן־אַנשטאַלטן פיינט געהאַט. ער באַוואונדערט שטאַרק אונ־דזערע „קליינע פּריינט" וואָס ווייזן אַרויס אַזוי פיל גערודלד, דרך־ארץ און ליבשאַפט פאַר זייער שול.

ביים שטודירן איז ער געווען, שרייבט ער — „אַ פּרינציפּיעלער פויליאַק". די לערער האָבן אים פיינט געהאַט און ער פלעגט האָבן אָפטע צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן מיט די פאַרוואַלטער פון דער רוסישער פּעדאַגאָגיק.

קיין שטוב־זיצער איז ער אויך ניט געווען. ער האָט ניט פאַר־מאָגט קיין „זיץ־פלייש". אין די אָוונטן האָט ער געלייענט. אָבער די מערסטע פרייע שעהן וואָס ער האָט געהאַט האָט ער פאַרבראַכט ביים ברעג־ים און אין שטאָטישן גאָרטן. ס'פלעגט אויך אָפט טרעפן,

אַז ווען די זון האָט שטיפעריש געלאָקט און די אַקאַציע־ביימער האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט, האָט ער איבערגעלאָזט דאָס ביכער־רענצל ביי אַ דערבייאיקן קרעמער און אַוועק צום פאָרט כאַפן פיש און ראַקעס. אָדער, — ער פלעגט זיך גאָר טרעפן אין שטאָטישן גאָרטן מיט חברה „ליידיק־גייער", אַזעלכע ווי ער אַליין און שפילן זיך אין „קאָזאַקן און רויבער". נאָך אַזאַ שפיל פלעגט ער אַהיים קומען אַ שטאָלצער — מיט בלויע צייכנס, ראַצן אויפן פנים און בכלל אַ צעמזיקטער — מיט סימנים פון שטעקנס און שטיינער.

חברה בראָדיאַגעס האָבן אויך פאַרבראַכט אַ סך לבנהדיקע נעכט אויף שיפלעך, געדונגענע און ניט־געדונגענע, אויפן ברעג־ים אויף דער צווייטער זייט לאַמטערן, וואָס האָט געשמעקט מיט געפאַר, זינגענדיק רוסישע ים־לידער און פלירטנדיק אָנגענעם מיט חנעוודיקע סטודענט־קעס, יידישע און ניט־יידישע.

זשאַבאָטינסקי האָט די רוסישע גימנאַזיע ניט פאַרענדיקט. ער האָט עפעס אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייערע שנאה צו דער רעגלאַמענ־טירטער רוסישער שול, כאָטש אַלס יידיש קינד, איז געווען שווער אַריינצוקומען אין איר.

ער באַשליסט דאַן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, פאָרן אין דער שווייץ פאָרצוזעצן זיין איבערגעריסענעם שטודיום. ער ווייזט שוין דעמאָלט אַרויס סימנים פון זיין שפעטערדיקן שרייבערישן באַרוף. ער האָט שוין געהאַט רעדאַקטירט און מיטגעאַרבעט אין האַנט־געשריבענע און העקטאָגראַפירטע שול־צייטונגען. ער האָט אויך שוין דעמאָלט גע־האָט איבערגעזעצט עדגאַר פאָ'ס „די ראָב", י. ל. גאָרדאָנס „ים־לידער" און „שיר־השירים". ער פרואווט זיין מזל אין פאַרשיידענע יידיש־רוסישע זשורנאַלן און אין באַוואוסטע אָדעסער צייטונגען אָבער אָן דערפאָלג. מ'שיקט אים צוריק זיינע אומצאָליקע מאַנוסקריפטן מיט וועלכע ער פלעגט פאַרוואַרפן די רעדאַקציעס.

דער באַקאַנטער רוסישער דיכטער, אַלעקסאַנדער פיאָדעראָוו, וואָס האָט געוואוינט אין אָדעס, האָט איין מאָל געזען זשאַבאָטינסקיס

איבערזעצונג פון דער „ראַב״ און אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים. ער ווייזט אַרויס חברישע סימפּאַטיע צו זשאַבאָטינסקין, און ער עצהט אים צו שרייבן און שרייבן וואָס מער, ווייל ער באַזיצט פּאָעטישן טאַלאַנט. ער וואָרנט אים ניט צו ווערן שנעל אַנטוישט, אויב די רעדאַקציעס ווייזן צוריק זיינע מאַנוסקריפּטן. יעדן אָנהייבער, פאַרטרויט ער אים, איז אָנגעקומען מיט שוועריקייטן דורכצוברעכן די גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע וואָס הערשט, געוויינלעך, ביים עלטערן דור. דער מענטש מיט טאַלאַנט וועט שוין זיין וועג דורכברעכן, ער טאָר אָבער ניט רעזיגנירן, ניט אויפגעבן צו גיך. מ׳דאַרף קעמפן צו געווינען פּאָזיציעס. יאָ, אַפילו דער מענטש פון געניאַליטעט מוז אַרויסווייזן קעמפערישן מוט פאַר זעלבסט אָנערקענונג . . . דעם אמת גרויסן שרייבער קומט ניט אָן זיין דערפאָלג לייכט. ער מוז אַרבעטן און קעמפן . . .

כדי צו באַווייזן דעם יונגן זשאַבאָטינסקי אַז זיינע ווערטער זיינען ניט סתם ווערטער, באַקענט ער אים מיטן רעדאַקטאָר פון „אָדעסקי ליסטאָק״. זשאַבאָטינסקי פרעגט ביים רעדאַקטאָר צי ער וואָלט געווען פאַראינטערעסירט צו דרוקן זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון אויסלאַנד. די תשובה פון רעדאַקטאָר איז געווען — אַז מעגלעך יאָ. נאָר מיטן תנאי, ער זאָל שרייבן פון אַ הויפּט־שטאָט, וואו די צייטונג האָט ניט קיין אַנדערן קאָרעספּאָנדענט און ער זאָל באַזונדערס געדענקען איין קאַרדינאַלן פּונקט — נעמלעך, ניט שרייבן קיין נאַרישקייטן !...

די צייטונג האָט געהאַט קאָרעספּאָנדענטן אין יעדער הויפּטשטאָט אין אייראָפּע, אויסער בערן און רוים. באַשליסט זשאַבאָטינסקי אָוועקצופאָרן אין דער שווייץ, כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע אויסזיכטן, קיין פּלאַן פאַר דער צוקונפט.

זיינס אַ פעטער וואָס האָט געוואוינט אין אָדעס, זיין מוטערס אַן עלטערער ברודער, אַ פאַרמעגלעכער סוחר, אַ ייד אַ למדן, אַ געגאָלטער משכיל, האָט קיינמאָל זיך ניט געמישט אין דעם ייִנגלס פּריוואַטע אַנגעלעגנהייטן, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין צו שטאַרקן צוטרוי צום אימפּעטיקן, אַמביציעזן וולאַדימיר. אָבער, ביים געזעגענען זיך מיט,

אים, האָט ער אים דאָס מאָל אָנגעזאָגט אייניקע שכלדיקע ווערטער, וואָס וולאַדימיר האָט זיי קיינמאָל אין זיין לעבן ניט פאַרגעסן. די דאָזיקע ווערטער זיינען כמעט געוואָרן אַ מאָטאָ צו אַלע זיינע אונטערנעמונגען אין לעבן. זיין פעטער האָט אים בלויז געזאָגט — „דו קלייבסט זיך ווערן אַ שרייבער, איז דאָס ניט מיין עסק. געדענקען דאַרפסטו אָבער איין זאַך: ווען האָבן דערפאָלג, וועלן אַלע זאָגן אַז דו ביסט אַ חכם און זיי האָבן דאָס פאָראויסגעזען; וועסטו ניט האָבן קיין הצלחה, וועט מען זאָגן: אַ לאָ־יוצלח, מיר האָבן שוין לאַנג געזאָגט אַז ער איז ניט מער ווי אַ נאַר״ . . .

זשאַבאָטינסקי פאַרטראַכט זיך וועגן די פּרעציזע־געמאָסטענע ווערטער פון זיין פעטער, און אין פרילינג פון 1908 פאָרט ער אָפּ אין דער שווייץ.

קאפיטל זעקס

די שווייץ און רוים — זייער איינפלוס

אנקומענדיק אין בערן האט זיך זשאבאטינסקי פארשריבן אויפן יורידישן פאקולטעט. כאטש ס'האט זיך דארטן געפונען א פיינע רוסישע קאלאניע, וואו ס'האט געשוויבלט מיט אלערליי טעטיקייטן, און וואו ס'רוב פון דער קאלאניע זיינען געווען יידן, פרובירט אבער דער יונגער זשאבאטינסקי אין אנהייב זיך איזאלירן פון דעם קאכעדיקן קאלאניע־לעבן. ער מאכט „שבת־פאר־זיך". ער ווערט אן אנהענגער פון וועגעטאריאנישן גלויבן. ער קאכט זיך אליין פארשיידענע גרינסן און אנדערע מאכלים אויף זיין ספיריט־אויוועלע, לויטן שטרענגן „שולחן ערוך" פון די וועגעטאריער. אבער נאך צוויי וואכן עקספערימענטן איבער זיינע מאלצייטן און ארויסגייענדיק א הונגעריקער, הייבט ער אן זיך צו דערנעענטערן צו דער קאלאניע, פון וועלכער ער איז געווען דער יינגסטער, און ווערט א שטענדיקער אריינגייער אין דעם עס־סאלון פון דער קאלאניע, און דערמיט ענדיקט זיך זיין נייער גלויבן...

בערן מאכט אויף זשאבאטינסקין אן אומגעהייערן רושם, כאטש ער האט זיך דארט ניט געקענט איינוואָרצלען און לסוף, נאך א קנאפן יאר, פארט ער אפ פון דארטן קיין רוים, איטאליע.

דאס לעבן אין בערן, אין דער רוסישער קאלאניע, איז געווען פאר אים צו טומלדיק און אימפולסיוו. אלע יענע באגריפן, געדאנקען, וואס זיינען געווען פארבאטן אין צארישן רוסלאנד, צירקולירן פריי, אומגעשטערט. יענע רעוואלוציאנערע ליטעראטור וועגן וועלכער מ'האט גע־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

רעדט אין רוסלאַנד בלשון רמז. האָט זיך דאָ געפונען פראַנק און פריי אין די ביכער־פּאָליצעס, און יעדער האָט געקאָנט זיי פריי לייענען, שטודירן אויף וויפיל זיין האַרץ גלוסט. ס׳איז געווען פרייהייט פון מיינונג־אויסטויש און דיסקוסיע; פרייהייט פון וואָרט און שריפט. מ׳איז דאָ פשוט געשוואומען ווי אַ פיש אין וואַסער.

צוויי מאָל אין וואָך זיינען דאָרטן פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, הויפּטזאַכלעך דעבאַטעס און סימפּאָזיומס צווישן די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּן און פראַקציעס. ס׳זיינען דאָרט אויך פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע ס׳איז אויפגעטראָטן דער טעאָרעטיקער פון פועלי־ציוניזם, דר. נחמן סירקין, וועלכער האָט געפּריידיקט די צונויפגיסונג פון סאָציאַליזם מיט ציוניזם — און אויך דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן זיינע פלאַם־פייערדיקע רעדעס, פאַרטרעטנדיק די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און זיין שיטה פון יידישיזם.

אויף איינעם אַזאַ אָוונט איז זשאַבאָטינסקי אַרויסגעטראָטן מיט זיין ערשטער „ציוניסטישער" רעדע. ער הט צווישן אַנדערס געזאָגט: — „אַז קיין סאָציאַליסט איז ער ניט, ווייל אים איז נאָך דער סאָציאַליזם ניט קלאָר, אָבער אַ ציוניסט איז ער בלי־ספק. דער גלות פאַר יידן וועט זיין אַ באַרטאָלאָמעאָ־נאַכט. די יידישע שונאים זיינען ניט איינגאַנצן אומגערעכט. די איינציקע רעטונג פאַר יידן איז אַ מאַסן־אייבוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל".

דער פאָרזיצער, וועלכער האָט איבערגעזעצט זיין רעדע אויף דייטש, האָט איבערגעגעבן אויף אַ פאַרקריפּלט־גראָטעסקן אופן דעם תוך פון דער רעדע, רעזומירנדיק: „דער רעדנער איז ניט קיין סאָציאַליסט, ווייל ער ווייסט ניט וואָס איז סאָציאַליזם. ער איז אָבער אַן אַנטיסעמיט און ראָט אונדז אויסצובאַהאַלטן זיך אין ארץ־ישראל, אַז מ׳זאָל אונדז אַלע ניט אויסשעכטן" . . .

צום סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָט שאַרל ראַפּאַפּאָרט, שפּעטער אַ באַוואוסטער קאָמוניסטישער פירער, באַמערקט צו זשאַבאָטינסקין:

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

„איך וואָלט ניט געגלויבט, אַז עס עקזיסטירט נאָך אין דער סביבה פון דער רוסישער יוגנט אַזאַ זאָאָלאָגישער טיפּ פון אַ יידן־פּיינט״... זשאַבאָטינסקי האָט אים געענטפערט, אַז ער איז ניט קיין רוס, נאָר מען האָט אים ניט געוואָלט גלויבן, נאָך דעם איינדרוק פון זיין רעדע.

זיין יוגנטלעכע ציוניסטישע רעדע איז שפּעטער געוואָרן זיין לעבנס־אידעאַל, און ער האָט אים געטריי געדינט, כאָטש זשאַבאָטינסקי האָט זיין באַציאונג צום אַנטיסעמיטיזם געביטן. אָבער אַז די ליקווידאַציע פון גלות און די מאַסן־איינוואַנדערונג נאָך ארץ־ישראל איז אַ נויטווענדיקייט פון היסטאָרישן רעטראָספּעקט, האָט ער ניט אויפגעגעבן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

דעם זעלביקן יאָר, אין האַרבסט, פאַרלאָזט ער די שווייץ און פאָרט אַוועק שטודירן אין רוים. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט גאַנצע דריי יאָר צייט. „אויב, — שרייבט זשאַבאָטינסקי — ער האָט אַ גייסטיק פאָטערלאַנד, איז עס איטאַליע, מער ווי רוסלאַנד״.

אין רוים האָט זשאַבאָטינסקי ניט געפונען קיין „רוסישע קאָלאָניע״, אָבער פון ערשטן טאָג ביז דעם לעצטן פון זיין פאַרלאָזן איטאַליע, האָט ער זיך איינגעלעבט אין דער סביבה פון דער איטאַליענישער יוגנט, ער האָט זיך כמעט אַסימילירט מיט איר. דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן קינסטלעריש זיך געשטאַלטיקן. ער האָט ליב געקראָגן סקולפּטור, מאַלעריי, די קונסט פון אַרכיטעקטור און גאָר באַזונדערס דאָס לאַטייניש ליד, וואָס איז דעמאָלט אויסגעלאָכט געוואָרן פון וואַגנערס פאַרערער און וואָס האָט נאָך קעגנער אין אונדזער צייט.

זיינע לערער אין אוניווערזיטעט זיינען געווען אַזעלכע גייסטיקע פערזענלעכקייטן פון דער פרייער איטאַליענישער קולטור, ווי: אַנטאָניאָ לאַוריאָלאַ און ענריקאָ פערי. דעם גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון סאָציאַליזם, וואָס דידאַקטיקע לערער האָבן אין אים איינגעפלאַנצט, האָט ער רעספּעקטירט און געהאַלטן דידאַקטיקע לערע ווי אַ „זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך״, ביז דעם עקספּערימענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

און די צעטראַמפּלונג פון סאָציאַליסטישן אידעאַל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אים פולשטענדיק אַנטוישט אין סאָציאַליסטישן ענדציל פון אונדזער געשיכטע.

דער לעגענדאַרישער פרייהייט־קעמפער, גאַריבאַלדי; די שריפטן פון דעם טעאָרעטיקער פון איטאַליענישן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם, דזשוזעפּי מאַציני, די לידער פון לעאָפּאַרדי און זוסטי, האָבן פאַרטיפט און דערהויבן דעם אויבערפלעכלעכן ציוניזם פון זשאַבאָטינסקי, פאַר־וואַנדלענדיק אים צו אַ וועלט־אַנשויאונג.

אַ טייער לאַנד איז געווען איטאַליע. עס האָט זיך נאָך דעמאָלט ניט געפילט דער טרויעריקער קולט פון מוסוליניס פאַשיזם, וואָס האָט פאַרסמט דאָס פאָלק און די יוגנט. אויב ס'זיינען געווען וועלכע ס'איז שפּורן אין אַמאָליקן איטאַליע צום סאָציאַליסטישן־פאַשיזם, קאָן מען אפשר ציען אַ פּאַראַלעל צו דער ליטעראַרישער שול פון „פוטוריזם", וואָס איז דעמאָלט פאַרשפּרייט געוואָרן פון פרעמדן טוריסט מאַרינעטי, כאָטש די יוגנט האָט שטאַרק רעוואָלטירט קעגן יענער נייער שטרעמונג און איר פירער, וואָס איז אפשר געווען מוסאָליניס פאָרגייער, אָבער ס'רוב פון דער אינטעלעקטועלער יוגנט האָט מאַרינעטין מיט זיין שיטה פון „פוטוריזם", וואָס האָט אידעאַליזירט און באַזונגען דאָס מעכאַני־זירטע לעבן פון מאַשין און פאַבריק, ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבן נישט באַגריפן, אַז ער איז עס געווען דער פאָרגייער און דער וואָס האָט פאַר־פלאַנצט קערנדלעך פון אונדזער היינטיקער קללה פון שוואַרץ־ברוינעם פאַשיזם.

זשאַבאָטינסקי דערציילט, אַז אין קרייז פון סטודענטן און אין שמועסן מיט זיינע לערער האָט מען באַהאַנדלט אַלע וועלט־פּראָבלעמען, אויסער איין פּראָבלעם, — די יידן־פראַגע — האָט מען אַפילו איין מאָל ניט באַרירט. „איינמאָל אין אַן אָוונט, — דערציילט זשאַבאָטינ־סקי — האָבן מיר דיסקוטירט וועגן די דעקאַדענצן, האָט לאָוריאָלאַ שאַרף אַטאַקירט מאַקס נאָרדויס אַ בוך. ביי דער געלעגנהייט האָט ער

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

דערמאָנט נאָך עטלעכע חטאים פון מחבר, אָבער וועגן זיין ציוניזם האָט ער ניט גערעדט. ניט באַוואוסטזיניק, ער האָט גלאַט פאַרגעסן און מיר אַלע האָבן פאַרגעסן . . .״

„אָבער דאָך, — שרייבט זשאַבאָטינסקי, — האָב איך באַמערקט אַז אַלץ וואָס איך האָב געליינט וועגן דער געשיכטע פון דעם איטאַ־ליענישן רענעסאַנס, איז אומבאַוואוסטזיניק פאַרבונדן געוואָרן ביי מיר מיט דער אידייע פון אַ יידנשטאַט, כאָטש די רעאַקציע איז געווען אַ פּאַסיווע . . .״ זשאַבאָטינסקי האָט זיך דעמאָלט פולשטענדיק אַסימי־לירט מיט דער איטאַליענישער קולטור־סביבה. איטאַליעניש איז גע־וואָרן זיין „שפּראַך״ און ער האָט גערעדט איטאַליעניש ווי אַ געבוירע־נער איטאַליענער; זיינע עמאָציעס, רעאַקציעס, געדאַנקען, זיין קליי־דונג, איז אינגאַנצן געווען אַ זייעריקע. דאָך איז זשאַבאָטינסקיס נשמה ניט פאַרברענט געוואָרן אין די פייערן פון אַסימילאַציע. ער האָט שפּע־טער זיין גאַנצן לעבן געשטעלט אין דינסט דעם יידישן פרייהייט־קאַמף.

זשאַבאָטינסקי האָט זייענדיק אין רוים אַ סך געשריבן. ער האָט דעמאָלט צוויי מאָל אין וואָך געשיקט זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין „נאָ־וואָסטי״ אונטערן פּסעוודאָנים „אַלטאַלענאַ״. אגב, דערציילט זשאַ־באָטינסקי, אַז ער האָט דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים אויסגעקליבן דורך אַ קאָמישן טעות. ער האָט דעמאָלט ניט באַזעסן די איטאַליענישע שפּראַך ווי געהעריק. ער האָט געמיינט, אַז „אַלטאַלענאַ״ באַדייט אַ הויז־על־י־ווייטאַר, שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אמתער טייטש איז גאָר אַ „הוידע״. זיינע אַרטיקלען זיינען אויך דערשינען אין ליבעראַלן אָרגאַן פון פּעטערבורג, „סעווערני קוריער״. ער האָט אויך פאַרעפנט־לעכט אייניקע אַרטיקלען אין איטאַליעניש, אין באַרימטן סאָציאַליס־טישן אָרגאַן, „אַוואַנטי״, און אויך אַ לענגערע מאָנאָגראַפיע וועגן דער רוסישער ליטעראַטור אין אַ רוימישן חודש־שריפט.

אין 1901 פאָרט ער צוריק קיין אָדעס, כדי דורכצומאַכן אַן עקזאַ־מען און אַרויסקריגן זיין יורידישע דיפּלאָמע. אָבער ער האָט באַמערקט

װלאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אַז אין צװישנצייט איז ער געװאָרן פּאָפּולער אַלס שריפטשטעלער און דער רעדאַקטאָר פון „גאָװאָסטי", ה' חפץ, האָט אים פאָרגעלייגט צו שרייבן טעגלעכע פעליעטאָנען פאַר אַ האָנאָראַר פון 120 רובל אַ חודש. דעם דאָזיקן נסיון האָט ער שוין ניט געקענט ביישטיין. ער האָט אויפגעגעבן זיין אַדװאָקאַטן־קאַריערע און זיין דיפּלאָמע און אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין זיין לעבנס־געשיכטע.

קאַפּיטל זיבן

אָנהייב פון זשאַבאָטינסקיס נאַציאָנאַל-ציוניסטישער טעטיקייט

זשאַבאָטינסקי, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע ציוניסטישע פירער, איז געקומען צום ציוניזם דורך דרויסנדיקן סטימול. דער קעשענעווער פּאָגראָם אין 1903 האָט פּאַקטיש אַ שטויס געטאָן און דערנענטערט זשאַבאָטינסקין צו די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אַספּיראַציעס.

הגם זשאַבאָטינסקי אַליין וויל האָבן, אַז ער איז שוין אַ סך פריער פון קעשענעווער פּאָגראָם געווען אונטער דער השפּעה פון נאַציאָנאַלע סענטימענטן. דער געדאַנק פון ציוניזם איז אים אפשר נאָך ניט געווען איינגאַנצן אייגן, אָבער אויך ניט פרעמד. אַפילו דער זעלבסט־שוץ־געדאַנק, וואָס ער האָט געהאָלפן פּאָפּולאַריזירן צווישן דער רוסיש־יידישער יוגנט בשעת די פּאָגראָמען — איז אים אויך שוין פון פריער געווען אייגן. נאָך לאַנג פריער האָט ער געטראַכט אַז יידן דאַרפן זיך ניט לאָזן באַהערשן פון פחדנות און זיך לאָזן אויסקוילען ווי מייז אין פּאַסטקעס . . . זיי דאַרפן אַרויס פון די געטאָ־ווענט און זיך פאַרטיידיקן קעגן מערדערישע אָנגריפן מצד זייערע שונאים. ער האָט דאָס באַגריפן ווי אַן עלעמענטאַרן א״ב־געדאַנק פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און שטאָלץ.

שטודירנדיק אין דער שווייץ, דערציילט זשאַבאָטינסקי אין זיין

אויטאָביאָגראַפֿיע, האָט ער דאָרט געהאַלטן זיין ערשטן פֿאָרטראַג וועגן ציוניזם און וועגן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק, ווי ער האָט דאָס דעמאָלט פֿאַרשטאַנען. ווי אַ רעזולטאַט פֿון יענער רעדע, דערציילט ער, האָט אים שאַרל ראַפּאַפּאָרט באַטיטלט אַלס „זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיט״. ער האָט אויך דעמאָלט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ליד אין יידיש־רוסישן זשורנאַל „וואָסכאָד״ באַזינגענדיק ירושלים — די שטאָט פֿון פֿרידן.

אויך אין רוים, כאָטש ער האָט זיך דאָרטן פֿולשטענדיק אַסימילירט מיט דער איטאַליענישער יוגנט און איז געווען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון זיינע לערער, וועלכע זיינען אגב געווען סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער, האָט ער אָבער גרינטלעך שטודירט דעם איטאַליענישן פֿרייהייטס־קאַמף און די גאַריבאַלדי־באַוועגונג און בכלל האָט ער זיך דאָרט גרינטלעך באַקענט מיט דער נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגיע פֿון פֿעלקער. די דאָזיקע גרינטלעכע שטודיע האָט ביי אים אַרויסגערופֿן די שלומערנדיקע אימפּולסן פֿון יידיש־נאַציאָנאַלע סענטימענטן. אמת, ער איז געבליבן אינדיפֿערענט צום יידן־פּראָבלעם, ער האָט זיך אָבער פֿונדעסטוועגן אַרומגעטראָגן מיט אַ באַהאַלטענעם געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער באַליידיקונג, ווען איינער פֿון זיינע לערער, אַנטאָני לאַוריולי, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט אין סאָציאַליסטישע קרייזן איבער דער וועלט, האָט געהאַלטן אַ פֿאָרטראַג איבער מאַקס נאָרדויס ווערק „פּאַראַדאָקסן״ און די „קאָנווענציאָנעלע ליגנס פֿון 20טן יאָרהונדערט״, און האָט וועגן נאָרדויס חטא פֿון יידישן נאַציאָנאַליזם און וועגן זיין טעאָרעטישער באַגרינדונג פֿון ציוניזם כמעט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. ער האָט אָט־די פֿאַקטן ווי צעריבן צווישן די ציינער.

אָבער צוליב היסטאָרישער אָביעקטיוויטעט מוז מען צוגעבן, אַז זשאַבאָטינסקיס ציוניסטישע טעטיקייט הייבט זיך אָן אומגעפֿער מיט דעם אויסברוך פֿון דער קעשענעווער שחיטה. די דאָזיקע געשעעניש האָט אויף אים געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג. זי האָט אים ממש צעטרייסלט. ס׳איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ גייסטיקער איבערברוך אין

זיין נשמה. ער ווערט טעטיק און העלפט גרינדן זעלבסטשוצן אין אַ סך רוסישע שטעט, און צוזאַמען מיט דיזענהאָפן, דעם ערשטן מאַיאָר פון תל־אביב, איז ער אַרומגעפאָרן קלייבן געלט פאַרן זעלבסט־שוץ און אויך געהאָלפן קריגן געווער און בכלל פּאָפּולאַריזירט ער דעם געדאַנק דורך שרייבן פּראָקלאַמאַציעס און אַנדערע אויפרופנדיקע שריפטן וואָס זיינען געהיים פאַרשפּרייט געוואָרן. זייט יענער געשעעניש האָט ער זיך מיט זיין גאַנצער פלאַם־פייערדיקער ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטישער אַרבעט און איז איר געבליבן געטריי ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

די רעדאַקציע „נאָוואָסטי", וואו זשאַבאָטינסקי איז דעמאָלט געווען אַ מיטאַרבעטער, האָט אָנגעהויבן אַריינקריגן אַ מבול פון ביישטייערונגען לטובת די פּאָגראָמירטע אין קעשענעוו, און די רעדאַקציע האָט זשאַבאָטינסקין אויסגעקליבן ער זאָל צופאָרן אין קעשענעוו און אויפן אָרט דאָרטן פאַרטיילן די אַריינגעקומענע געלטער און מלבושים צו די אומגליקלעכע און די פּאָגראָם־קרבנות.

דאָרטן אין דער „שחיטה־שטאָט", האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט די רוסיש־ציוניסטישע טוער, כהן בערנשטיין, אוסישקין, זאב טיאָמקין, סאַפּיר — און אויך מיט ביאַליקן, וועמענס קרעפטיקע נאַציאָנאַלע לידער האָבן אים שטאַרק באַווירקט, און וועלכן ער האָט ביז דעמאָלט לחלוטין ניט געקאָנט.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע נאָך אָדעס, איז צו אים צוגעשטאַנען דער באַקאַנטער פאַרלעגער און ציוניסטישער טוער, זאַלצמאַן, מיט אַ פאָרשלאַג, אין נאָמען פון אַ ציוניסטישן קרייז, אַז ער זאָל אָננעמען דעם אָנבאָט פון פאָרן אַלס דעלעגאַט צום זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט דעמאָלט געדאַרפט פאָרקומען. זשאַבאָטינסקי דערקלערט זאַלצמאַנען אַז אים זיינען נאָך ניט געניט באַקאַנט די אינערלעכע פּראָבלעמען פון דעם ציוניזם און פון ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. אָבער זאַלצמאַן איז באַשטאַנען אויף ס'זייניקע. ס'מאַכט ניט. איר וועט שנעל לערנען און כאַפּן דעם שניט פון דער באַוועגונג

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

מיט אירע פּראָבלעמען, וואָס זיינען גאָרניט אַזוי קאָמפּליצירט ווי ס׳ווייזט זיך אויס ביים אָנהייב. געדעכט איז טאַקע געווען זאַלצמאַן. זשאַבאָטינסקי האָט געלערנט, און שנעל געלערנט, און גאָר אינגיכן אַריבערגעיאָגט אַ סך פון זיינע לערער און וועגווייזער.

ביי יענעם קאָנגרעס האָט זשאַבאָטינסקי צום ערשטן און לעצטן מאָל געזען און געהערט דעם גרינדער פון פּאָליטישן ציוניזם, טעאָדאָר הערצל, וועמענס געטרייער תלמוד זשאַבאָטינסקי איז געווען. ס׳איז ביז גאָר אינטערעסאַנט דער קאָמישער פּאָל, וואָס ביי יענעם קאָנגרעס האָט ער זיך שוין אָנגעשטויסן און זיך באַטייליקט אין אַ שאַרפן מיי־נונגס־אויסטויש מיט חיים ווייצמאַנען, זיין שפּעטערדיקן אידעאָלאָגישן קעגנער. זשאַבאָטינסקי האָט אין אַ קורצער רעדע שוין דעמאָלט פאַר־טיידיקט דעם פּאָליטישן שריט פון הערצלען מכוח זיין באַזוך ביי פאָן־פּלעווען, איינער פון די ביטערסטע רעאַקציאָנערן אין צאַרישן רוסלאַנד און גלייכצייטיק אַ פאַרביסענער שונא־ישראל. הערצלס באַזוך ביי פאָן־פּלעווען האָט דעמאָלט אַרויסגערופן אַ שאַרפע און ביטערע פּאָלע־מיק. זשאַבאָטינסקי האָט פּרובירט אין זיין אַפּאָלאָגעטישער רעדע אָנווייזן אויף דעם אונטערשייד צווישן עטיק און טאַקטיק; אָבער ווייצמאַן, וואָס האָט געפירט די אָפּאָזיציע, האָט אויף זשאַבאָטינסקיס אַנאַליז פון טאַקטיק און עטיק געענטפערט מיטן אויסרוף: „קוואַטש״. בכלל האָבן זשאַבאָטינסקיס באַמערקונגען אָנגעמאַכט אַ טומל אין קאָנ־גרעס־זאַל און הערצל אַליין האָט געבעטן זשאַבאָטינסקין פאַרענדיקן זיין פאַרטיידיקונגס־רעדע . . . ס׳איז וויכטיק צו געדענקען, אַז זשאַבאָ־טינסקי איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז 22 יאָר. אויפן פּנים האָט ער אויסגעזען אַ סך יינגער. דער באַאַמטער פון דעלעגאַטן־קאַרטלען האָט זיך אַפילו אָנטזאָגט צו געבן אים די דעלעגאַטן־קאַרטע אויפן גרונט פון זיין יונגן אויסזען, אָבער נאָך דער אַריינמישונג פון אַ פּאָר באַ־קאַנטע, האָט ער דאָך געקראָגן די דעלעגאַטן־קאַרטע.

פון קאָנגרעס איז ער אָפּגעפאָרן מיט אַ סך דערפאַרונג. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג. ער הייבט אָן לערנען און פאַרטיפן זיך אין

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

די פּראָבלעמען פון ציוניזם. ער נעמט זיך לערנען העברייאיש. ער שטודירט פלייסיק יידישע געשיכטע, יידישע ליטעראַטור און אויך די פאַרשיידענע גלות־באַוועגונגען. דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט אים דערנעענטערט צו אונדזערע נאַציאָנאַל־יידישע פּראָבלעמען, אָבער גלייכצייטיק האָט ער זיך דערפילט אַנטמוטיקט, ווייל אין דער טיף פון זיין נשמה האָט ער זיך געפילט באַליידיקט. ער האָט ערשט איצט באַגריסן די שפלות און געפאַלנקייט פון אַ גלות־פאָלק, אַ פאָלק וואָס איז אָפּגעריסן פון אייגענער טעריטאָריע און פון אַן אייגן גייסטיק לעבן. דאַן קומט ער צום פעסטן באַשלוס, אַז דאָס יידנטום וועט בלויז דעמאָלט גייסטיק און פיזיש אויפלעבן, ווען ס׳וועט לעבן אַן אייגן אויטאָנאָם לעבן. ס׳מוז געשאַפן ווערן אַ געזיכערט ווינקל, וואו דער ייד זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו זיין דער אייגענער בעל־הבית איבער זיך, און אַליין באַשטימען און שמידן זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע אוצרות. דעם דאָזיקן באַשלוס בלייבט ער געטריי זיין גאַנצן לעבן, כאָטש דאָ און דאָרט האָט ער געמאַכט געוויסע אָפּנויגן.

קאַפּיטל אַכט

מינדערהייט־רעכט אָדער עוואַקואַציע?

מיט איבער פערציק יאָר צוריק זיינען זיך צונויפגעקומען דעלע־גאַטן פון אַלע טיילן פון רוסלאַנד אין העלסינגפאָרס, אין דער הויפּט־שטאָט פון פינלאַנד, ווי מ׳האָט די שטאָט דעמאָלט גערופן — און וואו מען האָט דיסקוטירט מיט יוגנטלעכן ברען און מיט פייערלעכן עקס־טאַז אַ פּראָגראַם וועגן באַלדיקער ציוניסטישער קעגנוואַרט־אַרבעט.

אַלס פּועל־יוצא פון יענעם צוזאַמענפאָר אין 1905 איז אַרויסגע־טראָגן געוואָרן די באַרימטע און היסטאָרישע „העלסינגפאָרסער פּראָג־ראַם", וואָס האָט אייגנטלעך מיט זיך סימבאַליזירט אַ מין „מאַגנאַ־קאַרטאַ" פאַר מינדערהייט־רעכט; מינדערהייט־רעכט ניט נאָר פאַר די יידן, נאָר פאַר אַלע קליינע און שוואַכע פעלקער, וואָס ליידן פון דער אוניווערסאַלער קללה באַרויבט צו ווערן פון זייער חשיבות און רעכט אַלס באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן, מיט זייערע באַזונדערע קולטור־פאָרמען און לעבנס־שטייגערס. און הגם דער צוזאַמענפאָר האָט באַ־טראַכט און סומירט פּראָבלעמען פון אַ ספּעציפיש־יידישן כאַראַקטער, האָט אָבער די איראָניע פון דער געשיכטע געוואָלט, אַז דער שפּעטער־פאַרשריענער „אולטראַ־רעאַקציאָנער", וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, זאָל זיין איינער פון די הויפּט רעדאַקטאָרן פון יענעם היסטאָרישן דאָקו־מענט. ניט נאָר איז ער געווען פון די הויפּט־מחברים פון יענער באַ־רימטער דעקלאַראַציע, נאָר ער איז פאַקטיש געווען אינסטרומענטאַל און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גאַנצן היסטאָרישן צוזאַמענפאָר.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אָבער די איראָניע פון דער געשיכטע האָט אויך געוואָלט, אַז דער זעלביקער זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט מיט אַ כמעט־רעליגיעזן עקסטאַז געשריבן יענעם היסטאָרישן דאָקומענט, וואָס האָט אין זיך אינקאָרפּירט אַ פּראָגראַם פון קעגנווערטיקער ציוניסטישער טעטיקייט, זאָל אויך מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר שפּעטער, אין שאָטן פון דער צווייטער, גרויליקער וועלט־קאַטאַסטראָפע, דעקלאַרירן עפּנטלעך אַ צווייטן היסטאָרישן דאָקומענט, וואָס איז אפשר נאָך פיל וויכטיקער אין זיין היסטאָרישער באַדייטונג פון יענעם דאָקומענט וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן ביים צוזאַמענקום אין העלסינגספאָרס. מיר מיינען זיין דעקלאַראַציע אין איינקלאַנג מיט דער טראַדיציע פון דער הערצל־נאָרדוי־ריכטונג אין ציוניזם, — די וואָס פאָדערט די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון גלות, און אַז דאָס רוב איבערגעבליבענע יידן נאָכן איצטיקן וועלט־מבול, וועלן דאַרפן דורכגיין אַ דראַסטישן עוואַקואַציע־פּראָצעס פון זייערע איינגעבירגערטע וואוין־לענדער. איז טאַקע די צווייטע דעקלאַראַציע אפשר דער היפוך פון דער „העלסינגספאָרסער פּראָגראַם“, אָבער זשאַבאָטינסקי, ווי אַלע ווייסן, איז ניט געווען פון יענע ליבעראַלע דענקער, וואָס בלייבן פאַרגליווערט אידייאיש און קלאַמערן זיך אין אַ שיטה, כאָטש דאָס לעבן האָט זיי שוין לאַנג דערקלערט באַנקראָט, ווייל זיי האָבן אידייאיש ניט פונקציאָנירט. אַ פולשטענדיקע רעוויזיע פון יענער פּראָגראַם, וואָס איז בשעתה געווען אַ גרויסער היסטאָרישער אויפטו. אָבער אין אָנגעזיכט פון אונדזערע הרת־עולם־טעג, ווען די דאָזיקע פּראָגראַם איז געשטעלט געוואָרן צו פּראָבע און איז דורכגעפאַלן, האָט ער געטענהט, טאָרן מיר ניט זוכן קיין פּאָליאַטיוון, קיין קאָמפּראָמיסן. מיר מוזן האָבן דעם אָביעקטיוון כוח צו צוגעבן דעם אידעאָלאָגישן באַנקראָט פון יענער פּראָגראַם, און גלייכצייטיק זיך ניט שרעקן פאַר נייע דראַסטישע און ראַדיקאַלע רעוויזיעס.

דאָס לעבן איז עלאַסטיש, דינאַמיש, און אונדזערע אידייען, געדאַנקען טאָרן ניט ווערן פאַרגליווערטע דאָגמעס. געדאַנקען וואָס בלייבן שטעקן אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט זיינען על־פּי־רוב דורכצומאַכן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

דעם פּראָצעס פון ווערן פאַרשימלט, און אַרויסגעבן גאָר ניט קיין גע־שמאַקן גערוך . . . אונדזערע אידייען, מוזן זיך, אין חלל פון וועלט־געשעענישן זיך צופּאַסן און אַריינפּאַסן זיך אין רעאַלן פּראָצעס פון עוואָלוציע. מיר קאָנען די רעדער פון דער געשיכטע ניט אָפּשטעלן...

פּאַראַדאָקסאַל, פול מיט זיגזאַגן, קאַליזיעס, שפּרונגען, ווידער־שפּרוכן און ווידעראַנאַנדן איז דאָס מענטשלעכע לעבן. אונדזערע אי־דייען זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון אָט־דעם קאָסמישן פּראָצעס פון עוואָלוציע.

יאָ, זשאַבאָטינסקי האָט אָפּטמאָל זיך באַנוצט מיט דעם דיאַלעק־טישן מעטאָד פון באַהאַנדלען און אַנאַליזירן געשיכטלעכע קאָנפליקטן און אידייען־צוזאַמענשטויסן. זשאַבאָטינסקי איז ניט געווען פון יע־נע אידעאָלאָגן וואָס בלייבן בלינד און טויב צו דעם פּולס פון דער צייט. איינע פון זיינע מעלות, און דאָס איז זיכער צו פאַרדאַנקען זיין זשורנאַליסטישן נייגער, וואָס ער האָט באַזעסן אַ שאַרפן חוש צו דער־פילן אַן ענדערונג, אַן איבערטאַשונג פון ווערטן, אַ צוזאַמענשטויס פון אידייען — און גלייכצייטיק קאָנען שנעל רעווידירן, רעקאָנסטרואירן און זיך אָריענטירן אין דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע.

אפשר דערפאַר איז זשאַבאָטינסקי שטענדיק געשטאַנען אין קאָנ־פליקט מיט נעכטיקע אידייען, מיט נעכטיקע פריינט און קאָלעגן, און דערפאַר האָט ער זיך שטענדיק געפונען אין אומבאַקוועמען לאַגער פון „רעוויזיאָניזם״, אין לאַגער פון פערמאַנענטער אָפּאָזיציע. אין מער־סטע פאַלן איז זיין רעווידירטער געדאַנק טאַקע געוואָרן די אָנגענומענע געזעלשאַפטלעכע קאָנצעפּציע פון מאָרגן, אָבער קרעדיטירט האָט מען אַנדערע, און ניט דעם צאַמען־ברעכער זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט די וויכטיקייט פון אַן אידייע פאָראויסגעזען און געפּריידיקט פאַר אַנדע־רע . . .

ער האָט אָבער געהאַט דאָס גליק אָדער דעם אומגליק צו וויסן, אַז ערגעץ פירט זיך דאָך אַ חשבון, אַז זיינע אידייען און קאַמפן גייען ניט פאַרלוירן. און אויב ער פערזענלעך קריגט ניט באַלד די דירעק־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

טע באַלוינונג, איז ער אָבער באַלוינט געוואָרן פון דעם באַוואוסטזיין, אַז זיינע היינטיקע „קיכאָטישע" אידייען ווערן אָנגענומען פון זיינע פריערדיקע קעגנער און ווערן טאַקע אָפטמאָל רעאַליזירט. ווייל זשאַבאָטינסקי האָט זיך קיינמאָל ניט נאָכגעשלעפט נאָך אַ באַוועגונג, ער איז אַלעמאָל געווען דער באַנער־טרעגער, דער אָנזאָגער און דער שטורעם־פויגל פון דער באַוועגונג.

קאַפּיטל ניין

זשאַבאָטינסקיס ציוניסטישער אַני־מאמין

זשאַבאָטינסקי איז אָפט געווען דער שטורעם־צענטער פון הייס־בלוטיקע וויכוחים, צוליב דער אויפפאַסונג פון זיין ציוניסטישן אַני־מאמין. ער האָט געהאָט זיין אייגענעם קוק אויף דער יידישער ווי אויף דער וועלט־סיטואַציע, וואָס האָט אָפט אַרויסגערופן שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. אָבער צום באַדויערן האָבן אַ סך פון אונדזערע חשובע פּובליציסטן און געזעלשאַפטלעכע טוער מער פאַרנומען זיך מיט אַטאַקירן זשאַבאָטינסקיס פּערזענלעכקייט און גראָטעסק־מעסיק באַהאַנדלט דעם באַנעם פון זשאַבאָטינסקיס ציוניסטישע אידייען. אַנשטאָט צו באַהאַנדלען אידייאיש זשאַבאָטינסקיס מיינונגען, האָט מען זיך אָפט־מאָל אָפּגעשטעלט אויף אומזיניקע און קליינלעכע דעטאַלן, און דערווייל פאַרזען און פאַרטושט דאָס רעאַליסטישע וועלט־בילד פון זשאַבאָטינסקיס געוואָגטן ציוניסטישן אַני־מאמין.

אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער פּובליציסטיק און כלל־טועריי בלייבט מען אָפטמאָל דערשטוינט ווען מען טרעפט זיך אָן פּנים־אל־פּנים מיט דעם אופן ווי עס ווערן ביי אונדז — באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק — שלעכט פאַרשטאַנען און פאַרוויקלט קלאָרע, עלעמענטאַרע א״ב־אמתן. פון אָט־דעם מעטאָד נעמען פאַקטן און אמתן אויסזען ווי די רעאַליטעט אין אַ קרומען שפּיגל . . .

ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע סאָפיסטישע פּאָלעמיק איז צווישן די חשובע געירשנטע אייגנשאַפטן פון אונדזער פאַרגאַנגענעם נאַציאָנאַלן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אינוועטאַר. און, אסור צי עס וואָלט זיך געלוינט צו פאַרלירן צופיל רייד וועגן דעם, ווען די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט ניט בדעה צו ווערן דער דאָמענירנדיקער פאַקטאָר פון אונדזער נאַציאָנאַלער פיזיאָנאָמיע. און בפרט, ווען אַן אָביעקטיווער אַנאַליז באַווייזט, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפט שטערט זער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס פון דער נאַציאָנאַלער אידייע — דעמאָלט מוז מען האָבן מוט צו פאָדערן — מ אַ כ ט אַ ר ע ו ו י ז י ע ! די דאָזיקע רעוויזיע האָט זשאַבאָטינסקי געפאָדערט פון אַ גרויסער צאָל חשובע פּערזענלעכקייטן און שאַפער פון דער ציוניסטישער גאולה־וויזיע.

דער פאַל זשאַבאָטינסקי איז נישט דער איינציקער אין אונדזער געשיכטע. מ׳האָט דורך פּשטלעך און בויך־סברות פאַרטושט אַ סך אמתן אין אונדזער לעבן, וואָס זיינען געוואָרן פּאַראַליז־ווירקנדיקע פאַקטאָרן אין אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. זיי זיינען אָפטמאָל געווען דער קלין אין אונדזער ראָד פון פּראָגרעס. אפשר איז אין דעם דאָזיקן פּראָצעס שולדיק די איבערפּראָדוקציע, די אינפלאַציע פון אונדזער „וואָרט־אַקראָבאַטיק״, אויב איר וועט מיר דערלויבן אַזאַ אויסדרוק.

מ׳האָט אין אונדזער געשיכטע און אויך אין דער אַלגעמיינער געשיכטע, אַ סך אמתן צעניזוקט דורך פאַלשן אויסטייטש. אָט דערציילט אונדז דער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער דענקער, פּעטער קראָפּאָטקין אין זיין ווערק „קעגנזייטיקע הילף״, ווי מ׳האָט דעם וויסנשאַפטלעכן דאַרוויניזם צעקריפּלט און צעדרייט, און ווי אַלערליי וויסנשאַפטלעכע דעליטאַנטן און סתם שלעק, וואָס האָבן אַזוי געהאַט אַ שייכות צום אמתן דאַרוויניזם, ווי למשל דער שרייבער פון די שורות האָט מיט דער פּאַנטאַסטישער מאַרסליאַנער ראַסע. לויט קראָפּאָטקינען האָט מען געפעלשט דעם אָריגינעל־דאַרווינישן איינשטעל, און מ׳האָט געזוכט דורך אַלערליי פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע קוואַלן צוצופּאַסן די דאַרוויניסטישע עוואָלוציע צו זייערע נישטיקע פּירושים וועגן מענטשלעכן מין. אַ צווייטער פאַל: מעגט איר יאָ אָדער ניט מסכים

זיין מיט אַלע מאַרקסעס מאַטעריאַליסטישע אויסטייטשן פון אונדזער געשיכטע, אין איין זאַך איז זיכער — די יעניקע וואָס האָבן געלערנט מאַרקסעס „שולחן־ערוך״ אין זיין ערשטער אויפלאַגע, ווייסן זיכער, אַז דער לעניך־סטאַלין מאַרקסיזם איז אַ רעווידירטער און קאָרעגירטער נוסח. לענין און אַפילו סטאַלין פאַרשטייען דעם מאַרקסיזם, נאָר זיי האָבן דעם מאַרקסיזם געוואָלט אויף אַ קינסטלעכן אופן פאַרבינדן מיט זייערע אייגענע דרכים אין לעבן, האָבן מיר דערפון באַקומען אַ כעמישן געמיש פון אַלערליי געדאַנקען, אָבער מאַרקס אַליין האָט דאָ אַ סך אָנגעוואוירן. אָדער נעמט דעם שפּיניאָזיזם, וואָס איז אין זיין צייט אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם פון דער אויטאָקראַטישער געזעלשאַפט, צוליב זייערע פאַלשע און שמאָל־קעפּיקע פּירושים אויף שפּינאָזאָס פּאַנטעאיזם, די לערע וועגן גאָט־וועלט־מענטש. זיי האָבן דעם שפּינאָזיזם באַנומען ווי אַן אַטעאיסטישע וועלט־קאָנצעפּציע, וואָס זוכט אויסוואָרצלען דעם גאָט־באַגריף פון דער מענטשלעכער געדעכעניש. אין אונדזער צייט, וואָס געפינט זיך אין געשיכטלעכער דיסטאַנץ פון יענער עפּאָכע, פאַרשטייט איצט דעם שפּינאָזיזם אַלס היפּוך פון דעם אַלץ. שפּינאָזאַ זאָל לויט אונדזערע היינטיקע דענקער האָבן אַרויסגעבראַכט דעם הערלעכסטן און אידעאַלסן געדאַנק וועגן דעם גאָט־באַגריף. ער האָט גאָר דעם גאָט־באַגריף גלאָריפיצירט, דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה פון אינטעלעקט. אַזאַ טיף־רעליגיעזע נאַטור ווי דער שאַפער פון חסידיזם, דער בעל שם־טוב ווערט אידענטיפיצירט מיט שפּינאָזאָס פּאַנטעאיסטישער פילאָזאָפיע. דער רמב״ם, דער טיפער דענקער און באַגרינדער פון דער יידישער וועלט־ציוויליזאַציע, איז אין זיין צייט אויך פאַרשריען געוואָרן אַלס אַ געפערלעכער אַפּיקורס און פאַרניינער פון דער יידישער אמונה. מענדעלסאָן, דער שאַפער פון דער מאָדערנער „השכלה״־באַוועגונג האָט זיך אָפטמאָל באַקלאָגט, אַז זיינע אידייען ווערן וואולגאַריזירט און שלעכט פאַרשטאַנען און ער איז ניט דער איינציקער. מ׳האָט אין לויף פון דעם געשיכטלעכן פּעריאָד, פון מענדעלסאָן ביז היינט, אַ סך באַנאַליטעטן און

שקרים צוגעשריבן צו זיין פערזענלעכקייט, אָבער ס׳הערן זיך שוין שטימען וואָס פאָדערן אַ רעוויזיע פון מענדעלסאָנס גייסטיקן פאָרטרעט. און צי זײַנען הערצל און נאָרדוי ניט געווען די קרבנות פון מיספאַרשטייעניש און מיסאינטערפּרעטאַציע ? מ׳האָט אַזוי אָפט זייערע קלאָרע, קרישטאָל־ריינע געדאַנקען באַנומען אין פונקט דעם היפוך ווי זיי האָבן געפּריידיקט. אַ גאַנצע קנויל פון צעמישעניש און פאַרפּלאָנטערניש איז טאַקע אָנגעוואָקסן אַרום דער היסטאָרישער ירושה פון די לעצטע צוויי ציוניסטישע מנהיגים. נו, איז געקומען זאַשבאָטינסקי, דער געטרייער תלמיד, און האָט אויפגעפּלאָנטערט דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון היסטאָרישן אָנוואוקס. ער האָט געפאָדערט אַ רעוויזיע. מיר האָבן געמאַכט אַן אָפּנויג פון אונדזערע ציוניסטישע אַספּיראַציעס, האָט ער געטענהט. הערצל און נאָרדוי זייַנען אפשר געוואָרן ציוניסטישע צערעמאָניאַל־סימבאָלן, אָבער זייער תורה האָט מען פאַרוואָרפן. הערצל און נאָרדוי זיינען צוויבער־פּראַזעס אויף צירניסטישע פאַרזאַמלונגען, אָבער דעם תוך לערנט מען פון אַ גאַנץ אַנדערן סידור. די נשמה וואָס זיי האָבן אַרייַנגעבלאָזן אין דער אַלטער משיחישער גאולה־ראָמאַנטיק, געפינט זיך שוין ניט אין אונדזער צירניסטישן היכל. מ׳רעדט וועגן אָרטאָדאָקסיע און ס׳איז גאָר עפּעס אַ רעפאָרם־פאַרזענעניש.

האָט זשאַבאָטינסקי געוואַגט ציען דעם אויפמערק אויף דעם דאָזיקן פאַקט ; ער האָט ניט געקאָנט גיין אין שפּאַן ווי די אַנדערע. נו, האָט מען אים דערפאַר געוואָלט פאַרשטיינען און אויסוואָרצלען פון יידישן לעבן.

מ׳האָט אים צוגעשריבן אַלערליי ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע מעשות, און מען האָט אים גערופן מיט אַלערליי זידל־עפּיטעטן, אָבער וואָס אייגנטלעך האָט זשאַבאָטינסקי געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט זיין פערזאָן פאַרוואַנדלט אין דעם שטורעם־צענטער פון ציוניסטישער פּאָלעמיק ?

די אמתן וואָס זשאַבאָטינסקי האָט מאַניפעסטירט אויף פאַרשיי־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

דענע ציוניסטישע טריבונעס און דורך שריפט, האָט מען פאַרקריפּלט און צעברעקלט. זיינע גרויסע נאַציאָנאַלע חלומות און וויזיעס, האָט מען באַוואוסטזיניק פאַרשוויגן. נישט זיינע אידייען, נאָר זיין פערזאָן איז געוואָרן דאָס ציל־ברעט פאַר אַלערליי אומבאַרעכטיקטע אַטאַקעס און נאַרישע אַבסורדן. די פון אונדז, וועמען ס׳איז אויסגעקומען צו רעדן מיט זשאַבאָטינסקין וועגן דעם האָבן גוט געוואוסט ווי זשאַבאָטינסקי האָט זיך געקווענקלט און נישט געוואָלט מאריך זיין וועגן אָט־די אָנגעווייטיקטע קליינלעכקייטן. מען פלעגט באַמערקן ווי ער ווערט נערוועז און אויפגערעגט. אָבער די וואונד וואָס האָט געפרעסן זיין נשמה איז ניט געווען צוליב די פערזענלעכע בילבולים, נאָר צוליב דעם אופן ווי מען האָט בייזוויליק צעברעקלט און צו נישט געמאַכט, אָפטמאָל צוליב פאַרטיי־פּאָליטיק, זיינע קלאָרע און אויפריכטיקע אידייען און נאַציאָנאַלע לעבנס־אמתן.

„. . . איך האָב געזאָגט זאַכן”, — האָט ער אונדז אַמאָל דערציילט אין אַן אינטימען שמועס — „וואָס שפּעטער וועלן זיי אַריינגעוועבט ווערן אַלס באַשטאַנדטייל פון זייערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען . . . ס׳פּנים פלאַמט זיי ניט פון בושה און ס׳אויג פינטלט ניט פון באַשיידנקייט . . . און זיי האָבן נאָך די ציניִשע חוצפּה עס צוצושרייבן צו זייער פּוסטן אייגנטום . . . ס׳האַנדלט זיך ניט אין קרעדיט. מיינע חלומות זיינען ניט דאָס אייגנטום פון יחיד. מיין קרעאַציע איז דעם פאָלקס אייגנטום. אָבער זיי דערציילן דאָך זייערע גענאָסן האַלבע אמתן וואָס זיינען אַזוי שעדלעך, אַזוי שעדלעך פאַר אונדזער זאַך . . . אַך, די צעריסנקייט, די קרומע מוחות אין אונדזער אידישן לעבן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקער שטער פאַר אונדזער פּראָגרעס . . .”

מען איז אין קאַמף מיט זשאַבאָטינסקין געגאַנגען אַזוי ווייט אַז מען האָט אים געוואָלט פאַרשרייען אַלס „צעווילדעוועטן פאַשיסט”, ווען פאַקטיש האָט ער געפאָדערט צו אָנערקענען אַלטע א״ב־אמתן, וואָס ער האָט געלערנט פון די אָבות, פון די קלאַסיקער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

וואָס איז די קאָנצעפּציע פון ציוניזם, פאָרמולירט אין זשאַבאָטינסקיס אייגענע ווערטער? אָט וואָס: — „די קאָנצעפּציע פון ציוניזם, וועלכן איך האָב דעם כבוד צו רעפּרעזענטירן, באַזירט אויף דעם הומאַניטאַרן אַספּעקט. מיט דעם מיין איך צו זאָגן, אַז מיר רעספּעקטירן ניט די אַנדערע ריין־גייסטיקע אַספּעקטן פון יידישן נאַציאָנאַליזם, ווי למשל דעם וואונטש פון זעלבסט־אויפלעבונג, דאָס צוריק אויפבויען פון דער העברייאישער קולטור אָדער דאָס שאַפן אַ געוויסע „מאָדעל־געביידע מיט וואָס דאָס יידישע פאָלק וואָלט געקאָנט שטאָלץ זיין, דאָס אַלץ איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער וויכטיק, אָבער אין פאַרגלייך מיט אונדזערע פּאַקטישע באַדערפענישן אין אונדזערווירקלעכער לאַגע היינט צו טאָג אין דער וועלט, טראָגט דאָס אַלץ גיכער אַ כאַראַקטער פון לוקסוס".

נו, ווען איר זאָלט בלעטערן די ספרים פון אונדזערע ציוניסטישע קלאַסיקער, וועט איר מן־הסתם געפינען דיזעלביקע א"ב־אמתן וואָס ווערן דאָ איבערגעחזרט פון זשאַבאָטינסקין. און דאָך — דאָך איז זשאַבאָטינסקי פאַרשריִען געוואָרן אַלס אולטראַ־רעאַקציאָנער, און אַלס אָנהענגער פון טאָטאַליטאַריזם־קולט. ער האָט פּאַקטיש נאָר דערמאָנט אונדזערע היינטיקע פירער־ און פאַרפירער אין אַן עלעמענטאַרן אמת פון אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זיי פּרואוון דורך פאַרשיידענע ניט־עטישע מעטאָדן פאַרטושן און וואולגאַריזירן.

שוואַרץ אויף ווייס שטייט געשריבן ביי זשאַבאָטינסקין: „יאָ, מיר ווילן האָבן אַ שטאַט; יעדעס פאָלק אויף דער ערד, יעדעס נאָרמאַלע פאָלק, אָנהייבנדיק פון די קלענסטע און די נידעריקסטע וועלכע האָבן ניט קיין טענות מכוח אַ פאַרדינסט, מכוח זייערס אַ ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אַלע האָבן זיי זייער אייגענעם שטאַט. דאָס איז אַ נאָרמאַלער תנאַי פאַר אַ פאָלק. דאָך ווען מיר — דאָס אומנאָרמאַלסטע און דעריבער דאָס אומגליקלעכסטע פאָלק, — פאָדערן די זעלבע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די אַלבאַניער, שוין ניט־רעדנדיק וועגן די פראַנצויזן און די ענגלענדער, הייסט עס — צו־

פיל. איך וואָלט עס פאַרשטאַנען, אויב די תשובה איז אַז דאָס איז אוממעגלעך, אָבער ווען די תשובה איז „עס איז צופיל" — קאָן איך עס ניט פאַרשטיין.

„איך וואָלט אייך וועלן דערמאָנען (איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך ציטיר דאָ אַ ביישפיל, וועלכער איז באַקאַנט יעדן איינעם פון אייך) די באַאומרואיקונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער באַקאַנטער אינסטיטוציע, ווען אָליווער טוויסט (אַ באַרימטער העלד פון טשאַרלס דיקענ'ס אַ ראָמאַן) איז געקומען און פאַרלאַנגט „מער". ער האָט געזאָגט „מער", ווייל ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַנדערש אויסצודריקן: וואָס אָליווער טוויסט האָטווירקלעך געמיינט, איז געווען דאָס — „גיט מיר פשוט די נאָרמאַלע פּאָרציע, וואָס איז נויטיק פאַר א יינגל פון מיין עלטער, אַז ער זאָל קענען לעבן". איך פאַרזיכער אייך, אַז איר האָט דאָ אינעם יידישן פאָלק און אין זיינע פאָדערונגען, אַן אָליווער טוויסט, וועלכער קאָן ליידער ניט מאַכן קיין שום קאָנצעסיעס. וואָס קאָנען זיין די קאָנצעסיעס? מיר מוזן ראַטעווען מיליאָנען, אַ סך מיליאָנען . . ."

אַזוי האָט דער שטאָלצער ייד זשאַבאָטינסקי געלערנט אַ פּרשה ציוניזם מיט ענגלישע שטאַטסלייט. קיין הכנעהדיקייט, קיין בויגן די קני. ס'איז אוממעגלעך די שיטה פון אָפּאָרטוניזם און קאַפּיטולאַציע. מיר זיינען ניט די „וואָכעדיקע, קריכנדיקע היגט" פון היינעס באַרימטער פּאָעמע וועגן דער „פּרינצעסין שבת", נאָר טאָקע די „שבתדיקע בן־מלכס".

וואָס איז אַזוי פּראָוויצירנדיק אין די ציטירטע געדאַנקען? זיינען דאָס אייגנטלעך ניט די געדאַנקען וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם פּאָליטישן ציוניזם? צי האָבן העס, פּינסקער, הערצל און נאָרדוי ניט אָנגעוויזן אין זייערע ווערק אויף דעם זעלביקן טרויעריק־פונדאַמענטאַלן אמת? וואָס האָט זיי אייגנטלעך געשטויסן אין דער ריכטונג פון שטאַטס־ציוניזם? — די יידישע נויט! וואָס־זשע אייגנטלעך האָט מען דאָ אויפגעהויבן טרעוואָגע און געקלונגען אין אַלע פאַר־

טיי־גלאָקן, וועגן דער געפאַר וואָס זשאַבאָטינסקי שפּרייט אין יידישן לעבן ? זיינען דאָס ניט דיזעלביקע פאָדערונגען וואָס זיינען פּראָקלאַ־מירט געוואָרן פון אַלע ציוניסטישע טעאָרעטיקער ? פאַרוואָס ניט צו־גיין צום ענין ערלעך און אורטיילן און מעסטן דערשיינונגען ווי אַ באַ־ראָמעטער — אָביעקטיוו ?

דער קעגנערישער צד וועט געוויס טענהן: — אמת, די דאָזיקע פאָדערונגען זיינען טאַקע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע שטרעבונגען, אָבער די מיטלען וואָס זשאַבאָטינסקי האָט פאָרגעשלאָגן צו דערגרייכן אונד־זער ענדציל, זיי האָבן אונדז אָפּגעשראָקן, און אַרויסגערופן אַנטריס־טונג און פאַרדאַכט.

אָבער ווידער דאָס אייגענע. צוליב וואָס דער איבערטריבענער פּחד. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ „טייוולאָנישע" מיטלען וועגן וועלכע מען אַלאַרמירט און מען שרייט געוואַלד ? זשאַבאָטינסקי האָט גע־דענקט, אַז אַ יידנשטאַט קאָן מען ניט און מ'וועט ניט דערגרייכן אָן אַ יידישער מערהייט. אַנדערש דענקען איז דאָך אַן אומזין. ווייל אויב מען זאָגט „אלף", מוז מען זאָגן „בית". אויב אַ יידנשטאַט, מוז מען זיין קאָנסעקווענט און דערפירן דעם געדאַנק צום שלוס: — אַז יידנ־שטאַט איז אוממעגלעך אָן אַ סטאַטוס פון אַ יידישע מאַיאָריטעט. אַלע אַנדערע אויסטייטשן זיינען פאַלש און אַ סתירה צום „יידנשטאַט"־באַגריף פון ציוניסטיש־פּאָליטישן וועלט־בליק. איז דאָך דאָס די עסענץ פון זשאַבאָטינסקיס לערע וואָס ער האָט יאָר־איין, יאָר־אויס געהאַמערט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און אין פאַרשיידענע ציוניסטישע שריפטן. איז דערדאָזיקער געדאַנק פרעמד דער ציוניסטישער ליטעראַטור ? אדרבא, באַמיט זיך דורכצובלעטערן די ציוניסטישע געשיכטע און איר וועט זיך דערוויסן אַז אַלע וויכטיקע פירער פון ציוניזם ביז אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, האָבן גאָר קיינמאָל אַנ־דערש געטייטשט דעם ציוניסטישן געדאַנק. יידן־שטאַט פּלוס יידישע מאַיאָריטעט, דאָס זיינען אומצעטיילבאַרע באַגריפן.

יאָ, מ'האָט הויך און שטיל אָנגעפירט אַ גיפטיקע אַגיטאַציע מכוח

דעם, אַז זשאַבאָטינסקי וויל די דאָזיקע אַספּיראַציעס עפּעס דורכפירן דורך „אַ וואַנזיניקן מאַכטצוג”. יאָ, אַזוי האָב איך בפירוש געלייענט אין אַן ערנסטן ציוניסטישן זשורנאַל. מילא, זיינען מיר מוחל דעם באַליידיקנדיקן עפּיטעט, מיר וועלן זיך ניט פאַרנעמען דאָ מיט פּאָלעמיק פון אַזאַ כאַראַקטער, אָבער וואָס איז דער „מיסטעריעזער מאַכטצוג” פון זשאַבאָטינסקין? זיכער האָט זשאַבאָטינסקי גערעדט וועגן „יידישער מאַכט”, פּונקט ווי הערצל האָט גערעדט וועגן „פּאָלקסווילן”, אָבער אין מאָראַלישע טערמינען. ווייל, אויב ס׳איז ניט פאַראַן יענע התלהבות ביים פּאָלק פאַר זיין באַפרייאונג — איז דאָך דער גאַנצער ענין אַ פּוסטער חלום. זשאַבאָטינסקי זאָגט אין זיין פּראָגראַמאַטישער בראָשור „שטאַטס־ציוניזם” אָט וואָס: — „מיר רעוויזיאָניסטן גלויבן אין אַ „שטאַרקער” פּאָליסי אין באַצוג צו דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט. אָבער „שטאַרק” איז אַ פּוסטע פראַזע אין אונדזער פאַל: מיר קאָנען דאָך ניט צווינגען ענגלאַנד דורך „מאַכט” אָדער דורך וועלכן אַנדערן מאַטעריעלן פאַקטאָר, צי זאָל עס זיך אויסדריקן עקאָנאָמיש אָדער „מיליטעריש”. אָבער מיר רעוויזיאָניסטן גלויבן בלינד און פאַנאַטיש אין דער שטאַרקייט פון מאָראַלישן דרוק, ווען אָנגעווענדט צו אַ גערעכטער זאַך . . . „דרוק”, אין אונדזער פאַל, מיינט דערמאָנען דאָס ענגלישע פּאָלק אין די ציוניסטישע ענדצילן, אָפן און אומדערשראָקן . . . מיר טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַז ענגלאַנד ווערט געפירט און דירעקטירט פון פּאָלקס־ווילן. אַ מיניסטערס „ניין” איז נאָך ניט דער אַבסאָלוטער באַשלוס פון ענגלישן פּאָלק . . . „נו, וואו האָט איר דאָ יענעם מיסטעריעזן כוח פון „מאַכט” וואָס האָט אַזוי געצייצט די נערוון פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון ציוניסטישע מנהיגים?

זשאַבאָטינסקי האָט פּשוט דערמאָנט דאָס ענגלישע פּאָלק אין איִרע התחיבותן — און אַז ציוניזם מיינט: — אַ יידישע מלוכה, ווי עס זאָגט זיך בפירוש אין דעם אַריינפיר־וואָרט צו דער היסטאָרישער באַלפור־דעקלאַראַציע — „איך טייל אייך מיט אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעטס רעגירונג, די פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע פון ס י מ פּ אַ ט י ע

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

פאַר די יידיש־ציוניסטישע אַספּיראַציעס״.
און וואָס זיינען די יידיש־ציוניסטישע אַספּיראַציעס וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן פון ערשטן באַזעלער ציוניסטישן קאָנגרעס ?

יאָ, די אַראַבער־פראַגע האָט אויך שטאַרק באַאומרואיקט די ציוניסטישע פירער. נו, ווי דערקלערט טאַקע זשאַבאָטניסקי דאָס טרויעריק־טראַגישע „אַראַבער־פּראָבלעם״, וואָס איז אַזוי שטאַרק צעפּויקט געוואָרן אין שטעט און לענדער ? אָט וואָס זשאַבאָטינסקי זאָגט וועגן דעם זייער אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם : — „איך האָב שוין טויזנט און איין מאָל געזאָגט, אַז אין אונדזערע פאָדערונגען איז גאָרניט פאַראַן קיין סימן פון וועלכן ס׳איז אָנדייט וועגן באַזייטיקן אָדער אַרויסשטויסן די אַראַבער. פאַרקערט, די אידייע איז, אַז ארץ־ישראל אויף ביידע זייטן ירדן דאַרף אַרומנעמען די אַראַבער און זייערע נאָכקומענדיקע דורות, און פיל מיליאָנען יידן . . . אויב מ׳וועט אונדז געבן דאָס וואָס מיר רופן אַ קאָלאָניזאַטאָרישן רעזשים וואָס וועט זיין גינסטיק פאַר אונדזער קאָלאָניזאַציע, וועלן מיר יידן באַווייזן אַז אין א״י וועט זיין גענוג אָרט פאַר דעם איצטיקן מיליאָן אַראַבער, פאַר אַ צווייטן נאָכקומענדיקן מיליאָן און פאַר מיליאָנען יידן און — שלום . . . זיכער, מיר האָבן גערעדט וועגן אַ יידישער מערהייט, מוז דאָך זיין אַן אַראַבישע מינאָריטעט, אָבער מיר גלויבן פעסט, אַז דאָס יידישע פאָלק, וואָס ווייס דעם טעם פון אַ מינאָריטעט, וועט האַנדלען לגבי די אַראַבער פונקט ווי ס׳איז אונדזער הייסטער וואונטש אַז יידישע מינאָריטעטן זאָלן באַהאַנדלט ווערן אין אַנדערע לענדער . . . מיר האָפן און גלויבן אַז די אַראַבער וועלן האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן די פרייסטע פאָרם פון נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמיע, וואָס איז נאָר דענקבאַר, מיט ברייטער טאָלעראַנץ לגבי זייער קולטור, דערציאונג, שפּראַך און רעליגיע . . .״

אַזוי רעדט און טראַכט דער „צעווילדעוועטער שאָוועניסט״, ווי אייניקע פּראָמינענטע ציוניסטישע פירער האָבן באַטיטלט זשאַבאָטינסקין.

און צום סוף לאָמיר דאָ נאָך באַרירן איין פונקט פון זשאַבאָטינ־

סקיס ציוניסטישע אַספּעקטן. נעמלעך — „מיליטאַריזם". דער דאָזיקער פּונקט אין זשאַבאָטינסקיס ציוניסטישן אני־מאמין האָט גאָר אַרויסגעבראַכט פון די כּלים די יידיש־געזעלשאַפטלעכע גדולים און זייערע פּובליציסטישע וואָגן־אונטערשטופּער. לאָמיר איבערגעבן זשאַבאָטינסקיס אייגענע ווערטער וועגן דעם ענין. ער זאָגט: — „מען באַנוצט זיך מיט לאַטייַנישע טערמינען אָפּצושרעקן דעם עולם. „מיליטאַריזם" שרייען אונדזערע קעגנער. אַמאָל האָט מען זיך באַנוצט מיט אַן ענלעכער טערמינאָלאָגיע אין באַצוג צום ציוניזם. זיינע קעגנער האָבן געשריען — „נאַציאָנאַליזם!" האָבן די ציוניסטן דערקלערט אַז ס׳זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן נאַציאָנאַליזמען. אויב אַ פאָלק זוכט צו אַנעקסירן דעם שכנס טעריטאָריע — דאַן איז עס אַ זייער שלעכטער נאַציאָנאַליזם. פאַרקערט אָבער, אויב אַ היימלאָז פאָלק פאָדערט אויך אַ פּאָרציע פון גאָטס רייכטום, איז עס אַ גוטער נאַציאָנאַליזם, מיט וועלכן מ׳דאַרף זיך גאָרניט שעמען. דעם זעלביקן געדאַנק קאָן מען אָנווענדן לגבי אונדזער באַגריף פון „מיליטאַריזם". אויב אַ מענטש, וואָס ווערט ניט געשטערט פון קיינעם, באַוואָפנט זיך כּדי אָנצוגרייפן זיינע פרידלעכע שכנים — דאַן איז עס אַ גאָר שלעכטער מיליטאַריזם. אָבער דער פאַל פון יידן, וואָס זיינען איבעראַל די באַליידיקטע, פיזיש־אָנגעגריפענע און באַזונדערס ווען מען דראָט אונדזער לעבן אין ארץ־ישראל מיט אומקום און דעסטרוקציע — זאָגן מיר: לעבן איז נישט הפקר. באַשיצט אייער לעבן, אייער האָב־און־גוטס און אייער צוקונפט. ווייסט איר וואָס ס׳מיינט אַ פּאָגראָם אין דער יידישער געשיכטע, באַזונדערס אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל? . . . אויב צוגרייטן זיך צו באַגעגענען די דאָזיקע פיזישע אָנגריפן און באַליידיקונגען, זיינען „מיליטאַריזם" אין שלעכטן זין פון וואָרט, זיינען מיר שטאָלץ מיט אַזאַ סאָרט „מיליטאַריזם" . . . נו, טאַקע ליבע הערן פאָלעמיקער, וואו איז אַן אָנדייט אַפילו פון יענער אויסגעקליגלטער „אַגרעסיוו־מיליטערישער סטראַטעגיק" פון זשאַבאָטינסקיס „לעגיאָנען"? . . .

אונדז פאַרדריסט נאָר, וואָס אונדזערע פאָלעמיקער, וואָס שרייען

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ביז הייזעריק ווערן וועגן דעם „דעסטרוקטיוון כוח פון די רעוויזיאָניסטישע לעגיאָנען", זיינען זייער ניט אויפריכטיק און קאָנסעקווענט. אָט לויבן זיי ביזן זיבעטן הימל און מיט געוואַלטיקער באַגייסטערונג דעם העראָאיזם פון די אַרמייען מיט זייערע מאָרד־אינסטרומענטן אויף די שלאַכטפעלדער, וואָס באַנוצן זיך מיט אַזעלכע „פרידלעכע" מיטלען קעגן זייערע שונאים ווי וואַרפן דינאַמיט־באָמבעס, אויפרייסן שטעט, וואו טויזנטער מענטשן (אפשר אינגאַנצן אומשולדיקע, ווער ווייס ?...) פאַרלירן זייערע לעבנס ! אויב זשאַבאָטינסקיס מיליטאַריזם איז טריף, מיט וואָס פאַר אַ מאָראַלישע טעמים וועט איר כשרן ענגלאַנדס און אַמעריקעס מיליטאַריזם ? . . . די דאָזיקע טאָפּלטע בוכהאַלטעריע איז באמת אַ קאָמישער פּאַראַדאָקס אין אונדזער לעבן. גויאישן העראָאיזם באַזינגט מען — יידישער העראָאיזם איז עפּעס אַן ענין פון שאַנד און שפּאָט . . .

אגב, ווען מיר שרייבן די שורות, פירן שוין די דאָזיקע „פּאַציפיסטישע ציוניסטן" און „וועגעטאַרישע מאָראַל־פּריידיקער" אַליין אָן אַ הייס־פלאַמענדיקע קאַמפּאַניע פאַר דער אָנערקענונג פון אַ „יידישער אַרמיי", ווען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק, ווען זשאַבאָטינסקי האָט אויף אַ ניו־יאָרקער פּלאַטפאָרמע אַנטוויקלט דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק פון אַ יידישער אַרמיי, וואָס זאָל שטיין שולטער־צו־שולטער מיטן ענגלישן פאָלק אין קאַמף קעגן דער נאַצי־פאַשיסטישער רשעות, און באַזונדערס, צו פאַרטיידיקן די גרענעצן פון א"י אַזוי, אַז מיר זאָלן קאָנען קומען צו דער קומענדיקער פרידנס־קאָנפערענץ מיט באַרעכטיקטע תביעות וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט מען אים אויפגענומען מיט זידל־פאָלעמיק און אים פאַרשריען אַלס „געפערלעכן מיליטאַריסט", וואָס וועט דורך זיינע „פאַנטאַסטישע און וואַנזיניקע אידייען" ברענגען אומגליק און חורבן אין יידישן לעבן. אויב זיי האָבן שוין איצט יאָ געפונען אַ מאָטאָ צו באַרעכטיקן „מיליטאַריזם", פאַר וואָס האָט מען דעמאָלט זשאַבאָטינסקין דערקלערט פאַר אַ „וואַנזיניקן פאַנטאַזיאָר", און היינט זיינען זיי דאָס די געניאַלע חכמים ? אויב אַן

„אַרמיי” איז געווען „טריף” מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער, וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענע מאָטיווון דערקלערן זי איצט פאַר „כשר”? . . .

די דאָזיקע טראַגישע — איידל־געזאָגט — מיספאַרשטענדעניש פון זשאַבאָטינסקיס אידייען נעמען זיך דערפון, גלויבן מיר, וואָס אונדזער פאָלק, און די גרויסע מערהייט פירער אונדזערע, זיינען נאָך דורכגעדרונגען מיט יענער גלות־מענטאַליטעט פון שאַ־שאַ־פּאָליטיק. מען דערשרעקט זיך און מ׳ווערט אויפגעציטערט ווען ס׳קומט איינער מיט אַ נייעם געדאַנק, וואָס וואַגט ברעכן איינגעפונדעוועטע און פאַרעלטערטע טראַדיציעס. זשאַבאָטינסקי מיט דער „גויאישער לאָגיק”, ווי מען האָט אים באַטיטלט מיט פאָראורטייל, האָט געוואַגט אַ שליידער צו טאָן אין אונדזער דערשראָקענער וועלט, פּראָפּעטיש־וויזיאָנערישע חלומות; האָט מען זיי אַלעמאָל אויסגעהערט, און טאַקע אָפטמאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ס׳איז דער יידישער מנהג, אָבער זיי אָקצעפּטירן און אָנווענדן זיי אין דער רעאַליטעט פון אונדזער נאַציאָנאַל־קאַטאַסטראָפע, — דאָס ניט. דאָ האָט מען זיך גענומען קווענקלען. ס׳אַ מורא!

אָבער יאָרן זיינען געגאַנגען. די אייזן־פעסטע, לאָגיש־געזונטע אידייען וואָס זשאַבאָטינסקי האָט אַרויסגעזאָגט, זיינען אויסגעבאָרגט געוואָרן דורך פאַרשיידענע פאַרטייען און קרייזן, אַפילו ניט אָנפרעגנדיק ביים מחבר זיין דערלויבעניש־רעכט. די לאָגיק פון דער נייער און גרויסער צייט פאָדערט אַ ניי וואָרט, אַ נייעם צוגאַנג צו די אַלטע פּראָבלעמען. נו, האָט מען גענומען פון גרייטן, וואָס דער „פאַרשאָלטענער און פאַרשפּיגענער” זשאַבאָטינסקי האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט. און ווי אומדאַנקבאַר מ׳איז צו אים געווען ביים לעבן, אַזוי אומדאַנקבאַר איז מען צו אים אַפילו איצט, ווען ער געפינט זיך שוין אויפן עולם־האמת — דאָס לאָזט זיך באַמערקן אין דער אָפיציעלער באַציאונג פון די געוועזענע קעגנער צו זיינע גייסטיקע יורשים און אידייען־טרעגער...

יאָ, די טראַגעדיע־זשאַבאָטינסקי אין אונדזער לעבן איז אַ פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם, און נאָר דער ווייטער מאָרגן וועט דאָס מעגלעך קאָנען אויפפלאָנטערן און רעווידירן. זשאַבאָטינסקי וועט זיכער איינגע־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

שלאָסן ווערן אין דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פּאַנטעאָן פון אונדזערע גרויסע גייסטיקע און פּאָליטישע פירער, וואָס זיינען אויך צוליב די אָדער יענע סיבות, דורכגעגאַנגען דעם זעלביקן גורל פון חרם און מיסאינטערפּרעטאַציע אין יידישן לעבן, ווי זאב זשאַבאָטינסקי. זיין נאָמען וועט זיכער אַריינגעוועבט ווערן אין אונדזער גאָלדענער קייט. און אונדזערע יידישע דיכטער וועלן נאָך פלעכטן קראַנצן פון לידער צו זיין אָנדענק.

קאפיטל צען

הערצל, נאָרדוי, זשאַבאָטינסקי — די גרויסע דריי

פּאַראַלעלן און פאַרגלייכן זיינען אָפט ניט די ריכטיקע מאָס צו שאַ־צען און אָפּשאַצן שאַפעריש־דינאַמישע פערזענלעכקייטן. ווייל אויב מען זאָל שטרענג בודק זיין אויף יעדן ניואַנס פון אָט־דעם מעטאָד, קאָן מען לייכט באַמערקן אין יעדן אָביעקט אומאָנגענעמע שטריכן, און פון אַזעל־כע פאַרגלייכן קאָנען גלייכצייטיק ליידן ביידע צדדים.

אָבער טראָץ דעם, וואָס „יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך" און בפרט נאָך יענע רעוואָלוציאָנערע פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע וואָס לאָזן איבער אַ שאַרפן חותם אויף דורות, אָדער אויף גאַנצע עפּאָ־כעס, פונדעסטוועגן קאָן מען ביז אַ געוויסער מאָס ציען פּאַראַלעלן און אָנווייזן אויף געוויסע אַלגעמיינע פאַרגלייכן צווישן איין וויכטיקער פער־זענלעכקייט און אַ צווייטער. ווייל נישט געקוקט אויף זייער אַנדערש־קייט, פאַרמאָגט דער סאָרט פערזענלעכקייטן דאָך עפּעס געמיינשאַפט־לעכעס. ערגעץ־וואו איז אין אַזאַ דיסאָנאַנס דאָך פאַראַנען אַלעמאָל אַ האַרמאָניע וואָס מאַכט די דאָזיקע אייגן און פאַרוואַנדט.

און ווען מ׳רעדט וועגן די דריי גרויסע זיילן פון פּאָליטישן ציוניזם אין אונדזער יאָרהונדערט, קאָן מען אויך באַמערקן דאָס געמיינשאַפטלע־כע צווישן זיי, און ווי יעדער איינער פון זיי קומט צום ציוניזם אויף זיין אינדיווידועל־אייגנאַרטיקן אופן. זיכער זיינען פאַראַן אונטערשיידן אין זייערע לעבנס־באַנעמען, און אין דעם אופן ווי אַזוי זייערע פאַרשיידענע סביבות האָבן אויף יעדן פון זיי אַנדערש געווירקט און געפורעמט זייער

אידייען־גאַנג און אַנטוויקלונג. אָבער אין די אַלגעמיינע אויספּירן קומען זיך די וועלטן צונויף — און עס פאָרמירט זיך אויס אַ סינטעטישער מאָניזם.

נאָרדוי, דער קאַלטער, סקעפּטישער, אַנאַליטישער מוח, וואָס גראָבט אין דער טיף דימענסיע, און באַטראַכט אַלע געזעלשאַפטלעכע, איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס ווי שולדיקע אין פאַראורזאַכן מלחמות און נאָכאַנאַנדיק ברודער־קאַמף, דערקלערט דאָס אַלץ צוליב מאַכט־מאָנאָפּאָל; פון שטאַנדפּונקט פון קאָנווענציאָנעלע ליגנס. ער רייסט אַרונטער מאַסקעס און צעשטערט פאַלשע געטער. שיטות וואָס זיינען געווען דורות־לאַנג אָנגענומען אַלס מאָראַלישע קאָדעקסן באַטראַכט נאָרדוי, פון שטאַנדפּונקט פון זיין פילאָזאָפיש־פּסיכיאַטרישער פּריזמע, אַלס אַמאָראַלישע.

נאָרדוי דער איקאָנאָקלאַסט, דער ניין־זאָגער, זוכט און געפינט אין בעראַל נעגאַציע, דעסטרוקציע. דער זעלביקער נאָרדוי זעט אָבער אין ציוניזם אַ קאָנסטרוקטיוון און פּאָזיטיוון כוח.

הערצל, דער עסטעטישער שיין־גייסט, און וואָס באַטראַכט נישט וועלט־דערשיינונגען און אייביקע פּראָבלעמען דורך דער פּריזמע פון וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, נאָר פלירטעוועט לייכט און עלעגאַנט ווייל ער באַנעמט אַלץ אויף אַ קינסטלערישן אופן, אינטואיטיוו. אין זיינע לייכטע, שפּילעוודיקע, וויציק־הומאָריסטישע פעליעטאָנען קומט נישט צום אויסדרוק די שווער־באַוואָפנטע אַרטילעריע, מיט וועלכע ס׳באַנוצט זיך דער דענקער־פּובליציסט נאָרדוי. כאָטש אין הערצלס לייכטן שפּילעוודיקן ווינער וויץ און פעליעטאָן זיינען פאַראַן אַ סך רמזים און אָנדייטן פון טיפן, ערנסטן וועלט־באַנעם. דאָך קרייצן זיך זייערע וועגן: הערצל איז דער עסטעט, דער סאַלאָן־מענטש, דער לייכט־פלאַטערנדיקער זשורנאַליסט מיט דעם אינטואיטיוון איינפאַל. נאָרדוי, דער גרויסער מאָראַליסט, דער שטרענג־ערנסטער קאַבינעט־מענטש וואָס גריבלט זיך אין אַלטע, פון מאָלן־צעפּרעסענע קולטור־אַרכיוון, כדי צו געפינען דעם אמת. נאָר ביידע, — דער שפּילעוודיקער פעליעטאָניסט און דער

שטרענגער דענקער — געפינען די יידישע לייזונג אין דעם ציוניזם. הערצל אַנטדעקט דעם וועג צום ציוני־זם — און נאָרדוי באַגרינדעט און פאַרטיפט אים.

און זשאַבאָטינסקי, כאָטש אין אים קריסטאַליזירט זיך דער ציוניזם דורך אינדיווידועלער וועג־זוכעניש און איטאַליענישער השפעה, איז ער דער דירעקטער יורש, דער סינטעז, די פאַרקערפערונג פון נאָרדוי און הערצל. און אָט דאָס זיינען די דריי העלע שטערן אין דעם פאַרוואָלקנטען יידישן הימל וואָס ווייזן דעם וועג צו ארץ־ישראל. פונקט ווי הערצל, איז אויך זשאַבאָטינסקי געווען דער גרויסער שיין־גייסט, דער עסטעט מיט די פיינסטע סאלאָן־מאַניערן. ער שרייבט זיינע אַלטאַלענאַ פעליעטאָנען מיט אַלע שענסטע ליטעראַרישע פליטערלעך און אָדעסער „שיק" און שליטן־גלעקלעך. ער איז אויך געווען אַ פראָפעטישער זעער און זיך אָפטמאָל ניט געוואָלט אָנשפאַרן אין לאָגישע פילפולים, ווייל די לאָגיק, פלעגט ער טענהן, האָט אַ טבע צו זיין אַמאָל אין פולן ווידערשפרוך מיט זיינע אינטואיטיווע זעאונגען. אָט דערציילט ער אין זיינע זכרונות: „דע מאנזי, אַ באַקאַנטער פראַנצויזישער פאָליטיקער אין פראַנקרייך און אַ פריינט פון ציוניזם, האָט אַמאָל צו מיר געזאָגט: אַלץ אין ציוניזם פאַרשטיי איך נאָר ניט דעם ענין שפראַך: מיט אַ שאַרפער און אויסגעצייכנטער לאָגיק, האָט ער מיר פאָרגעשטעלט אַ מאַסע מאָטיוון קעגן העברייאיש, וואָס צעשטערט יעדע בריק צווישן דער וועלט־קולטור און דעם פאָלק וואָס די דאָזיקע קולטור איז זיין שאַפונג . . . „איך האָב געזוכט אַן ענטפער אויף זיינע שאַרפע טענות, און איך האָב נישט געפונען, דערציילט זשאַבאָטינסקי, „צום סוף האָב איך געענטפערט: און דאָך — העברייאיש; פאַרוואָס? — ווייל אַזוי . . ."

דער דאָזיקער פאַל איז זייער כאַראַקטעריסטיש. איר זעט דאָ ווי זשאַבאָטניסקי זוכט ניט צו באַקעמפן די חריפותדיקע לאָגיק וואָס שטעלט אים אַרויס אַ צוגג. זיין ענטפער איז אַ רייך־סוביעקטיווע גלוסטונג אָן וועלכן ס'איז אָנשפאַר אויף מוח־לאָגיק. ס'איז ריינע „געפיל־לאָגיק", אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. און די „געפיל־לאָגיק" איז אָפטמאָל היסטאָריש־קאָרעקט.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אָבער נישט אַלעמאָל, נאַטירלעך, האָט זיך זשאַבאָטינסקי פאַרלאָזט אויף געפיל־לאָגיק. ער איז אויך געווען דער וואונדערלעכער פּאָלעמי־קער וואָס האָט זיך אָפּט היפּשלעך באַנוצט מיט קאָפּ־לאָגיק. ער פאַר־קערפערט אין זיך נאָרדויס זוכנדיקן, אַנאַליטישן אינטעלעקט, באַוואָפנט מיט גרינטלעכער פאַרשטענדעניש און מיט חלף־שניידנדיקער לאָגיק, וואָס ער האָט גענוצט ווען ער האָט נאָר באַדאַרפט, כדי אומצעוואַרפן די פּראָוויזאָריש־געבויטע בנינים פון זיינע קעגנער, וואָס פלעגן זיך צע־פאַלן ווי קאַרטן־שטיבלעך. ער באַנוגנט זיך ניט מיט אויבערפלעכלעכן אַנאַליז פון יידישן וועלט־פּראָבלעם, ווי עס מאַנעווורירן און מאַניפּולירן אַ סך האַלב־געבאַקענע יידישע פּאָליטיקער און קהלשע אפּוטרופּסים. ער האָט געפילט אַז די וועלט איז דער טריבונאַל פון וואַנען ס'דאַרף אַרויס־געטראָגן ווערן דער גערעכטער פּסק־דין פאַר דעם פאָלק וואָס איז אין בלוטיקן וועלט־געראַנגל, דאָס סאַמע אונטערדריקטסטע און גערודפט־סטע. און כדי צו זיין איבערצייגנדיק און משפיע זיין אויף דעם געוויסן פון דער קולטור־וועלט, פאָדערט זיך אינטעלעקטועלע בקיאות, דאָס שטאַרקע וואָרט, די גרויסע וויזיע, וואָס זאָלן אָנצינדן די הערצער — ביי די מאַכטהאָבער פון דער וועלט — און מיט אָט־די קוואַליפיקאַציעס איז זשאַבאָטינסקי געווען באַשאָנקען.

הערצל האָט אָנגעצונדן דאָס פייער. נאָרדוי האָט צוגעטראָגן ברען־מאַטעריאַל. און זשאַבאָטינסקי, זייער יורש, האָט פּערזאָניפיצירט די קאָמבינאַציע פון זייביידן. ער איז געווען פון יענע גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן, וואָס פאַרמאָגן דאָס גרויסע פּראָפעטישע פייער, וואָס צינדט הערצער און וועקט האָפענונגען. ער האָט אויפגעוואַכט צום לעבן די גאולה־ראָמאַנטיק פון אַ דערשלאָגן פאָלק, און גלייכצייטיק האָט ער די גאולה־ראָמאַנטיק געגערט מיט דער פּראַקטיק פון טעגלעכע קאַמפן, כדי צו רעאַליזירן דעם חלום פון זיין וויזיע.

מ'האָט זשאַבאָטינסקין אָפטמאָל באַטיטלט אַלס בעל־חלומות. נו, איז ער טאַקע געווען שטאָלץ מיט דעם דאָזיקן עפּיטעט וואָס זיינע קעג־נער האָבן אים צוגעשריבן. ווייל ער האָט געגלייבט צוזאַמען מיט הערצלען — „אַז אַלץ וואָס מענטשן טוען איז אַמאָל געווען פאַנטאַזיע,

חלום. דאָס חלומען איז באַשאַפן געוואָרן כדי אויסצופילן די צייט וואָס מיר פאַרברענגען אויף דער ערד" . . . מ'האָט זשאַבאָטינסקין אויך איראָניש באַטיטלט אַלס „גויאישער קאָפּ", וואָס האָט אַסימילירט די גריכישע לאָגיק וואָס איז פרעמד דעם יידישן גייסט. דערציילט ער טאַקע אַליין אין זיינע זכרונות וועגן דעם. ער דערציילט ווי שמועסנדיק מיט מאַקס נאָרדוין האָט אים נאָרדוי אַמאָל געזאָגט: — „אָבער דאָס איז לאָגיק, ליבער פריינט, און לאָגיק איז אַ גריכישע קונסט. אַ ייד פאַרלאָזט זיך ניט צופיל אויפן שכל, ער ווערט באַווירקט פון אַ געשעענעם פאַקט. אַ ייד וועט ניט קויפן קיין רעגנשירעם ווען ער זעט אַ פאַרוואָלקנטן הימל. ער מוז פריער דורכגעווייקט ווערן פון אַ שטאַרקן רעגן־גאָס און קריגן לונגען־אנטצינדונג — און דאַן — נו, דאַן איז עס שוין עפּעס אַנדערש"... דער דאָזיקער ענטפער נאָרדויס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון, ענדיקט זשאַבאָטינסקי.

כ'האָב דאָ געבראַכט די דאָזיקע שטריכן, ווייל זיי זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן לעבנס־פּאָרטרעט פון דעם דינאַמישן זשאַבאָטינסקי. לאָגיק און עמאָציע האָבן האַרמאָניש באַוועלטיקט און זיך צונויפגעשמעלצט אין דער זשאַבאָטינסקי פּערזענלעכקייט. ער האָט די דאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן וואונדערלעך קאָמבינירט און מאַניפעסטירט אין זיין קאַמף פאַרן אמת; אין זיין קאַמף פאַר יידישער רעכט און יידישער באַפרייאונג.

ער איז דער גלענצנדיקער און לעגיטימער יורש פון הערצלס עסטעטישן שיין־גייסט און נאָרדויס שאַרף־חלפדיקער אַנאַליטיק און לאָגיק.

קאפיטל עלף

זשאַבאָטינסקי און דער גייסטיקער ציוניזם

ס׳וואָלט געקלונגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, ווען מ׳זאָל זשאַבאָטינסקין, דעם באמת־אוניווערסאַלן קולטור־מענטש, ווען צושרייבן דעם עפּיטעט פון אַ קעמפער קעגן גייסטיקן ציוניזם.

איז דאָך זשאַבאָטינסקיס גאַנצער ציוניסטישער באַנעם און איינשטעל, אַ פּועל־יוצא פון אַ קאָלאָסאַלן קולטור־בייטראַג. דער פּובליציסט־עסייאיסט, חיים גרינבערג, איז טאָקע גערעכט, ווען ער באַמערקט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען איבער זשאַבאָטינסקין, אַז „זשאַבאָטינסקיס בייטראַג צום ציוניזם איז געווען פון אַ קאָלאָסאַל־פּעדאַגאָגישן כאַראַקטער פאַרן ציוניסטישן געדאַנק". ווייל ווי אַזוי קאָנען מיר אַנדערש באַנעמען און פאַרשטיין זשאַבאָטינסקיס באַרעכטיקטן קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע, און אַלע אירע וואַריאַציעס און מאַניפעסטאַציעס אין יידישן לעבן, וואָס זייער ציל איז דאָך הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען אין אונדזער קולטורעלן אויפלייז? וואָלט עס דען בכלל מעגלעך געווען אַז זשאַבאָטינסקי, דער אייראָפּייאישער קולטור־מענטש, זאָל איינשפּאַנען זיין „איך" אין דעם קאַמף פאַר יידישער באַפרייאונג, ווען ער וואָלט נישט גלייכצייטיק געטראַכט וועגן פּרעזערווירן די קולטור־אוצרות פון זיין פאָלק?

ס׳איז איינס פון די ביידע: אָדער אונדזער באַגריף וועגן יידישער פאָלקס־באַפרייאונג איז נאָך ניט קיין קלאָר־אויספאָרמירטער באַגריף, אָדער מ׳האָט באַוואוסטזיניק געזוכט קאָמפּראָמיטירן זשאַבאָטינסקיס

ציוניסטישן וועלט־באַנעם, צוליב פּאַרטייאישע צילן און דאָגמאַטיזם. אַנדערש קאָן מען דעם ענין ניט באַגרייפן.

וואָלט עמיצער געוואָגט באַשולדיקן דעם איטאַליענישן פרייהייט־קעמפער גאַריבאַלדי אין אומלאָיאַליטעט צו די קולטור־ווערטן פון איטאַליענישן פאָלק? ס׳וואָלט געווען אומזין. פאָלק איז דאָך ניט סתם אַ פּוסטער באַגריף. פאָלק־באַפרייאונג איז אין זיך כולל אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פאָלקס־גאַנצקייט. ס׳איז דאָך עלעמענטאַר, אַז ווען מ׳רעדט וועגן פאָלק און לאַנד, מיינט מען: גוף און נשמה.

דאָס איז געווען די רעאַל־אָריענטאַציע פון הערצל און נאָרדוי. ציוניזם איז דורך זיי דעפינירט געוואָרן ווי די פולשטענדיקע לייזונג פון יידן־פּראָבלעם — עווענטועל דאָס יידנטום־פּראָבלעם. פאַר זיי איז יידישער גלות, יידישע מאַרטיריאָלאָגיע ניט געווען סתם פיזישער אָנגריף און אומקום, נאָר גלייכצייטיק אויך — לייזן גייסטיקע אויסגעוואָרצלטקייט. דעריבער האָט הערצל לאָגיש און קאָרעקט דעפינירט דעם ציוניזם: — ציוניזם איז ניט נאָר דער צוריקקער אין יידן־לאַנד, נאָר עווענטועל צום יידנטום.

אויך זשאַבאָטינסקי, הערצלס געטרייער תלמיד, האָט אַנדערש ניט געקענט פאַרשטיין און פאַרטייטשן דעם ציוניסטישן געדאַנק.

ציוניזם האָט אָבער אויך פאַר זשאַבאָטינסקין ניט געמיינט קיין צעשפּאָלטנקייט, קיין האַלבקייטן. דער ציוניזם מוז אויפגעפאַסט ווערן מאָניסטיש. מ׳קאָן דעם ציוניזם ניט צעברעקלען אין ברוך־שטיקער. ציוניזם איז ניט רעליגיעז, ניט סאָציאַל, ניט קולטורעל. ציוניזם איז אָבער אַלץ צוזאַמען — אָדער אַ פאַרזעעניש.

ווי זאָגט ער טאַקע „...אַ נאַציאָנאַלע קולטור באַשטייט ניט נאָר פון ביכער און מוזיק, ווי אַ סך שטעלן זיך פאָר. אַ נאַציאָנאַלע קולטור איז דער סך־הכל פון אַלע מנהגים און אינסטיטוטן און לעבנס־פאָרמען פון אַ פאָלק״.

פון דעם איז צו דרינגען, אַז דערמיט וואָס איינער באַטראַכט זיך פאַר אַ ליבהאָבער פון העברייאיש איז ער שוין באַרעכטיקט באַטיטלט צו

ווערן — נאַציאָנאַלער ייד. בשום־אופן ניט. כדי צו זיין אַן אָנהענגער פון העברייאיש, מוז מען זיך ניט דווקא אידענטיפיצירן מיט די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אַספּיראַציעס. ס׳קאָן דאָך פּאַסירן, אַז אַ קאַטוילישער גייסטלעכער זאָל ווערן אַן אָנהענגער פון העברייאיש צוליב מיסטיש־ראָמאַנטישע מאָטיוון. איז דאָך פאַר אים העברייאיש די שפּראַך פון ביבלישער אַנטפּלעקונג. אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז דער קאַטוילישער גייסטלעכער — מיט אונדזער גאַנצן רעספּעקט פאַר זיין ליבע צו אונדזער ביבלישער שאַפונג — שליסט זיך איין אין דער ראַם פון יידישן נאַציאָנאַליזם.

דער רעליגיעז־גלויביקער קאָן זיך אָן שוועריקייטן אויסשליסן פון אונדזער נאַציאָנאַלן יש, ווי עס האָבן עס דעמאָנסטרירט יענע מערב־אייראָפּיאישע „פּראָטעסט־ראַבינער" און ווי עס האָבן עס אין אַ באַדייטנדיקער צאָל דעמאָנסטרירט די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן.

אַ גאָר השובער טייל פון אחד־העמס חסידים האָבן זיך טאָקע אָפּגעזונדערט פון דעם מאָניסטישן קאָמפּלעקס פון ציוניסטישע פּראָבלעמען. דערפאַר די נעגאַטיווע באַציאונג מצד זשאַבאָטינסקין צום ריינעם קולטור־ציוניזם.

זשאַבאָטינסקי איז געווען דער קעמפער פאַר גאַנצקייט אין יידישן לעבן, און אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון סעקטאַנטישן גייסט. קאַרלייל האָט באַטראַכט די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווי די ביאָגראַפיע פון יחידים. אחד־העם האָט די דאָזיקע קאָנצעפּציע באַטראַכט אַלס פונדאַמענטאַל אין זיין אינטערפּרעטאַציע פון אונדזער פאָלק־געשיכטע. זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט ניט איגנאָרירט דעם ביישטראָג פון יחיד אין אונדזער לעבן, האָט געגלויבט פונקט ווי דער איטאַליענישער פרייהייט־קעמפער מאַציני, אַז „דאָס פאָלק איז דער שפּייכלער פאַר אונדזערע גרויסע מענטשן, וועלכע זיינען אונדזערע נביאים און אונדזערע פאַרטייטשער פון נאַציאָנאַלן געדאַנק . . ."

זשאַבאָטינסקי האָט באַטראַכט דעם ציוניזם ווי אַ געזונטן פאַרוואָרצלטן בוים, וואָס טראָגט אויף זיך די פּירות מיט די צווייגן, ווי איין

פּראַכטפולע גאַנצקייט. זשאַבאָטינסקי האָט באַנומען דעם ציוניזם ווי אַ סימפאָניע פון אַלערליי מוזיקאַלישע אַקאָרדן, ווי אַ וואונדערלעכער גאָרטען פול מיט מולטי־קאָלירטע רויזן און בלומען.

דער ציוניזם איז, לויט זשאַבאָטינסקין, אַ סינטעז פון אַלע קאָלירן און אַקאָרדן אין יידישן לעבן. אַלע אינאיינעם — אַ רעגנבויגן פון פאַרבען, און ווען באַזונדער גענומען — זיינען דאָס בלויז אָפּגעריסענע צווייגען, צום הפקר אויסגעשטעלטע שבטים אין דעם בבל־כאָאָס פון לשונות און פרעמדע דיאַלעקטן.

און דאָך, ווי סתירותדיק ס'זאָל ניט קלינגען, האָט זיך זשאַבאָטינסקי באַטראַכט אַלס אחד־העמס אַ תלמיד, אָבער זשאַבאָטינסקי האָט דעם גייסטיק־קולטורעלן ציוניזם פון אחד־העמן אַסימילירט און אים אַנדערש אַנגעווענדט פאַר דער לייזונג פון זיין „גרויס־ציוניזם"־אידייע.

זשאַבאָטינסקי איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פאַר דעם אויפלעב פון דער העברייאישער ליטעראַטור. אָבער זשאַבאָטינסקי האָט בשום־אופן ניט באַטראַכט די העברייאישע ליטעראַטור, מיט אַלע אירע קאָלירן פון רעגנבויגן, ווי עפּעס אַ ציל פאַר זיך. די העברייאישע ליטעראַטור, די העברייאישע שפּראַך זיינען פאַר זשאַבאָטינסקין געווען טיילן פון די קולטור־אוצרות פון אונדזער נאַציאָנאַלן שפּיכלער.

י. פּאָגראַבינסקי, דער פּריוואַט־סעקרעטאַר פון אחד־העמן, דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן אים, אַז צווישן זשאַבאָטינסקין און אחד־העמן האָט עקזיסטירט אַ וואַרעמע, פריינטלעכע קעגנזייטיקע באַציאונג. ניט נאָר האָט די דאָזיקע באַציאונג געטראָגן דעם כאַראַקטער פון סתם פריינטלעכקייט, נאָר זשאַבאָטינסקין האָט אחד־העמן באַטראַכט ווי זיינס אַ פאָרגייער, אַ קלאַסיקער פון ציוניסטישן געדאַנק — און ער האָט עס באַטראַכט פאַר אַ גרויסן כבוד צו ציילן זיך צווישן אחד־העמס תלמידים.

אויף אַן אָוונט, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך א. בערלין און א. דרויאַנאָף, לכבוד זשאַבאָטינסקין, האָט זשאַבאָטינסקי יענעם אָוונט עפנטלעך דערקלערט אחד־העמן אַלס איינעם פון זיינע „לערער פון ציוניזם". אויך אחד־העם איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער

אַרבעט און אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון זשאַבאָטינסקין, — „דעם ליבלינג פון רוסישן יידנטום".

אחד־העם האָט אָפטמאָל באַטאָנט, אַז זיי חסידים פעלשן זיין תורה פון „גייסטיקן ציוניזם". זיי טוען עס, אפשר, מיט די בעסטע כוונות. אָבער האַלבע און צעדרייטע אמתן זיינען פאַרפירעריש פאַר אונדזער זאַך".

זשאַבאָטינסקי האָט איינמאָל אין אַ לאַנגן געשפּרעך מיט אחד־העמן דיסקוטירט דעם „יידנשטאַט־געדאַנק" און ער האָט אחד־העמן אָנגעוויזן, אַז זיין נעגאַציע פון „שטאַט־פּרינציפּ" איז אַ פולשטענדיקע סתירה צו זיין „מרכז רוחני". זשאַבאָטינסקי האָט שאַרף באַטאָנט, אַז „אויב עס וועט זיין אַ יידישער שטאַט, אַ יידישע מערהייט אין ארץ־ישראל, וועט זי סוף־כל־סוף מוזן דערציִען ווערן אויף דער שויס פון יהדות, און אַ גרויסער כמות יידן וועט שליסלעך אויך דערפירן צו אַ גרעסערער אי־כות" . . . ביים דאָזיקן געדאַנק האָט אים אחד־העם אונטערבראָכן און אים געזאָגט, אַז ער „באַטראַכט זיך צווישן די ראשונים פון אַ יידישער מערהייט אין ארץ־ישראל, און אַז אָן אַ יידישער מערהייט האָט ער גאָר־ניט געחלומט אַז ס'וועט זיך איינגעבן די פאַרווירקלעכונג פון גייסטיקן צענטער". מ'האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען, באַקלאָגט זיך אחד־העם. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער בפירוש אַנטוויקלט אין זיין עסיי „שלוש מדרגות, וואָס איז אַריין אין זיינע שריפטן „על פרשת דרכים".

און זשאַבאָטינסקי האָט ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו באַרירן דעם אחד־העמיזם, ציטירט דעם דערמאָנטן עסיי פון אחד־העמס פעדער.

אמת, זשאַבאָטינסקי איז אויך איינצייטיק געווען דער שאַרפער פאַר־לעמיקער פון דעם אחד־העמיזם, וואָס זאָל האָבן געשאַפן געוואָרן פון אחד־העמס חסידים. נו, האָט זיך דאָך אחד־העם אליין ביטער באַקלאָגט, אַז מ'האָט זיין תורה שלעכט געטייטשט און פאַרטייטשט. ווי ס'איז אָפט־מאָל דער פאַל מיט גייסטרייכע געדאַנקען פון באַרימטקייטן, וועלכע ווע־

רען שלעכט פאַרטייטשט. האָט דאָך אויך פון דעמזעלבן גורל געליטן זשאַבאָטינסקיס רעוויזיאָניזם, וואָס איז אַזוי שלעכט אויסגעטייטשט געוואָרן. אָבער זשאַבאָטינסקי האָט ווי אַ לייב געקעמפט קעגן זיינע פילצאָליקע קעגנער וואָס טייטשן אין אים אַריין שלעכטע כוונות, בשעת אחד־העם האָט, ווי אַ פאַרוואונדעטער אָדלער, אַראָפּגעלאָזט די פליגל און געלאָזט זיינע קעגנער און זיינע נאָכגייער טייטשן זיין שיטה לויט זייערע עטישע געשמאַקן און פרייער פאַנטאַזיע. אחד־העם איז געווען איינער פון אונדזערע קלאָרסטע קעפּ. זיין פובליציסטיק איז אַ פיינער מוסטער פון קלאָרקייט, געדאַנקלעכקייט און צמצום, און דאָך—דאָך זיינען ביי אים אויך פאַראַן אַזוי פיל ווידערשפּרוכן.

זשאַבאָטינסקי איז געווען שאַרף צו אחד־העמס חסידים, וואָס האָבן קעגן דעם ווילן פון זייער גרויסן רבין, פאַרוואַנדלט זיין תורה אין אַ מין סכאָלאַסטישן מיסטיציזם, וואָס איז און מוז בלייבן פרעמד אונדזער פאָלק.

פאַר זיי איז דער עיקר ניט די קוואַנטיטעט נאָר די קוואַליטעט. פופציק טויזנט יידן דערצויגן אין יהדות־גייסט אין ארץ־ישראל האָט פאַר זיי מער באַדייטונג ווי זעכצן־זיבעצן מיליאָן יידן אין דער וועלט.

אַזאַ קולטור־ציוניזם האָט זשאַבאָטינסקי געהאַלטן פאַרן גרעסטן אַבסורד. אויף דעם האָט זשאַבאָטניסקי געענטפערט אין די ווערטער פון מאַציני: — „פאַרלייקנט ניט די אַלגעמיינע מוטער צוליב איינציקע פון אירע קינדער, ווי פריווילעגירט זיי זאָלן ניט זיין, ווייל אין דער זעלביקער צייט וואָס איר פאַרלייקנט זיי, פאַרלירט איר די חשיבות פון די דאָזיקע מוסטער־מענטשן וואָס איר ליבט און רעספעקטירט . . .״

דערפון נעמט זיך זשאַבאָטינסקיס שאַרפקייט אין טעמפעראַמענט, ווען ער האָט באַרירט יענע ברית־שלומניקעס וואָס באַטראַכטן זיך פאַר די געזעצלעכע יורשים פון אחד־עהמס תורה.

„די בענטוויטשעס, די מאַגנוסעס און די אַנדערע פון דעם זעלביקן חדר דרשנען, — זאָגט זשאַבאָטינסקי — די לערע פון מאַרטין בובער, אַ טיפּישן פראָוויניציאַל פון גייסט, אַ דריט־קלאַסיקער קליינדענקער מיט

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ניין מאָס פאַרדרייטע פראַזן און איין מאָס אידייען, און ניט זיינע און אויך נוצלאָזע. מ׳לערנט די יוגנט קוקן אויפן ציוניזם ווי אַ שטרעבונג וואָס ס׳איז בעסער פאַר איר זי זאָל אייביק בלייבן אַ שטרעבונג און קיינמאָל נישט ווערן קיין יש, — עפּעס ווי אַ בעל־הביתטע אין די אַלטע יאָרן, פלעגט פרעגלען איינגעמאַכטס און דערביי זאָגן: „מ׳זאָל, חלילה, נישט באַדאַרפן" . . .

ניין, זשאַבאָטינסקי איז ניט געווען קעגן קולטור־ציוניזם. ער האָט אָבער געהאַלטן ווי נאָרדוי, אַז אין דער צייט ווען יידן ווערן פאַר אונדזער׳ע אויגן ברוטאַל דערטרונקען אין אַ ים פון רשעות, קאָנען מיר זיך ניט דערלויבן דעם טייערן לוקסוס פון אָפּצוימען זיך אויף אַ זייטיקן פעלדז, און דערווייל זיצן רואיק און באַטראַכטן דעם גיהנום פון מענטשלעכער פיין און ליידן מיט פילאָזאָפישן סטאָאיציזם. מ׳קאָן אונטער אַזעלכע פּאַטאַלאָגיש־אַבנאָרמאַלע אומשטענדן אין וועלט־מאַסשטאַב ניט טראַכטן פון פּריווילעגירטע, אינדיווידועל־אויסדערווײלטע. מ׳מוז איצט טראַכטן אין טערמינען פון קאָלעקטיוו, פון ראַטעווען מיליאָנען פון פיזישן אומקום און חורבן.

מ׳קאָן הונגעריקע יידן, וואָס ווערן ביאָלאָגיש פאַרניכטעט, נישט קאָמפּענסירן מיט קולטור־ווערטן אין דער איצטיקער בהלה־תקופה, ווען מ׳צאַפּלט זיך אין שרעקלעכע יסורים פון גסיסה.

עטיק, רעליגיע, ליטעראַטור, מנהגים, שפּראַך, און אַלע אַנדערע שטריכן און ניואַנסן וואָס זיינען די פונדאַמענטאַלע נויטווענדיקייטן פון אַן אינטענסיוו־לעבעדיק פאָלק, זיינען צווייגן און טיילן פון דער ראַם וואָס הייסט — גרויס־ציוניזם, ווי דאָס האָבן דאָס פאַרשטאַנען העס, פּינסקער, הערצל און נאָרדוי — און ווי זשאַבאָטינסקי האָט זיי ריכטיק פאַרטייטשט און ממשיך געווען. זשאַבאָטינסקי איז אָבער באַשטאַנען, אַז אין אָנהייב מוזן אַלע שטראָמען איינגעשפּאַנט ווערן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון יידנשטאַט פלוס יידישער מאַיאָריטעט. באַזונדערס איצט, איז דאָס דער איינציקער אומפאַרמיידלעכער נאַציאָנאַלער אימפּע־

ו ו ל אַ ד י מ י ר   ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י

ראַטיוו פון אונדזער גורל אַלס פאָלק. קיין אַנדער אויסוועג איז נישט פאַראַן. אָדער פאָלק־גאַנצקייט אָדער בבל פון צעבּרעקלטע שבטים.

צו'פאַראַפראַזירן דעם פאָטער ווענטורא: „אויב די קולטור־ציוניסטן פון פאַרשיידענע שטרעמונגען וועלן ניט גיין צוזאַמען מיטן געדאַנק פון גרויס־ציוניזם, וועט דער גרויס־ציוניזם מוזן גיין אַליין אָן זיי און קעגן זיי". אָבער ניט קעגן קולטור, פאַרקערט, מיר וועלן אַוועק פון דער טויטער פאַרגאַנגענהייט צו אַ לעבעדיקער צוקונפט.

קאַפּיטל צוועלף

זאב זשאַבאָטינסקי און חיים ווייצמאַן — צוויי קאָנטראַסטן

זשאַבאָטינסקי און ווייצמאַן, רעפּרעזענטירן מיט זיך צוויי קאָנ־טראַסטן אין ציוניסטישן וועלט־באַנעם. דער ערשטער איז אַן אויסגעשפּראָכן דינאַמישע פּערזענלעכקייט, דער צווייטער — אַ סטאַטישע. איינער איז גרויס־שטאָטיש און דער אַנדערער — שטעטלדיק.

סיי זייער דערציאונג, סיי זייערע סביבות האָבן זיי גייסטיק אַנ־דערש געשטאַלטיקט. אין זייערע כאַראַקטערן, אין זייערע מענטאַליטעטן זײַנען זיי שטענדיק געווען צוויי פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן זיך צונויפגעשטויסן אין דער לייזונג פון וועלט־ און ייִד־פּראָבלעם.

אין ווייצמאַנס נשמה קומט פאָר אַ געראַנגל צווישן עקסטרעמען און ער קלייבט אויס דעם גאָלדענעם „מיטל־וועג", וואָס ווערט גלאָריפיצירט פון אונדזערע גלות־דיכטער און דענקער. ווייצמאַן, וואָס איז דער אָפּשטאַם פון אַ פרום־אָרטאָדאָקסישער משפחה פון לומדים, איז דער פּראָדוקט פון יענער גייסטיקער וועלט, וואו די „שמח־בחלקו"־קאָנ־צעפּציע פאַרקערפּערט דעם גאַנצן פּראָגנאָז צו דער ייִדישער גלות־טראַגיק און עקאָנאָמישן דלות. מ'האָט זיך צוגעוואוינט צו אַלערליי פיזישע און גייסטיקע פּייניקונגען און שאַנד־אַקטן מצד דער ניט־ייִדישער וועלט.

מ'האָט די דאָזיקע יסורים אָנגענומען באהבה, — אין מערסטע

פאָלק, ווען אפילו מיט אַ „שפוך חמתך" אויף די ליפּן, אָבער מ'האָט ניט געוואָגט צו רעוואָלטירן קעגן אָט־דער דורותדיקער הכנעה. מ'האָט באַטראַכט די וועלט, פון „דאָ־זיין", ווי אַ שטראָף פאַר אויסגעטראַכטע חטאים וואָס דער יידישער כלל און דער יידישער יחיד, זאָלן אַמאָל, אין דער ווייטער פאַראַגאַנגענהייט האָבן באַגאַנגען. די־וועלט איז דאָס „פאַרהויז" צום אייביקן גן־עדן, וואו דער ייד וועט קאָמפּענסירט ווערן פאַר זיינע פיזישע און גייסטיקע אָנגריפן, און די רוצחים און רשעים, די אייביקע יידישע פייניקער, וועלן דורך כביכול אַליין באַשטראָפט ווערן . . . בכלל, האָט זיך געשפּינט יענע הערלעכע משיח־לעגענדע — וואָס דאַרף באַפרייען די וועלט פון אירעליידן און בתוכם דאָס יידישע פאָלק.

די דאָזיקע גלות־ראָמאַנטיק ציט זיך דורך יאָרטויזנטער, דורך יסורים און פּיין. דורות זיינען געקומען און דורות זיינען פאַרשוואונדן אין זייער אייביקייט — אַלץ מיט דעם דאָזיקן חלום. די דרויסנדיקע וועלט האָט דורכגעמאַכט אַלערליי גילגולים און אומוואַנדלונגען—אָבער, ביי אונדז האָבן די דאָזיקע אומוואַנדלונגען און איבערקערענישן אָנגענומען אַ קריכנדיקן, לאַנגזאַמען פּראָצעס.

ווייצמאַן, וואָס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער פרום־רעליגיעזער סביבה — טראָץ וואָס פערזענלעך האָט ער געמאַכט רעוויזיעס אין זיין גייסטיקער געשטאַלטונג — איז אָבער, ביז אַ געוויסן גראַד, געבליבן טיף־פאַראַנקערט אין יענער סכאָלאַסטישער, גייסטיקער וועלט. רעוואָלט־שטימונגען, דינאַמישע אימפּולסן — זיינען פרעמדע עלעמענטן וואָס קאָנען ניט איינגעשלאָסן ווערן אין דער ראַם פון זיין לעבנס־באַנעם. ער געהערט צו יענעם טיפּ, וואָס טראָץ זיין וועלטלעכן איינפלוס איז ער געבליבן שטעקן אין זיין קליינשטעטלדיקער סביבה. ער קאָן זיך ניט אַריינפּאַסן אין די קאָפּ־שווינדלענדיקע פּראָצעסן פון אונדזער מאָדערנער צייט. ער אָפּערירט מיט מאָדערנע באַגריפן און געדאַנקען, אָבער עס פעלט אים דער מוט צו דערפירן זיינע געדאַנקען און באַגריפן צו קאָנסעקווענטע אויספירן.

זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אים דער פאַרשטאָרבענער

עסייאיסט, דר. א. קאָראַלניק: „ווייצמאַן — אַ מענטש, וואָס קאָן וואַרטן, וואָס האָט דעם מוט ניט צו זיין קאָנסעקוועגט, אַ מענטש פון שטימונ־גען . . . היינט אַזוי — מאָרגן אַנדערש און וואָס איז? נישט לאָגיש, ניט אויסגעהאַלטן — מילא!"

ווייצמאַן איז זיכער אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק, אַן איבערגעגע־בענער פאַטריאָט. אָ ניין, מיר האָבן דורך אונדזער פאָרטרעט־פאַראַלעל זיכער ניט בדעה צו מינימיזירן זיין פאַטריאָטיזם. אָבער ער איז עפּעס פאַטעטיש־טראַגיש אין דעם מאַנטל פון פאָלק־פירערשאַפט. זיין פּערס־פּעקטיוו איז צו באַגרענעצט. ער פאַרמאָגט ניט דעם פּראָפעטישן שוואונג און דעם אייזערנעם ווילן פאַר גרויסע היסטאָרישע וועלט־פּראָצעסן.

אַלס שטאַטסמאַן איז ווייצמאַן אָפּאָרטוניסטיש, וואַקלדיק. ער איז צופיל סקעפּטיקער, צווייפלער. ער איז עפּעס ניט זיכער מיט זיך אַליין. ער איז די אידעאַל'ע פאַרקערפּערונג פון אַמאָליקן שתדלן. ער האָט אפשר דעם אַמאָליקן שתדלן דערפירט צו דער העכסטער מדרגה. אָבער ווייטער האָט ער ניט קיין מוט און קיין קוראַזש צו גיין. ער קאָן עפּעס ניט באַנעמען די רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין יידישן לעבן אונטער זיינע אייגענע אויגן. ער לעבט מיטן נעכטן און פאַרשטייט ניט דעם היינט, און פאַרן ווייטן מאָרגן איז זיין פּערס־פּעקטיוו צו באַשרענקט. ער לעבט אין אַ גייסטיקער וועלט וואָס רייסט זיך פון אונטער זיין באָדן — און דאָך וויל ער ניט צוגעבן אַז זיין שיטה האָט אָפּגעלעבט איר צייט און דאַרף גיין אין היסטאָרישן אַרכיוו פון דער אייביקייט.

ווייצמאַן רעדט וועגן אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים פאַר יידן אין ארץ־ישראל און איז צופרידן ווען מ'דערלויבט אונדז אויסבויען עטלע־כע קאָלאָניעס און אַ צאָל קולטור־אינסטיטוציעס. ער רעדט וועגן יידנ־שטאַט און באַנוגנט זיך מיט דעם באַרימטן „צעטייל־פּלאַן" וואָס עס האָט פּראָיעקטירט אַן ענגלישע קאָמיסיע. דער יידנשטאַט איז די גרויס פון אַ „טל־ומטר" אין אַ קליין סידורל. אָבער פאַר ווייצמאַנען דעם פאָ־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ליטיקער איז עס אַ היסטאָרישער געווינס, אַ נצחון פון זיין דיפּלאָמאַ־טישן מעטאָד.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז טראָץ זיינע פּאָליטישע בלאָנדזשע־נישן, לייקענען מיר ניט זיין אידעאַליזם. ער האָט גרויסע פאַר־דינסטן וואָס אונדזער פאָלק־געשיכטע וועט זיכער ניט פאַרגעסן צו פאַרצייכענען אין אירע אַנאַלן. אָבער אַלס גרויס־שטאַטסמאַן, ווי זיי־נע חסידים באַזינגען אים, פעלט אים: וויזיע, דיפּלאָמאַטישע גע־שיקטקייט און איבער אַלץ: — עקשנות, יאָ — עקשנות איז אַ זייער וויכטיקער פאַקטאָר אין מאָדערנער דיפּלאָמאַטיע.

ווייצמאַן, אין זיין הספד איבער זשאַבאָטינסקין, האָט אַליין זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט די חלוקי־דעות צווישן אים און זשאַבאָ־טינסקין. אַט־וואָס ער זאָגט: „ביידע זיינען מיר אינספּירירט געוואָרן דורך דעם אידעאַל פון אַ שנעלער לייזונג צום יידישן פאָלק. זשאַבאָ־טינסקי איז געווען קעגן דער לאַנגזאַמקייט פון אונדזער טאַקטיק. די געשיכטע וועט אורטיילן וועלכער שטאַנדפּונקט ס'איז געווען גערעכט".

זשאַבאָטינסקי איז דער קאָנטראַסט צום שפּיץ־פּען בילד וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעוואָרפן וועגן ווייצמאַנען. זשאַבאָטינסקי דערציילט, אַז צו זיין יחוס־שטאַם האָבן ניט געהערט קיין רבנים, קיין כלי־קודש. ער שטאַמט פון סוחרים און משכילים. זיין זיידע, פון דער מוטערס צד, שטאַמט פון בערדיטשעוו, איינע פון די סאַמע יידישיסטישע שטעט אין אוקראַינע, און דאָך איז זיין זיידע באַטראַכט געוואָרן ווי אַן „אַפּי־קורס" (נאַטירלעך, לויט די אַמאָליקע באַגריפן). זשאַבאָטינסקי איז געבוירן אין דער פריילעך, באַהעמיש־באַסיאַקישער, גרויס־שטאָט פון רוסלאַנד — אָדעס. זיין סביבה: רוסישע סטודענטן אין גימנאַזיע אין אַ שטיפעריש־אינגלערישן אַרום. די מוטער האָט איר גאַנץ לעבן גע־רעדט רוסיש מיט די קינדער, כאָטש זי האָט געמאַכט אַ חורבן פון דער רוסישער גראַמאַטיק. צו אַכצן יאָר פאַרט וולאַדימיר אַוועק שטו־דירן אין רוים. זשאַבאָטינסקי באַטראַכט אפילו רוים פאַר זיין גייס־טיק פאָטערלאַנד, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. זיינע באַציאונגען צו די פּראָבלעמען פון נאַציע, שטאַט און געזעלשאַפט קריסטאַליזירט

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

זיך אונטער איטאַליענישער השפעה. דאָ וואָרצלט אפשר זיין געזונטע, גריכישע לאָגיק, אָן עפּיטעט וואָס מאַקס נאָרדוי האָט אים, אין שפּע־טערדיקע יאָרן, צוגעשריבן.

דורכפאָרנדיק די געדיכטע יידישע צענטערס אין רוסלאַנד און גאַליציע, באַמערקט ער אַ דערשיינונג וואָס לאָזט ביי אים איבער אַ פּיינלעך־טרויעריקן איינדרוק. דאָרטן האָט ער געהערט דעם שקלאַפן־הומאָר, וואָס באַנוגנט זיך מיט מבטל מאַכן דעם שונא, אַנשטאָט אַרויס־צוטרעטן אין אַ דירעקטן אָפענעם בונט קעגן אים.

ווי מען זעט פון די עטלעכע באַמערקונגען, איז זשאַבאָטינסקי דער אַרויסוואוקס פון אַ גאַנץ אַנדערע גייסטיקער סביבה. ער, ווען ער דערנענטערט זיך און הייבט אָן נעמען אָן אינטענסיוו־אַקטיוון אָנ־טייל אין דער אידישער באַפרייאונג־באַוועגונג — קומט מיט אַ גאַנץ אַנדערן גייסטיקן באַגאַזש צום יידנטום. ער האָט אין זיך אַסימילירט דרויסנדיקע עלעמענטן, וואָס ער פּרוואוט איינפלאַנצן אין אידישן לעבן. ער איז געווען באַהערשט פון אַ גייסט וואָס שטויסט אים צו דינאַמישן קאַמף. ער האָט אין זיך אַריינגעזויגן די גלאָריע פון מאָ־דערנעם, ליבעראַלן נאַציאָנאַליזם.

זשאַבאָטינסקי זאָגט: — „מ'האָט צוואַנציק יאָר געפּרעדיקט פּאַרפּוילטע פּראָפּאַגאַנדע, מ'האָט ניט געפּרעדיקט קיין העלדישקייט, נאָר געלט, געלט... דער ציוניזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַלטן גבאי, וואָס קריכט אַרום מיט דער פּושקע און זאַמלט געלט... דאָס שמאַכטן אין תפיסה אין עכו איז געווען אַ שאַנדע — האָט מען זיי געזאָגט", — ענדיקט זשאַבאָטינסקי.

דאָס זיינען פייערדיקע ווערטער פון אַן אידעאַליסט־בונטאָר, וואָס ווייסט אַז אָן „חבלי־לידה" קאָן דאָס קינד פון „יידיש־נאַציאָנאַלן אויפ־קום" ניט געבוירן ווערן.

אַלס ענטפער צו די ווייסע און שוואַרצע פּאַפּירן וואָס דאָס ענג־לישע קאָלאָניאַל־ביוראָ האָט פעריאָדיש אונדז צוגעשטעלט, פּאַראַפראַ־זירט ער הערצעלס באַרימט וואָרט „אויב איר וועט ניט וועלן וועט עס ניט געשען"... וועגן דעם חלוקה־פּראָיעקט זאָגט זשאַבאָטינסקי: —

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

„דאָס קאַפּיטל האָט איבערגעלאָזט טיפע וואונדן אין אונדזער האַרץ און אין אונדזער נשמה... דער ענין וואָס מ׳וויל דורכפירן איז פאַר אונדז אַ ידערנידעריגונג!״...

אָ, ניין. ער איז ניט גרייט געווען אָננעמען דעם „חלוקה־פּלאַן״ ווי אַ טריאומפירנדיקן נצחון. ער האָט אים ביטער באַקעמפט און באַ־טראַכט ווי אַ פאַרשוועכונג קעגן אונדזערע היסטאָרישע אַספּיראַציעס. ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ מאָראַלישן קלאַפּ.

ער האָט אָבער ניט געפּריידיקט יאוש, דעפּיטיזם און רעזיגנאַציע. ער האָט ניט באַטראַכט דעם ציוניזם ווי אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל פון דער וועלט־געשיכטע. די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט ער שטאַרק אַקצענטירט דעם עלעמענט פון פאַראייניקונג. אויף אַ פאַר־אייניקטן אופן וועלן מיר קאָנצענטרירן אַלע אונדזערע כוחות אין אַ פאַרמעסט צו באַקעמפן די פאַרשיידענע מאַנעוורעס וואָס זוכן צו ליק־ווידירן און רעדוצירן די היסטאָריש־געוואָרענע באַלפור־דעקלאַראַציע. אָפּגעזען פון די טרויעריקע וועלט־קאַטאַקליזמען — „טאָרן מיר ניט פירן דעם וואָגן מיט די שעפּסן צום וואָלף. פּרוּווט אָפּשטעלן דעם וואָגן. פּרוּווט אַרויסשפּרינגען, פּרוּווט מאַכן עפּעס אַ מכשול אויפן וועג... אָפּטרעטן אָן ווידערשטאַנד הייסט אַלץ אָוועקגעבן״ — מיט דעם שטורעמט ער אויף אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג אין פּוילן.

אין זיין פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן איינשטעל איז ער ניט געגאַנגען אויפן וועג פון קאָמפּראָמיסן און אָפּאָרטוניזם. ער איז געווען דער גרויסער רעאַליסט, דער גרויסער עקשן, דורכגעדרונגען מיט אַן אָפּ־טימיזם, אַז דער אמת מוז מנצח זיין אין דער צוקונפט. „דער שקר פאָרט אויף אַ קאַרעטע און דער אמת גייט צו פוס״, האָט געזאָגט דער גרויסער דיכטער פרץ. אָבער זשאַבאָטינסקי איז געווען טיף־איבער־צייגט אַז די קאַרעטע וועט זיך אָנשטויסן אויף אַ פעלזיקן באַרג־שפּיץ און דער שקר וועט ברעכן האַלז־און־נאַקן, און דער אמת וואָס גייט צו פוס וועט בשלום אָנקומען אויף זיין אָרט.

זשאַבאָטינסקי איז געווען דער גרויסער טרייסטער און גרויסער

בעל־בטחון פון זײַן פאָלק. אונטער די שװערע גורל־קלעפּ צװישן האַ־מער און קאָװאַדלע, האָט ער זיך ניט אַנגעשלאָסן אין אַלגעמײנעם כאָר פון מקוננים צו קלאָגן אויף דער שװערער דאָליע פון ײדישן פאָלק אין פּעריאָד פון גרויסן װעלט־געראַנגל.

נײַן, ער האָט זיך ניט געװאָלט אונטערגעבן דעם פאַטאַלן שיקזאַל, דער טראַגיק פון הײַנט. ער האָט געזען אַ העל־באַלויכטענעם מאָרגן. דאָס ליכט מוז גובר זײַן די טונקעלע שאָטנס. ער איז געװען און גע־בליבן דער גרויסער בעל־חלומות, דער װיזיאָנער פון זײַן פאָלקס־ליכ־טיקער צוקונפט.

קאַפּיטל דרייצן

זשאַבאָטינסקי — זיין ייד-מענטש-באַנעם — אָדער זיינע סאָציאַלע מעדיטאַציעס

אין אונדזערע פריערדיקע קאַפּיטלען איז דערציילט געוואָרן וועגן זשאַבאָטינסקין דעם ציוניסטישן אידעאָלאָג, וועגן זשאַבאָטינסקין דעם שריפטשטעלער, איז אויך ווערט דאָ אָנצואוואַרפן עטלעכע שטריכן און געדאַנקען וועגן זשאַבאָטינסקין דעם סאָציאָלאָג, דעם דענקער און מעדי־טירער פון אַן אַלמענטשלעכן וועלט־באַנעם — געזען און פאַרטייטשט דורך יידישע אויגן. אַ וועלט־באַנעם, וואָס האָט זיין אָנשפּאַר אין אַלט־אַלטע יידישע מקורים.

אַ סך פלעגן זיך וואונדערן — און מיט רעכט — צי וואָלט זשאַבאָ־טינסקי געגעבן זיין סאַנקציע פאַרן סאָציאַליזם פון מאַרקסן, נאָכדעם ווי דער יידנשטאַט־געדאַנק וואָלט ווערן אַ'רעאַלער פאַקט? איצט האָט שוין די פראַגע זיכער ניט מער ווי אַ ספּעקולאַטיווע ווערט. פונדעסטוועגן קען מען זאָגן אַז זשאַבאָטינסקי וואָלט געווען קעגן. ווייל אין זיין סאָ־ציאַל־עטישן באַנעם איז זשאַבאָטינסקי געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע, — הגם ער איגנאָרירט קיינמאָל ניט דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר אין דער גע־שיכטע.

געוויס דאַרף דאָס סאָציאַלע צוזאַמענלעבן רעווידירט ווערן, אַזוי אַז דער מענטש זאָל באַפרייט ווערן פון דעם שווערן, דריקנדיקן יאָך פון דלות, אומזיכערקייט און עקספּלואַטאַציע. דאָס איז אַן עלעמענטאַרער

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אמת וועגן וועלכן מ׳דאַרף אַפילו ניט אַרגומענטירן מער וועגן זיין באַדייט. ער זאָגט עס טאַקע אַזוי קלאַסיש אין זיין עסיי, „דער סאָציאַלער שוץ״: „די געזעלשאַפט וועט יעדן צושטעלן דעם עלעמענטאַרן מאַטעריעלן מינימום, פּונקט ווי שוין היינט שטעלט זי צו פאַר יעדן פון אונדז דעם גייסטיקן מינימום — די אַלגעמיינע עלעמענטאַרע שול. הונגער און קעלט און דאַכלאָזיקייט וועלן פאַרשווינדן, ווי עס זיינען פאַרשוואונדן אין אַ ריי קולטור לענדער די אַנאַלפאַבעטן — כאָטש מיט הונדערט יאָר צוריק האָט מען עס נאָך באַטראַכט פאַר אַן אוטאָפּיע . . .״ דאָס אַלץ איז זייער גוט. אָבער מאַרקסיזם איז דאָס ניט. ווייל דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם שטעלט דאָך הויפּטזאַכלעך דעם טראָפּ אויף זיין מאַטעריאַליסטישער אויסטייטשונג פון אונדזער גאַנצן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. און זשאַבאָטינסקי גלויבט ניט אַז דער מאַטעריעלער פאַקטאָר איז דער הויפּט פּראָגנאָז פון אונדזער ליידנדיקער מענטשהייט.

זשאַבאָטינסקי איז אין דער פילאָזאָפיע אַן אידעאַליסט. זיין אויסטייטש פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע איז אַ פילאָזאָפיש־אידעאַליסטישע. און כאָטש זשאַבאָטינסקי האָט קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט זיין פילאָזאָפישן אני־מאמין אין אַ פונדאַמענטאַל ווערק, געפינען מיר אָבער שטריכן פון אָט־דער פילאָזאָפיע צעוואָרפן אין אַ צאָל פון זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, וואו ער באַהאַנדלט, פאַרבייגייענדיק, אַספּעקטן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און פון אונדזער צוקונפט. ער גלויבט אַז דאָס יידנטום האָט זיין אייגנאַרטיקן אופן פון לייזן די קלאַסן־דיפערענצן. געוויס זיינען די דאָזיקע מאָמענטן פאַראַן סיי אין דעם מלוכה־אויפבוי און סיי ווען דאָס ווערק איז פאַרענדיקט. אָבער זשאַבאָטינסקי זוכט שאַפן דעם סינטעז, די אידייען־פאַרבינדונג צווישן אַלע פאָלקס־קלאַסן, וואָס זיינען אייגנטלעך דער אַרויסוואוקס פון באַזונדערע קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע אינטערעסן. ער פאַרשטייט די שעדלעכקייט פון קלאַסן־קאַמף. ער האָט מורא אַז דער דאָזיקער קאַמף וועט אויפפרעסן אונדזער גאַנצן אינוועסטירטן פאָלקס־קאַפּיטאַל און פאָלקס־ענערגיע. אַלע פעלקער ליידן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער מכה. מ׳קאָן זי אָבער

ניט לייזן דורך אַ שפרונג. פונדעסטוועגן דענקט ער: „עס איז נישט קיין אויפגאַבע פון שטאַטס־ציוניזם צו „ליקווידירן" קלאַסן־געפילן. די אויפגאַבע איז זיי צו „סטעריליזירן", פאַרוואַנדלען זיי אין מאַכטלאָזע שטימונגען, וואָס זיינען נישט אימשטאַנד צו באַאיינפלוסן די עקאָנאָמי־שע ווירקלעכקייט פון ארץ־ישראל, כל־זמן עס האָט זיך נישט פאַרענ־דיקט דער פּראָצעס פון בויען די יידישע מערהייט". (קלאַסן־פראַגן).

ס'מוז איינגעשטעלט ווערן אַ נאַציאָנאַלער אַרביטראַזש באַזירט אויף אַ צוגויפגוס פון אַלע פּאָלקס־ריכטונגען. דער דאַזיקער אַרביט־ראַזש איז דער פּראָוויזאָרישער אויטאָריטעט אין דער צייט פון מלוכה־אויפבוי אין פאַל פון קלאַסן־קאָנפליקטן.

ער זאָגט אין זיין עסיי וועגן „קלאַסן־פראַגן": „אַלס מענטשן זיינען מיר איבערצייגט, אַז דער היינטיקער צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט איז שלעכט און גרויזאַם און מוז פאַרענדערט ווערן; און אַלס יידן געדענ־קען מיר, אַז דער קאַמף פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער אָרדענונג איז שטענדיק געווען איינע פון די שענסטע טראַדיציעס פון יידישן געדאַנק און געוויסן, אָנפאַנגענדיק מיט משה רבינו און ביז אין די לעצטע יאָר־צענטן. פיל פון אונדז גלויבן, אַז אין דער צוקונפט וועט דווקא ארץ־ישראל ווערן יענע „לאַבאָראַטאָריע", וואו עס וועט ענדלעך אַנטדעקט און דורכגעפירט ווערן דער ריכטיקער רעצעפּט פאַר סאָציאַלער גאולה פון דער גאַנצער מענטשהייט. איידער אָבער מ'אַנטדעקט רעצעפּטן, מוז מען אויסבויען די לאַבאָראַטאָריע" . . .

„די אמתע סאָציאַלע גאולה וועט ניט זיין אַ רעזולטאַט פון קלאַסנ־קאַמף: זי וועט זיין דער פועל־יוצא פון שכל, פון געניוס, פון טעכנישע דערפינדונגען און ראַציאָנאַליזאַציע", — זאָגט זשאַבאָטינסקי אין זיין דערמאָנטער עסיי „סאָציאַלע שוץ".

ער זאָגט אויך, אַז הגם ס'איז פאַראַן אַ טענדענץ אין געוויסע גע־זעלשאַפטלעכע קרייזן, אַ שאַרפע פאַרביטערונג קעגן דעם אינטענסיוון, טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס, אַלס פועל־יוצא פון די פּעריאָדישע קריזיסן,

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

איז די דאָזיקע טענדענץ — אַן אַנטי־פּראָגרעסיווע און אַנטי־וויסנ־שאַפטלעכע.

דער בעסטער אויסוועג איז זיכער ניט „אָפּצושטעלן דערפינדונ־גען", נאָר להיפוך, ווייטער זוכן, ווייטער דערפינדן, ווייטער פּאַרלייכ־טערן דאָרט, וואו די פּראָדוקציע פּראָגרעסירט, אַ דאַנק די וויסנשאַפט־לעכע דערפינדונגען — זאָל די אַרבעט־צייט פון די אַרבעטער געשניטן ווערן כדי צו שאַפן ־דעם געהעריקן באַלאַנס. עס איז אַ טעות צו זאָגן, אַז דאָרט וואו מ'האָט פריער געדאַרפט 100 אַרבעטער, קאָן מען זיך היינט באַגיין מיט 57. אַזאַ חשבון איז פאַלש און דעסטרוקטיוו פון אַ ריין געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. אַזאַ שטאַנדפּונקט מוז קאָנסע־קווענט פירן צו אַ וועלט־קריזיס . . .

פאַר דער צוקונפטיקער אָרדענונג, גלויבט זשאַבאָטינסקי, וואָלט אָמבעסטן געפּאַסט דער „אינדיווידואַליזם", פאָרמולירט אין זשאַבאָטינ־סקיס אייגענע ווערטער: „ . . . אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם יחיד. יעדער יחיד איז אַ קעניג. זאָל בעסער דער יחיד זינדיקן לגבי דער גע־זעלשאַפט, איידער די געזעלשאַפט זאָל זינדיקן לגבי דעם יחיד. די גע־זעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער טובה פון די יחידים, און נישט פאַרקערט. און דער ענדציל, די צוקונפט־וויזיע איז — אַ גן־עדן פון יחיד, אַ גלענצנדיקע אַנאַרכיע־מלוכה, אַן אומבאַגרענעצטער כוחות־פאַרמעסט צווישן אינדיווידן. וואָס שייך דער „געזעלשאַפט" האָט זי ניט קיין אַנדערע אויפגאַבע ווי נאָר צו העלפן דעם געפאַלענעם, דערמו־טיקן אים, און אים געבן די מעגלעכקייט ווידער זיך אַריינצולאָזן אין דעם זעלבן פאַרמעסט־שפּיל . . ." אָט־דער געדאַנק באַווייזט אונדז אַז זשאַבאָטינסקי איז שטאַרק אונטער דעם איינפלוס פון אונדזער אַלט־אַלטן תנ"ך. זיין געדאַנק אַז דער מענטש, דער יחיד, זאָל שפּילן די הויפּט־ראָלע אין אונדזער צוקונפטיקן לעבן, וואָרצלט אין דער אַלטער יידישער עטיק, וואו דער איינצלנער שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין אונדזער צוזאַמענלעבן און איז ניט אונטערגעוואָרפן די עגאָ־קאַפּריזן פון דער מלוכה אָדער רעגירונג, ווי ס'ווערט אין אונדזערע טעג, אַזוי בלוי־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

טיק־ברוטאַל אילוסטרירט אין די פאַרשיידנפאַרביקע, טאָטאַל־דיקטאַטאָרישע מלוכות.

מיר ווועלן די עטישע פּרינציפּן פון תנ"ך פּרואוון אָנווענדן אין אונדזער באַנייטן נאַציאָנאַל־סאָציאַלן לעבן. מיר וועלן דורך אייגענעם געברויך אפשר אויך דינען פאַר דער מענטשהייט אַלס מוסטער. דאָס יידנטום און זיינע עטישע בנינים זיינען דער פולסטער אויסדרוק פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

„דער אויבערשטער האָט טאַקע באַשאַפן די וועלט אַזוי ווי זי איז, דער מענטש טאָר אָבער נישט דערלאָזן, אַז די וועלט זאָל בלייבן „אַזוי ווי זי איז" — ער מוז זי שטענדיק פאַרבעסערן, ער מוז שטענדיק זוכן ממלא צו זיין די חסרונות אין דער וועלט־אָרדענונג, וואָס דער אויבערשטער האָט איבערגעלאָזט פול מיט חסרונות מסתמא דווקא צוליב דעם, אַז דער מענטש זאָל קעמפן און שטרעבן צו „תיקונו של עולם" (פּרקים וועגן סאָציאַלער פילאָזאָפיע פון תנ"ך).

זשאַבאָטינסקי איז אַליין דער סינאָנים, די פאַרקערפּערונג פון דעמאָקראַטישן געוויסן. ער איז געווען דער אייביקער בונטאַר און מאַנער פון יושר אין אַ ברוטאַלער וועלט פון דיקטאַטורן. זשאַבאָטינסקי שרייבט אין איינעם פון זיינע גייסטרייכע עסייס:

„... די פרייהייט פון געוויסן און וויכוח איז אייגנטלעך ווי לופט פאַרן דת... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען עמיצער וואָלט געוואָלט געבן אַן ענטפער אין גייסט פון דעם וואָס מיר רופן היינט אַן „פאַשיזם", ד.ה. אַז מ'טאָר נישט דיסקוטירן, נישט זוכן און באַסטאַ — דאַן האָבן מיר נישט וועגן וואָס צו רעדן, וואָס אין מיינע אויגן איז דאָס אַ סדום־געזעץ און אַ קלאַפּ פאַרן כבוד פון דער שכינה..." אין אַן אַנדער אָרט אין זעלביקן אַרטיקל, זאָגט ער, וועגן די יעניקע וואָס פּרואוון דורך פאַנאַטיזם אַרויפצווינגען וועלכן ס'איז גלויבן — צי איז דאָס רעליגיע, פּאָליטישע אָדער נאַציאָנאַל־סאָציאַלע איבערצייגונגען..." אַ גרויסע וויזיע האָט אויך אַ גרויסן רעאַליזירער. זיין נאָמען איז — פרייהייט...

די שכינה קומט ניט מיט דער אָנווענדונג פון אויסערלעכע צוואַנגס־מיטלען . . ."

זשאַבאָטינסקי שרייבט וועגן ליבעראַליזם: „. . . אַ ברייטער באַגריף, אַ טרוים פון אומאַרויפגעצוואונגענער אָרדענונג און רעכט, אָן אַלמענטשלעכע וויזיע דורכגעוועבט מיט דערבאַרעמונג, טאָלעראַנץ און גלויבן אין דער גרונטזעצלעכער גוטסקייט און יושרדיקייט פון מענטשן־קינד. עס האָט זיך דעמאָלט נאָך ניט געפילט אין דער לופט די מינדסטע אָנדייטונג פון דעם קולט פאַר „ד י ס צ י פ ל י ן", וואָס האָט זיך דערנאָך אויסגעדריקט אין פאַשיזם . . ." פון אָט־דעם ציטירטען זאַץ קאָנט איר אַרויסלייענען אַז דער דאָזיקער מענטש האָט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה געהאַסט יענעם סיסטעם וואָס אייניקע בייזוויליקע קעגנער האָבן געוואָלט אידענטיפיצירן מיט אים. זשאַבאָטינסקי האָט גערעדט וועגן „דיסציפלין", וועגן „מאַכט" אין מאָראַלישע קאַטעגאָריעס. ער האָט געלערנט די יוגנט די ראָל פון „נאַציאָנאַלער דיסציפלין", איז ער דאָך אַליין געווען אַ ביטערער קעגנער פון אָט־דעם קולט.

אין זיין ראָמאַן „שמשון" ווייזט ער אָן אויף אָט־דער טאָפּלטער ראָלע פון דיסציפלין: ס'זיינען פאַראַן מאָמענטן אין אונדזער לעבן ווען אָט־דער דאָזיקער מיאוסער קולט פון „נאַציאָנאַלער געהאָרכזאַמקייט איז כמעט אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פאַר אונדזער עקזיסטענץ", שרייבט ער, און דאָך — דאָך לאַכט ער זיך אויס וועגן אָט־דעם קולט וואָס האַלט דעם יחיד געשמידט צו אַ קאָלעקטיוון ווילן. ער באַוואונדערט די האַרמאָנישע גאַנצקייט וואָס ס'ווייזן אַרויס די פלישתים אַ דאַנק דער דאָזיקער דיסציפלין; די סובאָרדינאַציע פון אינדיווידועלן ווילן — און דאָך רעדט ער ביי יעדער געלעגנהייט מיט סאַרקאַסטישן ציניזם וועגן אָט־דער לער. זשאַבאָטינסקי איז געווען און געבליבן דער שטרענגער אינדיווידואַליסט, טראָץ דעם, וואָס אויבערפלעכלעך האָט מען געקאָנט אַרויסטראָגן אַ פאַרקערטן איידרוק פון זיין לערע. און איינדרוקן און פאָראורטיילן קעגן זשאַבאָטינסקין זיינען געווען פיל און פאַרשיידנאַרטיקע.

קאַפּיטל פערצן

דער ייִדישער לעגיאָן

ביי זשאַבאָטינסקין איז דער געדאַנק פון ייִדישן לעגיאָן אַן אינטעג־ראַלער טייל פון זיין ציוניסטישן איינשטעל, און פון דער גאַנצער אויפ־פאַסונג לגבי אונדזערע פאָלק־פּראָבלעמען.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז זשאַבאָטינסקין איז, לחלוטין, געווען פרעמד די גלות־פּסיכיק מיט איר נעגאַציע פון פיזישן ווידער־שטאַנד. מ׳האָט דאָס ייִדישע קינד באַלד ביים וויגעלע איינגעוויגט מיט דעם ניגון, אַז — תורה איז אונדזער בעסטע סחורה, און מיט וואַרשאַוו־סקיס באַרימטער פאָלקס־ליד „אויפן פּריפּעטשאָק״. זשאַבאָטינסקי האָט גערופן און אויפגעפאָדערט צו זינגען אַנדערע לידער און זינגען וואַר־שאַווסקיס באַרימטע ליד אין אַן אַנדער נוסח . . .

ביים אָנהייב פון זשאַבאָטינסקיס ערשטע געזעלשאַפטלעכע טריט, איז אים געווען דערווידער יענער גייסטיקער איינשטעל אין ייִדישן לעבן, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין אַ וועלט פון ביטול און שקלאַפישע הכנעה. מ׳איז געווען צופרידן מיט דעם ביסל רחמנות וואָס מ׳האָט אונדז מיט שפּאָט און פאַראַכטונג צוגעטיילט פון צייט־צו־צייט. מיר האָבן ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן פּראָטעסט אָדער רעוואָלט לגבי אונדזער פיינטלעכער סביבה. וואָס פאַר אַ צעקראָכענע באַשעפענישן מיר זיינען געוואָרן. מען שפּייט אונדז אין פּנים, מ׳טרעט אויף אונדזע־רע רוקנס, און מיר בויגן קנעכטיש אונדזערע קעפּ צו דער ערד! און נאָך מער, אויב עס האָבן זיך באַוויזן אייניקע, וואָס האָבן געוואָגט זיך

אַרויסרייסן פון דעם דאָזיקן בישטיקן, שקלאַפישן לעבן, האָבן זיי באַדאַרפט זיך אויסשטיין געברענטע און געהאַקטע צרות מצד זייערע אייגענע חברים־ברידער.

זשאַבאָטינסקי האָט מיט אַלע חושים פון זיין שטאָלצער אָדלער־נשמה געהאַט די ציניש־ביטולדיקע מענטאַליטעט, וואָס האָט אין זיך אָפגעטויט דעם גייסט פון מענלעכקייט, פון געוואַגטקייט, וואָס איז אייגענטלעך געווען דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין אונדזער לאַנגיאָריקער פאַרגאַנגענהייט.

זשאַבאָטינסקי איז אָן שום ספק באַווירקט געוואָרן פון די מאַכטיק אויפגעקלונגענע נאַציאָנאַלע מאָטיוון וואָס דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער חיים נחמן ביאַליק האָט געשאַפן. ער איז באַזונדערס שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דעם עפאָכע־מאַכנדיקן ליד—„די שחיטה שטאָט”. אין דעם דאָזיקן ליד האָט ביאַליק מיט גאַליקער איראָניע געמוסרט זיין אייגן פאָלק, די אור־אייניקלעך פון די חשמונאים און די יורשים פון בר־כּכבא פאַר זייער פּחדנות, פאַר זייער אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך ווי מייז אין לעכער, דורך דער צייט פון אַרויסגערופענע פאָגראָמען קעגן זיי. „ווי מייז און וואַנצן זיינען זיי זיך צעלאָפן אין די לעכער און ווי הינט געשטאָרבן . . . אַ זון איז געקומען אויף מאָרגן נאָך דער שחיטה זען דעם פּגר פון זיין פאָטער וואָס האָט זיך אין מיסט געוואַלגערט . . .”

דער דאָזיקער אויסגעשריי פון אַ צעפייניקטער און צעוואונדיקטער פאָלקס־נשמה האָט אויפגעוואַכט און געצונדן פייערן פון פראָטעסט, פון זעלבסטווירדע אין די הערצער פון דער יידישער יוגנט, און אַרויסגערופן שטימונגען פון רעוואָלט און פלאַמיקער שנאה צו זייערע פייניקער און מערדער.

באַמערקט טאַקע אין אַן עסיי זשאַבאָטינסקי וועגן ביאַליקן, אַז דער לעגיאָן־געדאַנק, דער יידישער זעלבסטשוץ, זיינען ביאַליקס גייסטיקע קינדער. זיינע קרעפטיקע, לאַווע־שפייענדיקע לידער האָבן געוועקט מוט און גערופן צו ווידערשטאַנד.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ביים אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה איז זשאַבאָטינסקי אַרומגעפאָרן איבער פאַרשיידענע וועלט־טיילן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון גרויסע טעגלעכע רוסישע צייטונגען. ער האָט געשריבן ניט נאָר וועגן יענע דעטאַלן וואָס זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט דער קריג־סטראַטעגיק און די פאַרשיידענע קריג־אָפּעראַציעס, נאָר אויך וועגן יענע שטימונגען און רעאַקציעס פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן וואָס באַטייליקן זיך אין קריג. אין יענער צייט איז ער געווען אַן אָבסערוואַנטער פון קריג וואָס האָט געהאָפט וועגן אַ שנעלן פרידן.

אין דעצעמבער 1914, ווען טערקיי איז אַריין אין קריג, האָט זשאַ־באָטינסקי אָנגעהויבן זיך פאַראינטערעסירן מיט דער ניי־געשאַפענער פּאָליטישער קאָניוקטור פון אַ ריין יידישן שטאַנדפּונקט. ער זעט גע־וואַלדיקע היסטאָרישע שאַנסן פאַר אונדזערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. ער איז שוין דעמאָלט געווען זיכער אַז טערקיי וועט פאַרלירן און צע־טיילט ווערן, און מיר יידן, באַטראַכטנדיק דעם היסטאָרישן פּערספּעק־טיוו, טאָרן אין אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט, ניט בלייבן נייטראַל. מיר מוזן זיך באַטייליקן אין קריג אַלס אַן אַקטיווער צד אויף דער זייט פון ענג־לאַנד קעגן טערקיי.

אויפן וועג נאָך אַלעקסאַנדריע, באַזוכט ער דעם אַלטן גרייז פון ציוניזם מאַקס נאָרדוי, וועלכער געפינט זיך דאַן אין מאַדריד. זשאַבאָ־טינסקי דערציילט אים וועגן זיינע שטימונגען און אָריענטאַציעס מכּוח דעם גאַנג פון קריג. ער באַראָט זיך מיט אים וועגן דער פּאָליטישער פּראַקטישקייט פון עטאַבלירן אַ יידישן לעגיאָן, וואָס זאָל זיך שלאָגן אין נאָענטן מזרח אויף דער זייט פון ענגלאַנד. ער וויל דערגיין צי עס איז מעגלעך צו באַאיינפלוסן די ענגלישע רעגירונג זי זאָל דורכזעצן אַזאַ פּראָיעקט? נאָרדוי איז סקעפּטיש צום געדאַנק, ניט מחמת קעגנער־שאַפט. ער זעט אין לעגיאָן־געדאַנק, אַ באַדייטנדיקן פּאָליטישן פאַקטאָר פאַר אונזער זאַך. ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט די היסטאָרישע קאָנ־סעקווענצן פון אַזאַ פּראָיעקט, ער איז אָבער נישט זיכער צי עס וועט געלינגען צו קריגן יידישע סאָלדאַטן פאַר דעם. און ווייל בכלל איז ביי

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

יידן עפּעס פאַראַן אַ נאַרישער סענטימענט פאַר די טערקן. נאַרדוי זאָגט אים פאַראויס, אַז ער וועט זיך אָנשטויסן אויף שטערונגען מצד אַסימי־לירטע עלעמענטן און אויך אין די ציוניסטישע ספערן. אָבער זשאַבאָ־טינסקי ענטפערט אים אויף דעם אַלץ מיט איבערצייגונג און שטאָלץ: אַז מ'דאַרף איצט ניט נעמען אין באַטראַכט קיין שטערונגען און נאַרישע סענטימענטן. ס'איז איצט אַ צייט פאַר אַקציע, און ניט פאַר טעאָרע־טישע פּילפּולים!...

ווען זשאַבאָטינסקי קומט אָן אין עגיפּטן מיט אַ שיף, באַגעגנט ער דאָרטן אַ פּיינעם ציוניסטישן קרייז. אין אַלעקסאַנדריע באַגעגנט ער זיך צום ערשטן מאָל מיט יוסף טרומפּעלדאָרן און מיט אַנדערע פּראָמי־נענטע ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל און זיך דאָרטן באַזעצן. ער לייגט פאַר טרומפּעלדאָרן זיין גראַנ־דיעזן פּלאַן פון גרינדן אַ גרויסן יידישן לעגיאָן. און ער איז אין עקס־טאַז פון פרייד ווען ער דערוואוסט זיך אַז אויך טרומפּעלדאָר חלומט וועגן אַ גרויסן יידישן לעגיאָן. באַלד ווערן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין די פּראָוויזאָרישע באַראַקן פון די פּליכטלינגען, וואָס זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. דער געדאַנק פון אַ יידישן לע־גיאָן קריגט אָנהענגער, ווערט פּאָפּולער, און ווערט אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. אין דער מאָביליזאַציע פאַרשרייבן זיך אַרום טויזנט יונגעלייט. די מערסטע פון זיי: פּויליש־רוסישע יידן און אויך אַ גרויסע צאָל ספרדים. דורך שווערער מי און אַלערליי דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען געלינגט זיי צו שאַפן דעם ערשטן יידישן קאַמפּס־גדוד — דעם „ציון־מויל־קאָרפּוס".

זשאַבאָטינסקי און טרומפּעלדאָר זיינען ווייט ניט צופרידן מיט דעם כאַראַקטער וואָס דער לעגיאָן נעמט אָן. זיי האָבן געחלומט וועגן אַן אַנ־דערן סאָרט לעגיאָן.

זשאַבאָטינסקי פאָרט אָפּ קיין עגיפּטן, פון דאָרטן קיין לאָנדאָן, כדי אָנצופירן מיט זיין אַרבעט צו רעאַליזירן זיין חלום, און שאַפן אַן אמתן יידישן לעגיאָן, וואָס זאָל שטימען און זיין פּיאַיק צו פאַרמעסטן זיך מיט

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט.

טרומפּעלדאָר, כאָטש ניט אין גאַנצן צופרידן, נעמט אָן דעם פאָר־שלאַג פון גענעראַל מאַקסוועל, און אין אַפּריל 1915 ווערט דער „מויל־אייזל־קאָרפּוס" אָפיציעל פאָרמירט, אונטער דער פיזיקער פירערשאַפט פון קוירנעל פּעטערסאָן, און שפּעטער פון טרומפּעלדאָרן אַליין.

זשאַבאָטינסקי האָט שפּעטער געביטן זיין מיינונג וועגן דעם אייזל־קאָרפּוס. כאָטש דער גדוד האָט נאָר צוגעשטעלט פּראָוויאַנט דער ענג־לישער אַרמיי, וואָס האָט זיך געשלאָגן אַרום די דאַרדאַנעלן, האָבן זיי אָבער געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל, און דורך זייער בראַווקייט אַריינ־געשריבן אַ ליכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. נאָך צוויי יאָר דינסט ווערט דער „אייזל־קאָרפּוס" אָפיציעל אויפגעלייזט. זשאַבאָטינסקי בלייבט אָבער פאַרעקשנט און גייט אָן מיט זיין אַרבעט. ער פאָרט אַרום אין אייראָפּע און ווערט נישט מיד צו אַגיטירן דעם גע־דאַנק פון יידישן לעגיאָן. ער פּובליצירט צוזאַמען מיט מאיר גראָס־מאַן, די „יידישע טריבונע", וואו דער געדאַנק פון לעגיאָן ווערט נאָכאַ־נאַנד פּאָפּולאַריזירט.

דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, חיים וייצמאַן, וואָס גייט זיך שפּעטער אַזוי שאַרף פאַנאַנדער מיט זשאַ־באָטינסקי אין דער אידעאָלאָגיע און אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק, האָט אָבער אין דערזעלביקער צייט פיל בייגעטראָגן אין דער גרינדונג יידישן לעגיאָן דורך זיינע באַמיאונגען ביי ענגלישע שטאַטסלייט, און דורך באַקענען זשאַבאָטינסקין מיט פּראָמינענטע ענגלישע פּערזענלעכ־קייטן. אויך פּנחס רוטענבערג שטעלט זיך אויף דער זייט פון זשאַבאָ־טינסקין.

אָבער מיט דעם אַלץ איז דאָס ניט לייכט אָנגעקומען זשאַבאָטינסקין. ער האָט זיך אַלץ אָנגעשטויסן אויף שאַרפע חלוקי דעות און שטערונגען. אַזעלכע ציוניסטישע פּני ווי דר. גאַסטער, טשלענאָוו און אחד־העם, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין לאָנדאָן, האָבן שאַרף באַקעמפט זשאַבאָטינסקיס לעגיאָן־פּראָיעקט. אויך אין רוסלאַנד טרעטן שאַרף

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אַרויס קעגן דעם פלאַן די חסידים פון אחד־העמן. מ׳זידלט זשאַבאָטינסקין, ווי געוויינלעך, מיט די שאַרפסטע עפיטעטן. מ׳האָט אים באַטיטלט אַלס „מיליטאַריסט”, „מערדער”, „פראָוואָקאַטאָר” און ענלעכע עפיטעטן, ווי ספעציעל אויסגעקליבן פון זידל־לעקסיקאָן. אויף פאַרזאַמלונגען ווערט ער באַהאָגלט מיט קאַרטאָפליעס און פאַרפוילטע טאָמאַטן, און אַמאָל פליט אויך אַ שטיין . . . און אין זיין געבורט־שטאָט, אָדעס, האָט אים אַפילו אַ געוויסע ציוניסטישע שול אַריינגעלייגט אין חרם.

אונטער אַזעלכע „גינסטיקע” אומשטענדן האָט ער חדשים לאַנג געאַרבעט און געלעבט. ער האָט געאָטעמט האס און שנאה נישט נאָר מצד אויסגעשפראָכענע קעגנער פון ציוניזם, נאָר מצד די אייגענע ציוניסטישע חברים. אָבער די אַלע שטרויכלונגען און שטערונגען, וועלכע דער אַלטער נאָרדוי האָט פאָראויסגעזען, האָבן זשאַבאָטינסקין ניט אַנטמוטיקט. פאַרקערט, עס האָט גאָר אַמאָל אויסגעזען, אַז דער אויספרובירטער שטורעם־פויגל — ווערט גאָר געשטאַרקט אין קאַמף. ווייל ווי אַנדערש דערקלערט מען זיין מוט, זיין עקשנות און אויסדויער!

ביז אין אויגוסט 1917 האָט דער ענגלישער קריג־דעפאַרטמענט, אונטער דער פירערשאַפט פון לאָרד קוטשנער, וואָס האָט, אגב, ביים אָנהייב אַרויסגעוויזן אַ נעגאַטיווע באַציאונג צום געדאַנק פון יידישן לעגיאָן, דעמאָלט דערקלערט אָפיציעל די פאָרמאַציע פון יידישן לעגיאָן, בראש מיט גענעראַל אַלענבי.

קוירנעל פעטערסאָן צוזאַמען מיט די הונדערט און צוואַנציק פערזאָן וועלכע טרומפעלדאָר האָט געבראַכט אין לאָנדאָן פון דעם אויפגעלייזטן „מויל־אייזל־קאָרפוס”, זיינען געווען די ערשטע רעקרוטן פון יידישן לעגיאָן.

טרומפעלדאָרן אַליין אַנטזאַגט מען זיך אַריינצונעמען אין לעגיאָן, צוליב זיין אָרעם, און הויפטזאַכלעך צוליב זיין רוסישער בירגערשאַפט. ס׳העלפן ניט קיינע באַמיאונגען פון באַקאַנטע און פון קוירנעל פעטערסאָן, וועלכער דערציילט וועגן דער העלדישקייט פון דעם איין־האַנטיקן

טרומפּעלדאָר, וואָס איז מסוגל אויפצוטאָן מער ווי אַנדערע מיטביידע הענט.

טרומפּעלדאָר פאַרט־אָפּ אין רוסלאַנד מיטן געדאַנק צו שאַפן דאָר־טען אַ גרויסע יידישע אַרמיי פון אַרום הונדערט טויזנט פּערזאָן, וואָס זאָלן קומען דורך קאַווקאַז נאָך ארץ־ישראל. דער געדאַנק קוקט אויס צו זיין פאַנטאַסטיש, אָבער טרומפּעלדאָר איז אַזוי באַהערשט פון גע־דאַנק אַז ער וויל פון גאָרניט הערן. אָבער דער אויסברוך פון דער רו־סישער רעוואָלוציע צעשטערט זיינע גראַנדיעזע פּלענער און חלומות.

דער יידישער לעגיאָן איז בלויז באַשטאַנען פון דריי באַטאַליאָנען, און ס'האָבן זיך אין זיי באַטייליקט אַרום 5,000 פּערזאָן. זשאַבאָטינסקי שרייבט אין זיינע „זכרונות": „כ'האָב געטרוימט פון אַ גרויסער יידי־שער אַרמיי, ניט פון פינף טויזנט סאָלדאַטן. אָבער דער גדוד, אַזוי ווי ער איז געווען, האָט יאָ געהאַט אַ היסטאָרישן און אַנטשיידנדיקן אַנטייל אין דער געשיכטע פון ציוניזם . . . די מאָראַלישע באַדייטונג פון לע־גיאָן מוז קלאָר זיין פאַר יעדן וואָס קאָן דענקען, סיי ווען ער איז אַ פּאַצי־פיסט, סיי ניט. מלחמות האָבן מיר אַלע פיינט; אָבער אַ פאַקט איז — אַז מיר האָבן באַקומען אונדזער אָפיציעלע רעכט אויף ארץ־ישראל אַלס רעזולטאַט פון קריג, — ד. ה. פון גרויסע מענטשלעכע קרבנות. ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי מ'וואָלט אונדז געקאָנט וואַרפן אין פּנים אַריין די פראַגע: וואו זענט איר געווען?" . .

אויך אין דער איצטיקער וועלט־מלחמה, ווען ס'איז אויפגעקומען אַן ענלעכע סיטואַציע האָט זשאַבאָטינסקי באַלד ווידער גענומען אַגיטירן פאַר דער פאָרמירונג פון אַ יידישער אַרמיי, און ווי פריער האָבן ווידער אַמאָל, ביים אָנהייב, אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען באַקעמפט זיין ווייט־זעעוודיקע און ווייט־גייענדיקע יידישע אָריענטאַציע. פון די אַסי־מילאַטאָרישע קרייזן ביז צו די עקסטרעמע פּועלי־ציון זיינען אַלע אַרויסגעטראָטן ביי אָנהייב קעגן זשאַבאָטינסקין. נאָר ווען די געפאַר פון דער נאַצי־פאַשיסטישער אינוואַזיע האָט שוין אָנגעהויבן צו באַ־דראָען דעם ישוב אין ארץ־ישראל, האָט מען ווי פריצעס „פרומע קאַץ",

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

זיך אָפּגעווישט די ליפּן, און די „גרויסע" רעאַל־פּאָליטיקער האָבן אבי־סעל פּאַשפּעטיקטע, ווידער אַמאָל געמוזט אָנקומען צו זשאַבאָטינסקיס פּלאַן, וואָס איז ביים אָנהייב פּאַרשריען און אויסגעלאַכט געוואָרן. ווייל זשאַבאָטינסקי האָט נאָך פריער אַגיטירט אַז וואָס פּאַר אַ מיינונג מיר זאָלן ניט האָבן וועגן מלחמות, מוזן מיר אין דעם מאָמענט זיין גרייט צו פאַרטיידיקן אונדזערע פּראָנט־פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל און אַלנפאַלס טאָרן מיר ניט בלייבן פּאַסיוו ביים אַנטשיידנדיקן מאָמענט פון דער וועלט־געשיכטע . . .

קאַפּיטל פופצן

זשאַבאָטינסקי — דער שריפטשטעלער

זשאַבאָטינסקי איז ניט נאָר געווען דער גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, דער בריליאַנטענער רעדנער, דער לינגוויסט, דער מיליטערישער סטראַטעג, דער עקאָנאָמיסט, — נאָר ער איז אויך געווען דער מייסטער־ווירטואָז פון געשריבענעם וואָרט. אייניקע מבינים ווילן אפילו האָבן אַז דאָס איז געווען זיין הויפּט־אייגנשאַפט.

אַ סך ליטעראַטור־קריטיקער האַלטן, אַז זשאַבאָטינסקי האָט מקריב געווען אויפן געביט פון סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן זיין שריפטשטעלערישן „איך".

ווען ער וואָלט ניט צעברעקלט און צעפּיצלט זיין טאַלאַנט, באַהויפּטן ליטעראַטור־אויטאָריטעטן, אויף אַלערליי געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, נאָר ווען ער זאָל געווען קאָנצענטרירן זיין שאַפונג־ענערגיע אויפן געביט פון שריפטשטעלעריי — וואָלט ער בלי־שום־ספק, געווען איינער פון די ערשט־ראַנגיקע שריפטשטעלער פון אונדזער צייט.

אָבער טראָץ־דעם וואָס זיין טעטיקייט איז געווען אַן אַלזייטיקע, האָט זשאַבאָטינסקי אויך אויף דעם געביט פון שריפטשטעלעריי באַוויזן צו שאַפן אייניקע מאָנומענטאַלע ווערק וואָס וועלן זיכער קלאַסיפיצירט ווערן צווישן די גרויסע ווערק פון אונדזער יאָרהונדערט.

זשאַבאָטינסקי האָט טראָץ זיין פאַרשיידנאַרטיקער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט באַוויזן צו פאַרנעמען אַ פּראָמינענט אָרט אין דער מזרח־וואַנט פון דער ליטעראַטור. ער האָט ניט געפונען קיין סתירה אין דער דואַלער טעטיקייט פון זיין אַ שריפטשטעלער און אַ

װלאַדימיר זשאַבאָטינסקי

געזעלשאַפטלעכער טוער און טעאָרעטיקער. ער האָט די דאָזיקע וויכ־טיקע צוויי אייגנשאַפטן האַרמאָניש קאָמבינירט. זיין געשריבן וואָרט און זיין גערעדט וואָרט האָט ער איינגעשפאַנט פאַר איין און דעם זעל־ביקן ענדציל: פאַר דער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק, און פאַר דעם אויפלעב פון אונדזער קולטור אין די אַלט־אַלטע היסטאָרישע גרענעצן פון ארץ־ישראל.

אמת, אין דעם אָנהויב פון זיין שריפטשטעלער־קאַריערע, ווען ער שרייבט זיינע טעגלעכע פעליטאָנען אין דער רוסישער פרעסע אונ־טער דעם פסעוודאָנים „אַלטאַלענאַ", באַרירט ער זייער ווייניק יידישע ענינים. ער ווערט פאַררעכנט צווישן די חשובסטע רוסישע זשורנאַ־ליסטן און פובליציסטן. דער גרויסער טאָלסטאָי האָט אין אים געזען אַן אויפגייענדיקן שטערן. מאַקסים גאָרקי האָט אויסגעדריקט געוואַל־טיקע באַגייסטערונג וועגן זיין טאַלאַנט. קיינעם פאַלט גאָרניט איין, אַז דער מחבר פון די פילאָזאָפיש־פינקלדיקע „אַלטאַלענאַ"־פעליעטאָנען איז דער פסעוודאָנים פון אַ יונגגמאַן אין די צוואַנציקער יאָרן מיט אַ וואַרעם, אַפּרופנדיק יידיש האַרץ.

אָבער נאָך די קעשענעווער פאָגראָמען שטעלט ער זיין ליטעראַ־רישן געניוס אינגאַנצן אין דינסט פאַר זיין פאָלק. פון דעמאָלט אָן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג, האָט ער געשריבן און געשאַפן וועגן יידן, יידיש־קייט, און אַלעמאָל האָט זיין שרייבן געווירקט און באַאומרואיקט. גלייכגילטיק האָט מען זיך צו דעם קיינמאָל ניט געקאָנט באַציען. ער שרייבט כמעט אין דער גאַנצער יידישער פרעסע אַרטיקלען וועגן ציוו־ניזם, — און בויט אויף און באַפעסטיקט מיט וואָרט און טאָט זיין שיטה פון רעוויזיאָניזם. ער טראָגט באַלד אַריין זיין אומרו און זיין קעמ־פערישן גייסט אין דער יידישער פרעסע, און זיינע אַרטיקלען ווערן צווישן די בעסט־געלייענטע און רופן אַלע מאָל אַרויס שאַרפע פאָלע־מישע וויכוחים. אָפטמאָל ווערט זשאַבאָטינסקי דאָס ציל־ברעט פאַר אַלערליי פערזענלעכע אינסינואַציעס און גיפטיקע פאַרטיי־פיילן. די פאָלעמיק ווערט מיט דער צייט אַלץ שאַרפער און נעמט אָפטמאָל אָן אַ ציינישן כאַראַקטער, אָבער זשאַבאָטינסקין שאַדט דאָס ניט, ער בלייבט

װלאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אַלץ אײנס, דער פּובליציסט פאַר עקסעלאַנס.

ייִדישע פירער זײנען ניט אײנשטימיק מיט זשאַבאָטינסקין, פּרואװן זײ דערשטיקן און באַיקאָטירן זײן בונטאַריש װאָרט, װאָס ברויזט־אויף די געמיטער און ברענגט שטענדיק אַרײן אומרו אין ציוניסטישע קרײזן. די מיטלען װאָס מען באַנוצט קעגן אים פאַרשאַפן אים אַ סך עגמת־נפש און מאַטעריעלע פאַרלוסטן, אָבער זײן מוט קען מען ניט ברעכן. זײן װאָרט װאָס מען װיל דערשטיקן, באַקומט אָדלער־פליגל און גרײכט און דרינגט אַרײן צװישן די ברײטע ייִדישע פאָלקס־מאַסן.

פאַר זײן ליטעראַרישן מעדיום באַנוצט זשאַבאָטינסקי אַ סך שפּראַכן. ער שרײבט העברײאיש, ייִדיש, רוסיש, ענגליש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש און אין אַנדערע שפּראַכן. ער שרײבט עלעגאַנט און זײן סטיל איז סקולפּטור־מעסיק.

ער איז געװען דער מײסטער פון עטלעכע שפּראַכן, אָבער די שפּראַך װאָס איז װירקלעך געװען בײ אים „כחומר ביד היוצר“, — איז דאָך פאַרבליבן די רוסישע שפּראַך, — די ליבע פון דער יוגנט.

זשאַבאָטינסקי איז אויך אַ קינסטלער־איבערזעצער, און אַזעלכע איבערזעצער װי ער, זײנען זעלטנהײטן אין אַלע ליטעראַטורן. און מאָדנע װאָס דעם פּאָליטיקער, קעמפער, שטאַטסמאַן זאָל גראָד ציען צום איבערזעצן פּאָעזיע. ער זעצט איבער ביאַליקן אין רוסיש, און מבינים אויף רוסישן סטיל באַטראַכטן די איבערזעצונג אָפּט פאַר מער געלונגען װי דעם העברײאישן אָריגינאַל. איז דאָס מסתם אַביסל אַ גוזמא. אָבער, אַלנפאַלס, האָט ער ביאַליקן אַרײנגעפירט אין היכל פון דער רוסיש־אײראָפּײאישער ליטעראַטור דורך זײן קלאַסישער איבערזעצונג. ער טראָגט אויך איבער פון ענגליש אין העברײאיש עדגאַר אַלען פּאָ'ס באַרימט װערק, „די ראָב“. צו עדגאַר פּאָ, דעם אַמעריקאַנער באַרימטן פּאָעט, באַהעם און טראַגישער פּערזענלעכקײט, װײזט ער אַרויס אַ באַזונדערע שװאַכקײט. ער האָט ליב געהאַט דאָס אָנגעהויכטע, דאָס מיסטעריעזע. דערפאַר שלינגט ער די דעטעקטיװ־מעשיות פון עדגאַר פּאָ. די קלאַסישע װערק פון רוסישן פּסיכאָלאָג און מיסטיקער דאָסטאָ־

יעווסקי. ער באַוואונדערט די מיסטיש־סימבאָלישע ווערק פון מעטער־לינק, באָדלער, ווערלעין און אַנדערע תלמידים פון אָט־דער ליטעראַרישער ריכטונג.

פון איין זייט זעצט ער איבער פון איטאַליעניש דאַנטעס „געט־לעכע קאָמעדיע" און פון דער צווייטער זייט די דעטעקטיוו־מעשות פון סער אַרטור קאָנאַן דאָיל, און אַנדערע ווערק. ער טראָגט איבער די אוצרות פון איין שפּראַך אין אַן אַנדערער. פון איין קולטור אין אַ צווייטער. ער איז אַן אייביקער אומרואיקער זוכער.

זשאַבאָטינסקי איז אויך אַליין אַ גאַנץ פיינער דיכטער. הגם ער איז געווען מער געניסער, מער ליבהאָבער פון פּאָעזיע ווי אייגנאַר־טיקער שאַפער אויף דעם געביט. דאָך האָט ער איבערגעלאָזט, אין זיין ליטעראַרישער ירושה, אייניקע קינסטלעריש־ווערטפולע אויסגעהאַ־מערטע לידער. צווישן זיינע געזאַמלטע רוסישע ווערק איז אויך פאַראַן איין באַנד סיי אָריגינעלע און סיי איבערגעזעצטע, פון זיינע ליבלינג־דיכטער.

זיינע לידער פאַרמאָגן ניט דעם פּאָעטישן געניוס און די מוזיקאַ־לישע ריטמיק פון גרויסע מייסטער פון פּאָעטישן פערז. אָבער אויך זיינע לידער, די געדרוקטע אין בוך־פאָרם און די איבערגעבליבענע אין זיין ליטעראַרישן אַרכיוו, וואָלטן מן־הסתם צוזאַמענגעשטעלט אַ קליינע אָפּגעקליבענע זאַמלונג פון פיינעם פּאָעטישן געשמאַק. די מערסטע זיינען שטימונג־לידער און אַנדערע זיינען באַהויכט מיט נאַ־ציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון. די מערסטע צייכענען זיך אויס מיט זייער מוזיקאַלישקייט און אַ סך פון זיי זיינען טאַקע איינגעשלאָסן גע־וואָרן אין דעם רייכן געזאַנג־און־דעקלאַמאַציע־רעפּערטואַר פון דער נאַציאָנאַלער חלוצים־יוגנט.

פון די פּאָפּולערסטע איז זיין באַרימטע פּאָעמע, געשריבן אונטער דעם איינדרוק פון דעם העלדישן מאַרטירער, יוסף טרומפּעלדאָר, „מני דן ועד באר־שבע". דאָס דאָזיקע ליד איז אַ מאָדערנע קינה און אָטעמט גלייכצייטיק מיט טרייסט און קאַמף־רוף.

זשאַבאָטינסקי האָט זיך אויך באַנוצט מיט דער דראַמאַטישער

װ ו ל אַ ד י מ י ר   ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י

פאָרם. ער האָט אָנגעשריבן אַ צאָל פּיעסן, אייניקע פון זיי זיינען אפילו אויפגעפירט געוואָרן אין אָדעסער שטאָט־טעאַטער. איינע פון די פּיעסן — „בלוט" איז געשריבן אין פרייע פערזן. ס'וועט קלינגען ווי אַ פּאַ־ראַדאָקס, אַז זשאַבאָטינסקי דער קעמפער, דער מאַנער פון רעוואָלוציאָ־נערער אַקציע, זשאַבאָטינסקי דער פאָטער פון יידישן לעגיאָן, האָט אין זיין פריער יוגנט אָנגעשריבן אַ פּאַציפיסטיש ווערק, געבויט אויפן בורן־קריג. אויך דאָ איז ער קעמפעריש, — קעמפעריש קעגן מלחמה און קעגן אירע בלוטיקע קאָנסעקווענצן. ער איז, מיר דוכט, דאָ באַ־ווירקט געוואָרן פון דער מאָראַלישער שיטה פון לעוו טאָלסטאָי; הגם, זשאַבאָטינסקי האָט שפּעטער אין די מער ליטעראַריש־רייפערע יאָרן געלייקנט, אַז ער זאָל ווען עס איז געווען זיין אונטער דער השפעה פון טאָלסטאָיס אַלטרואיסטישער מאָראַל. אָבער, אין זיינע יוגנט־ווערק, פילט זיך דאָ און דאָרט דער איינפלוס פון דעם גרויסן רוסישן קינסט־לער און מאָראַליסט לעוו טאָלסטאָי. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס אויך דער שטענדיקער יידיש־נאַציאָנאַלער העלד, טרומפּעלדאָר, איז געווען אַן אָנהענגער פון טאָלסטאָיס שיטה, און טרומפּעלדאָר איז דאָך שפּע־טער געוואָרן דער סימבאָלישער פּראָטאָטיפּ פון דער יוגנט־באַוועגונג בית"ר, וואָס זשאַבאָטינסקי איז איר פאָטער און גרינדער.

אַלס דראַמאַטורג האָט זשאַבאָטינסקי ניט געהאַט קיין גרויסן דער־פאָלג. די קריטיקער האָבן שטאַרק איראָניזירט פון זשאַבאָטינסקיס דראַמאַטישן טאַלאַנט, און זיינע פּיעסן זיינען געווען טאָטאַלע דורכפאַלן אויף דער בינע, הגם, די טיטול־ראָלן זיינען געשפּילט געוואָרן פון פּראָ־מינענטע שוישפּילער.

ווי ערי זשאַבאָטינסקי האָט אונדז דערציילט, האָט ער אויך אָנ־געשריבן אַ דראַמאַטישע סצענאַריע אויפן פאַרלאַנג פון קרן־קימת וואָס האָט געזאָלט געפילמט ווערן. אָבער ביז היינט איז דאָס דאָזיקע ווערק נאָך ניט אויפגעפירט געוואָרן. די דאָזיקע פילם־דראַמע, האָט געדאַרפט פאַרשטעלן אַ סימבאָליש מעשהלע, אַ ליבע־ראָמאַנס צווישן אַן אַריענ־טאַליש מיידל און אַן אייראָפּייאישן בחור. דער אָנהויב גייט אַוועק גלאַ־טיק. מ'לעבט בשלום, מ'קושט זיך און מ'צערטלט זיך. אַ גאַר פיינע

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ליבע־אידיליע. אָבער דער סוף איז דער היפוך פון דעם אידילישן אָנ־הויב. ס'איז ניט קיין „העפי־ענדינג" לויט דעם שונד־נוסח און לויט דער קאָנוועגץ פון אַמעריקאַנער האָליוואָוד־פילמען.

איז דאָס דאָזיקע מעשהלע סימבאָליש. ס'איז מן־הסתם אַ וואונק אויף דער „ליבע" פון „סעמיטישן־ייִד" און דעם „אייראָפּייאישן־אַריער". די אייביקע „ליבע" פון דער וועלט צום ייִד. ס'איז באמת אַ שאָד וואָס דאָס דאָזיקע ווערק איז ניט פאַרפילמט געוואָרן אָדער כאָטש אָפּגעדרוקט געוואָרן.

זשאַבאָטינסקי איז אויך דער מחבר פון אַ גאַנצער ריי גרעסערע און קלענערע דערציילונגען און מיניאַטורן. זיין ליטעראַרישע קרעדאָ, איז ניט — „קונסט לשם קונסט". זיין ליטעראַרישע קריטעריום אַנטהאַלט אַ באַשטימטע מאָראַליש־סימבאָלישע טענדענץ. ער וויל דורך זיין קרעאַציע פאַרקערפּערן אַן אידייע, אַ וועלט־באַנעם. זיין ליטעראַרישער אינסטרומענט דאַרף אים דינען אַ מיסיע צו דערפילן. כאָטש די שרייב־קונסט איז זיין באַרוף אין לעבן, שרייבט ער ניט סתם לשם שרייבן. ער האָט ליב צו פלירטעווען און קינדיש פאַרשפּילן זיך מיט אַלע ליטעראַ־רישע פליטערלעך און חנדלעך, ער בלייבט אָבער שטרענג־רעאַליסטיש און קלאָר־זאַכלעך. ער האָט פיינט דיסאָנאַנסן, אומקלאָרקייט און אַב־סורדן. דאָס איז ער מן־הסתם באַאיינפלוסט פון דעם איינגעבוירענעם לינגוויסט אין זיך, פון דעם מענטש וואָס האָט אַ שאַרף אויער פאַר שפּראַך־קלאָרקייטן.

זשאַבאָטינסקי איז אויך אַ זעלטענער מעמואַריסט. זיין אויטאָביאָ־גראַפיע, ליידער דערפירט נאָר ביז צום פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן, און זיינע זכרונות וועגן יידישן לעגיאָן פאַרמאָגן אַלע חנען פון גוטער מעמואַריסטיק, און וועלן זיכער פאַרנעמען אַ פּראָמינענט אָרט אין אונ־דזער מעמואַרן־ליטעראַטור.

מיט דער דערשיינונג פון זיין עפּיש־היסטאָרישן ראָמאַן — „שמשון דער נזיר", מאַכט ער אַ פוראָר אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער פאַרנעמט באַלד אַ פּראָמינענט אָרט צווישן די גאָר גרויסע באַוועליסטן פון היסטאָרישן זשאַנער פון אונדזער צייט, ווי — טאָמאַס מאַן, לעאָן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

פויכטוואַנגער, פראַנץ ווערפעל, אַרנאָלד צווייג, שלום אַש, י. ל. פּרץ און אַנדערע. דאָ מאָלט זשאַבאָטינסקי פאַר אונדז אויף אַ ברייטן ליוונט די אַנטיקע קולטור פון אַרכייאישע צייטן. נאַטירלעך, איז אין יעדן ווערק פאַראַן עפּעס פון דעם לעבן פון דעם דיכטער אַליין. אויך דאָס דאָזיקע ריזן־ווערק פון זשאַבאָטינסקין טראָגט אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער. דער קינסטלער פּרואווט פאַר אונדז אויפלעבן אַ לאַנג פאַרגעסענעם היס־טאָרישן עפּיזאָד פון זיין פאָלק־שטאַם און פון די אַרומיקע פעלקער־שבטים, פון אַמאָליקן ארץ־ישראל.

זשאַבאָטינסקיס העלד פאַרמאָגט אַ סך קרובהשאַפט און ענלעכקייטן צו דער אינדיווידועלער און אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט פון דעם שאַפער פון דעם ראָמאַן — טאַקע צו זשאַבאָטינסקין גופא.

שמשון, מיט זיין אומרו, מיט זיינע נצחונות, אַנטוישונגען און קאַמף־פּאַראַלן, זיינען די סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון זשאַבאָטינסקין דעם מחבר פון ווערק. דער ביבלישער שמשון איז אייגנטלעך דער פּראָטאָטיפּ פון אונדזער מאָדערנעם זשאַבאָטינסקי־שמשון.

זשאַבאָטינסקי איז ביז עקסטאַז פאַרכאַפּט פון דעם ביבלישן העלד פון זיין ראָמאַן, און ער מאָלט פאַר אונדז זיין פּאָרטרעט מיט אַזוי פיל פּאַטאָס, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, אַז איר דערפילט אַז דער לעגענדאַר־היסטאָרישער העלד איז גלייכצייטיק אַן אויטאָ־פּאָרטרעט פון זשאַבאָ־טינסקין אַליין. דער מחבר גיט אייך אַ זעלטענע געלעגנהייט זיך אַריינ־צוכאַפּן אין די טיפענישן פון זיין אייגענער נשמה, וואָס איז מיט הונ־דערטער פעדים פאַרוועבט און פאַרבונדן מיט דעם לעגענדאַרן העלד וועלכן ער שילדערט פאַר אייך אין רעגנבויגן־פאַרבן.

יאָ, זשאַבאָטינסקי האָט זיינע ציוניסטישע חלומות און וויזיעס סוב־לימירט און פאַרקעפּערט אין אָט דעם מאָנומענטאַלן ווערק.

אָט גיט זיך זיין העלד אַזאַ זאָג: — „... אָט די פּלענער זיינען ניט פאַר אונדזערע כוחות. אויף די פּלשתים קענען מיר ניט גיין. דער פּי־רער פון די נביאישע זין האָט געזאָגט דעם אמת. אוודאי, האָבן מיר מורא פאַר זייערע רייטוועגענער און פאַר די אייזערנע שווערדן. שרעק־לעכער פאַר אַלעמען איז אָבער זייער מלחמה־קונסט. יעדער קריגער איז

ווי אַ שטעקן אין די הענט פון עלטסטן, דער עלטסטער ביי זיין עלטסטן און אַלע צוזאַמען אין די הענט פון דעם שר. מיר זיינען אַ סך, די פיינט־לעכע פלשתים — ווייניק. וואָס באַדייט אָבער כוח לגבי פאַרשטאַנד, אָרדענונג ?... אַ בלינדער שלעפּט זיך און טאַפּט מיטן שטעקן אַ טריט פאַר זיך און וואָס עס איז ווייטער ווייסט ער ניט. ס'קאָן זיין אַ גרוב אויך. אַ זעעוודיקער זעט דעם גאַנצן וועג ביז צום סוף..." דאָס איז דאָך אייגנטלעך זשאַבאָטינסקיס ציוניסטישע קרעדאָ.

זשאַבאָטינסקי האָט אַלע מאָל אָנגעוויזן אין זיין סאַטיריש־שרייענ־דיקער פּאָלעמיק ווי אַזוי די פאַרשיידענע פּאַטראָוועס ווערן צוגעגרייט אין אונדזער פּאָליטישער קיך. ווי אַזוי מענטשן מיט קליינע השגות, אומבאַהאָלפענע, צעקראָכענע נפשלעך טוען זיך אָן דעם מאַנטל פון פירערשאַפט, ווען זיי זיינען בפירוש ניט באַרופן פאַר דעם. אָבער אַזוי איז שוין די טבע אין אונדזער קליין בידנעם וועלטל. איינער טראַמפּלט אויף דעם צווייטן, אַלע טאַפּטשען מיר זיך אין אַ בלאָטיקן געמויזעכץ פון קליינשטעטלדיקער שתדלנות און מיר שרייען אַז ס'איז הויך־פּאָ־ליטיק. עפּעס אַן אומוויכטיק בריוול מיט צוויי־זייטיקע כוונות, פון אַ צעטראָגענעם נאַטשאַלניק, רופט אַרויס קעלבערנע התפעלות און עקס־טאַטישע באַגייסטערונג אין אונדזערע רייען. מיר באַטראַכטן עס ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון וואָגיקן באַדייט, ניט באַמערקנדיק דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון שווינדל און חוזק וואָס מ'לייגט אַריין אין דעם זין פון אונדזער גאולה־ראָמאַנטיק. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט זשאַ־באָטינסקי אַריינגעטראָגן אין זיין קינסטלערישער פּראָזע.

אָדער אָט איז אַ דיספּוט צווישן פּאָטער און זון: — „... די פלשתים זיינען אַ קליין הייפעלע," — האָט שמשון ווידער געזאָגט — און אין וואָס באַשטייט זייער כוח? אין סדר. אַלץ איז געוואויגן און געמאָסטן, יעדער מאַן איז אויף זיין פּלאַץ. דאָס איז וואויל..."

שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט דער פּאָטער געענטפערט: — „דאָס איז וואויל". לויט דעם טאָן, מיט וועלכן ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָט שוין שמשון פאַרשטאַנען, אַז וואויל איז בלויז אַן אויסדרוק אַזאַ, און אַז באמת האָט דער פּאָטער וואָס צו דערווידערן אויף דעם.

— „איך קוק זיך אַמאָל צו — האָט פאַרגעזעצט מנוח — ווי דיין מאַמע קאָכט דעם מיטאָג־מאָלצייט. ביי איר איז אַלץ אָפּגעציילט: וויפיל וואַסער, וויפיל מילך, וויפיל פלייש, וויפיל קאַשע און זאַלץ, און ווי לאַנג דער קעסל דאַרף שטיין אויפן פייער. עס קומט אַרויס אַ געשמאַק מאכל.

שמשון האָט פאַרשטאַנען אָן דעם טאָן, אַז „געשמאַק" איז אויך אַן אויסדרוק אַזאַ און ער האָט געוואַרט, וואָס וועט ער ווייטער זאָגן.

— אָבער אויב אין קעסל איז פאַראַן זשאַווער, אָדער אויב די דינסט האָט פאַרגעסן באַצייטנס אַראָפּצונעמען דעם קעסל פון פייער, אָדער צוגיסן וואַסער — איז דער מיטאָג־מאָלצייט אַ געפּטרטער.

— ביי אַ גוטער באַלעבאָסטע טרעפט עס זעלטן, — האָט שמשון געזאָגט.

— דיין מאַמע איז אַ גוטע באַלעבאָסטע, עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ גוטע באַלעבאָסטע: — די ערד. זי האָט אויך אַ קיך. די זון גיט פייער, די וואָלקנס, ווינטער־צייט, וואַסער — אָבער קיינער פירט ניט קיין חשבון פון די רעגנס און נישט פון דער היץ. ס׳קומט אַ מענטש און וואַרפט פונאַנדער זוימען; אויך אָן וועלכן עס איז חשבון — איינס פאַלט אויף אַ שטיין, אַ צווייטס טראָגט אַוועק דער ווינט. דערנאָך גייען פונדעסטוועגן אויף זאַנגען. מ׳דאַרף בלויז, דער מענטש זאָל זיך ניט פוילן, זאָל טיף אַקערן און אַ סך זייען.

— עס טרעפן זיך דען ניט אומגערעטענישן? — עס טרעפן זיך. איך זאָג ניט, אַז די ערד איז אַ בעסערע באַלעבאָסטע ווי דיין מאַמע. יעדע איינע באַלעבאָסטע באַלעבאַטעוועט אויף איר שטייגער. דאָס פלשתים־לאַנד — איז אַ קיך. דן, אפרים, יהודה, און מיר אַלע — אַזוי ווי זוימען אין פעלד. נישט פאַראַן ביי אונדז קיין חשבון, נישט פאַראַן קיין געזעצן; אַמאָל מאַכט אַ האָגל חרוב דאָס גאַנצע פעלד. וועסט אָבער איבערגיין אַ האַלב לעבן, וועסט זיך אומקוקן און דו וועסט זען ווי מיר וואַקסן. דאָס איז ניט קיין קעסל, וואו עס קלעקט איין שפּאַלט — און ס׳איז נאָך אַלעמען.

שמשון האָט זיך געוואונדערט וואָס דער טאַטע רעדט אַזעלכע קלו־

גע רייד און אַזוי באַריכותדיק. שמשון האָט אָבער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ניין — האָט ער געזאָגט, — ס'איז ניט אַזוי. איצט הערשט פרידן אין לאַנד; ניִשט תמיד וועט אָבער זיין פרידן. די פלשתים וועלן אונדז צעקוועטשן, אויב מיר וועלן זיך ביי זיי ניִשט אויסלערנען קיין מאָס און אָרדענונג.

— מיר וועלן זיך ניט ניט אויסלערנען — האָט געענטפערט דער פאָטער, — און זיי וועלן ניִשט צעקוועטשן. ער האָט זיך ווידער געזעצט אויפן אייזל און איז געפאָרן ווייטער און שמשון איז געגאַנגען אין אַ זייט. ביידע האָבן געשוויגן..."

אין אָט־דעם פאָטער־און־זון־דיאַלאָג איז געשילדערט געוואָרן דער אידעאָלאָגישער קאַמף צווישן זשאַבאָטינסקין און די אַנדערע ציוניסטישע פּראַקציעס. דער „קליין־ציוניזם" ווי ער ווערט רעפּרעזענטירט דורך מנוחן, און דער „גרויס־ציוניזם" רעפּרעזענטירט דורך שמשונען. שמשון איז רעאַליסטיש־פּראַקטיש. מנוח, קלוג און באַרעדעוודיק, איז סטאַטיש און אימפּרעסיאָניסטיש. ער האַלט ניט פון סדר, פון מאָס. מ'דאַרף ניט לערנען זיך, זיך ניט גרייטן — צו באַקעמפן אַ דראָענדיקע סכנה. דער האָגל וועט טאַקע פאַרניכטן דאָס פעלד, אָבער דאָך וועלן מיר עקזיסטירן אפילו ווען לעבן וועט אויפקומען אין ערגעץ אויף אַן אומגעריכטן אָרט, אין אַ זייטיקן שפּאַלט. זשאַבאָטינסקי הערט אויס די טענות פון זיינע קעגנער און שווייגט. ער וועט קיין פּשרות ניט מאַכן... זאָל דאָס לעבן אַליין אונדז איבערצייגן. זשאַבאָטינסקי וויל ניט לעבן אין אַ „גן־עדן פון נאַר", דעריבער זעט ער ניט נאָר אידיליע, נאָר אויך די שאָטן־זייטן פון ווייטן־מאָרגן.

אין אַן אַנדער אָרט זאָגט שמשון: „זאָגט זיי דריי זאַכן אין מיין נאָמען"; זאָגט ער צו דעם שליח פון זיין שבט, וועלכער קומט צו אים אין עזה — „זיי מוזן אויסדערוויילן אַ קעניג, זיי מוזן קריגן אייזן, זיי מוזן זיך אויסלערנען לאַכן..."

דאָ וויקלט ער פאַר אונדז פאַנאַנדער אין זיין פאַרבן־פּאַנאָראַמע, דעם באַטייט פון שטאָל, אייזן; פון „מוסקול־יידן", מענטשן וואָס האָבן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

דעם קוראַזש און די געוואַגטקייט צו קעמפן און זיך שטעלן אַנטקעגן געפאַרן, פאַר אַ גערעכטער און שענערער וועלט. ער גלייבט ניט אין סתם רייד וועגן אַן אויסגעחלומטן, פאַנטאַסטישן „גן־עדן" וואָס דאַרף קומען דורך עפּעס אַ מיסטישן משיח. אין דער פאַנטאַזיע איז עס שיין. אָבער אין לעבן מוז מען זיין רעאַליסטיש און זיך ניט לאָזן פאַרפירן דורך מיראַזשן. דער ווילן פון משיח ליגט אין אונדזערע מוחות און אין אונדזערע הענט. מיר קאָנען די וועלט פאַרוואַנדלען אַז זי זאָל ווערן פאַר דעם מענטש אַ קללה, אָבער מיר האָבן אויך דעם כוח צו פאַרוואַנדלען די וועלט, אַז זי זאָל ווערן פאַר דעם מענטשן — אַ ברכה. שטרויכל־שטיינער און סכנות זיינען פאַר דעם „אַוואַנטוריסט־בונטאַר" ניט קיין שטערונגען אויף דעם וועג צו דערלייזונג, גאולה־פאַרווירקלע־כונג. זיינען דאָך אייגנטלעך — ליידן, דער טיפער סוד פון לעבן און עקזיסטענץ.

מען מוז זיך אויסלערנען צו דערקענען, צו אונטערשיידן דאָס רעאַליסטישע פון דעם פאַנטאַסטישן און באַזונדערס דאַרפן מיר זיך אויסלערנען געזונט לאַכן. יאָ, לאַכן. לאַכן איז דער סימבאָל פון פרייד און פון לעבעדיקן אָפּטימיזם. פאַרקערט, די אייביקע מקוננים זיינען די ערשטע שוואַלבן פון אינערציע און דעסטרוקטיוון, הבל־הבלימדיקן פעסימיזם.

זשאַבאָטינסקי, האָט דורך זיין העלד שמשון, אונדז געוויזן דעם אָבנאָרמאַלן צושטאַנד וואָס הערשט אין אונדזער לעבן, אין צייטן פון געפאַרן, ווען ס'דראָט סכנה פון פאָלקס־קיום דאַרף מען אַרויסווייזן די גרעסטע מאָס פאַרערונג און פאַרטרוי צו די פאָלקס־דערווילטע פירער.

אָבער ביי אונדז הערשט ניט דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ פון אויסוואַל, כאָטש מ'רעדט ביי אונדז אַזוי פיל וועגן דעמאָקראַטיע. אַז „מ'דאַרף נאָר שטאַרק וועלן" קען יעדער אייגער ווערן דער פאָלק־רעפּרעזענטאַנט און רעדן אין נאָמען פון פאָלקס־אינטערעסן .

אַזאַ לאַגע איז אַנאַרכיש, אין דעם ערגסטן זין פון וואָרט, ס'ווערט אָפּגעשוואַכט דער טעמפּאָ פון אַ שאַפעריש און קעמפעריש פאָלק, און ס'הייבט זיך אַרויס דער עלעמענט פון ביטול, קליינלעכער אַמביציע

און ציניזם. איז דער דאָזיקער עלעמענט אַ גוט איינגעזעסענער ביר־גער אין אונדזערע פאָלק־ראַמען און מ'שלאָגט זיך נאָך אַלץ ביי אונדז, ווי שלום־עליכמס העלד — מנחם־מענדל — מיט ווינט־מילן.

אַזוי קאָמבינירט זשאַבאָטינסקי קונסט מיט פּאָליטיק — פּאָליטיק מיט קונסט, אין זיין קרוין־ווערק: — „שמשון דער נזיר".

דאָס דאָזיקע ווערק וואָס איז אָריגינעל געשריבן געוואָרן אין רו־סיש, ווערט איבערזעצט אין אַנדערע שפּראַכן, אין אַ גאַנצער ריי שפּראַכן, צווישן זיי: ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, העברייאיש און יידיש.

זיינס אַן אַנדער גרויס ווערק איז „פּיאַטראַ" — פינף. דאָס דאָ־זיקע ווערק איז שוין געשריבן אין היינטצייטיקן ראָמאַן־זשאַנער. עס פאַרמאָגט אַלע דראַמאַטישע קאָנפליקטן פון מאָדערנעם לעבן, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַזאַ גרויס־שטאָט ווי אָדעס, אין דער צאַ־רישער רוסלאַנד.

אָדעס — שטאָט פון קאָנטראַסטן, סתירות, פון פריקד און טרויער, טויט און לעבן; אָוואַנטוריזם, באַהעמישקייט, באַסיאַקעס; מיט מאַן־און־פרוי קאָנפליקטן, מיט קאָנפליקט צווישן עלטערן און קינדער, מיט אַסימילאַציע־ און רעוואָלוציע־פּראָבלעמען, אָט־די אַלע שפּאַנונגען און קאָליזיעס ווערן מייסטערהאַפט געמאָלן אין זשאַבאָטינסקיס אָדע צו זיין געבורטסשטאָט — אָדעס.

ס'איז אויך דערשינען אין ענגליש אַ קאָלעקציע פון זשאַבאָטינס־קיס מיניאַטורן, עסייען, וואָס פאַרמאָגן אויך דעם כאַראַקטעריסטישן זשאַבאָטינסקי־חן און האָבן אַרויסגערופן די באַוואונדערונג פון באַרימ־טע ענגלישע ליטעראַטור־קריטיקער. אגב, זיינען אייניקע פון זשאַבאָ־טינסקיס דערציילונגען אַריין אין אַ צאָל ענגלישע אַנטאָלאָגיעס פון מאָ־דערנער ליטעראַטור.

אין העברייאיש איז אין 1936 אַרויס אַ זאַמלונג פון זשאַבאָטינס־קיס געקליבענע שריפטן, דורך דעם פאַרלאַג זאַלצמאַן, אונטערן טיטול: — „גולה והתבוללות". ס'איז פּראָיעקטירט געוואָרן אַרויסצוגעבן עט־לעכע בענד פון זשאַבאָטינסקיס געזאַמלטע ווערק אין וועלכע ס'זאָלן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

איינגעשלאָסן ווערן זיינע קלאַסישע עסייען וועגן ציוניזם און יידנטום. ביז איצט איז דערוויילן נאָר דערשינען דער ערשטער באַנד פון דער געפּלאַנטער זאַמלונג, וואָס האָט, אגב, געקראָגן אַ פּרעמיע אויף אַ ביאַ־ליק־אויסשטעלונג אין תל־אביב. אין דער דאָזיקער זאַמלונג זיינען אַריין אַרטיקלען וועגן דעם פּראָבלעם פון אַסימילאַציע אין יידישן לעבן, און אויך וועגן אַנדערע פּראָבלעמען און פראַגן וואָס באַשעפטיקן אַ יידישן דענקער און אַ יידישן פּובליציסט. אַסימילאַציע איז דאָס ווילדס־טע און אַבנאָרמאַלסטע געוויקס אין אונדזער לעבן. זי איז אַ נאָענטער קרוב צו דער מאָדערנער חלאת פון קסעניפאָביע. מ׳זוכט אַנטלויפן, אַנטרינען פון אייגענעם פאָלק־אָרגאַניזם צוליב פּחדנות. מ׳האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן. דער אָביעקט פון אָט־דער קראַנקהייט איז אַ פּסיכאָפּאַטיש פּראָבלעם, מיט וועלכן עס וואָלטן זיך באַדאַרפט באַשעפ־טיקן אונדזערע פּסיכאָלאָגן און מעדיצינער.

אַסימילאַציע איז ניט קיין תרופה צו אונדזערע ליידן אַלס אַ פאָלק. אפשר קאָנען זיך ראַטעווען אייניקע פּריווילעגירטע יחידים אָדער קליי־נע ברוך־טיילן. ס׳איז שוין היינט נאָך דעם אויפשטייג, נאָך דער שטיר־צונג און דעם גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע וואָס דער מאָ־דערנער המן־היטלער און זיין מערדער־קאָמפּאַניע האָבן דורכגעפירט. אָבער אויך די קאַטאַסטראָפע האָט נאָך אפילו איצט ניט קלאָר געמאַכט פאַר אַלע אונדזעריקע — אַז אַסימילאַציע און טויף האָבן די דאָזיקע נישט אויסגעלייזט פון דעם טייוולס קאַלך־אויוונס און קרעמאַטאָריעס.

אפילו פאַר די פערטל און האַלב־פערטל יידן איז שוין דער וועג געוועזן פאַרשטעלט.

אַ מאָדנע פאָלק זיינען מיר, מ׳רופט אונדז צו פרייהייט און צו זעלבסטבאַשטימונג פון אייגענעם גורל און מ׳יאָגט זיך נאָך די פליייש־טעפּ פון שקלאַפעריי, צו געצנדינעריי, אפילו ווען די געצן זיינען באַ־הויכט פון אונדזער מאָדערנער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. ניין, מ׳קאָן פון דער אייגענער הויט ניט אַנטלויפן. דער גוף איז די תפיסה פון אונדזער נשמה. זעלבסטמאָרד איז אַן אויסוועג פאַר צעקרומטע און אַבנאָרמאַלע מוחות.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אויך אין יידיש איז דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען, וואָס זיינען אָריגינעל געשריבן געוואָרן אין יידיש, וואָס זיינען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די אָנגעזעענסטע יידישע צייטונגען אין דער וועלט.

אין דער דאָזיקער זאַמלונג ווערן באַהאַנדלט פאַרשידענע אַספּעקטן וואָס באַשפּיגלען דעם פּאַרטיי־אידעאָלאָג, דעם זשורנאַליסט. ער פּאָלעמיזירט דאָרט מיט זיינע קעגנער. ער ווייזט זיי אָן אויף זייערע פּאָליטישע טעותן און בלאָנדזשענישן. ער באַנוגנט זיך ניט מיט קריטיק אַליין, הגם די קריטיק איז פון אַ קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער. ער טרייסט זיין פאָלק און ווייזט אָן אַן אויסוועג. ער באַגרינדעט זיין שיטה פון רעוויזיאָניזם און זיינע רעיונות וועגן סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען וואָס זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט יידישער גאולה, מיט יידישער באַפרייאונג.

ביים אויסברוך פון דער איצטיקער מלחמה איז דערשינען אין ענגליש זיין לעצטע אַרבעט — „וועגן דעם מלחמה־פראָנט". אין דעם דאָזיקן ווערק באַהאַנדלט ער, אויפן באַזיס פון געשיכטלעכן רעטראָספּעקט און פּערספּעקטיוו, די אַקטועלע פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער איצטיקער וועלט־מלחמה און די אויסזיכטן פאַר אונדזער פאָלק, אויב די דעמאָקראַטישע מלוכות זאָלן אַרויס טריאומפירנדיק איבערן פאַשיאַ־נאַציזם.

נאַטירלעך לייגט זיך זשאַבאָטינסקי ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם. ער לעבט ניט מיט קיין אילוזיעס וואָס זיינען אָפטמאָל גורם צו פאַרפירן דעם מענטשן, און אים ברענגען צו טראַגישע קאָנסעקווענצן. מ'דאַרף ניט צופיל דערוואַרטן, טענהט ער, ווען די אַנטוישונג ניט זיין אַזאַ ביטערע. מ'דאַרף מעסטן זאַכן און דערשיינונגען — אָביעקטיוו, רעאַליסטיש און קיינמאָל זיך ניט לאָזן פירן פאַרן נאָז פון מירַאַזשן.

זשאַבאָטינסקי האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז דער היטלעריזם וועט מוזן אין דער גוג־ומגוג מלחמה צעשטערט ווערן. ער האָט אין די שווערסטע צייטן ניט אויפגעהערט צו גלויבן אין די דעמאָקראַטישע

כוחות. ער גלויבט אין דער זעלביקער צייט ניט בלינד, נאָר מיט אָפע־נע אויגן, — און מיט אַ טראָפּן פאַרדאַכט...

פאַרן יידישן פאָלק האָט ער ניט געמאָלן קיין צו־ראָזעווען און צו־אָפּטימיסטישן בילד נאָך דעם איצטיקן וועלט־געראַנגל. ער האָט אַלץ געאַנט און פאַרגעפילט. דער נצחון פון די דעמאָקראַטישע מלוכות, האָט ער אַנגעדייט, וועט בשום־אופן ניט ליקווידירן דאָס אַלט־אַלטע יידן־פּראָבלעם. ס'וועט אַרויסשטאַרטשען אין איר גאַנצער טראַגישקייט נאָך דעם איצטיקער קאַטאַסטראָפע. ס'זיינען פאַראַן מיינונגען, אַז דער נצחון פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועט רעגולירן אַלטע קריוודעס און פאַראורטיילן — איינשליסנדיק אונדזערע ספּעציפיש־יידישע פּראָב־לעמען. האָבן דעריבער, אַנדערע געהאַט דערוויל אַ תירוץ אַז ס'איז בכלל איבעריק און צו־פרי געוועזן צו זאָרגן זיך וועגן אַ ספּעציפישן פּראָגנאָז צום יידן־פּראָבלעם.

זשאַבאָטינסקיס פעסטע איבערצייגונג איז געוועזן — אַז די־דאָזיקע מיינונגען וואָס זיינען געבויט אויף גוט־מיינענדיקע וואונטשן, זיינען, אָבער אין תוך — געבויט אויף פאַלשע הנחות.

די פעלקער וואו ס'געפינען זיך דאָס רוב פון דעם אייראָפּייאישן יידנטום האָבן אַלע געהאַט דעמאָקראַטישע, ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס, אָבער די פיינטשאַפט צו יידן איז דאָרטן געוואַקסן אַנשטאָט צו ווערן קלענער.

גלויבט ניט זשאַבאָטינסקי אַז דער דאָזיקער פּראָצעס פון יידן־האַס מוז דווקא עקזיסטירן אויף אייביק. אָבער קעגן בויען לופט־שלע־סער האָט ער געוואָרנט, ווייל די געשיכטע האָט זיך שוין ניט איינמאָל אין אונדז אַכזריותדיק נוקם געווען, פאַר מאַכן טעותן אין די וועלט־חשבונות.

זשאַבאָטינסקי גלויבט אַז דער „אַנטיסעמיטישער קאַנסער אין איי־ראָפּע" קאָן געלייזט ווערן — דורך אַ שטרענגער פאָרם פון טאָלע־ראַנץ לגבי מינאָריטעטן־פעלקער, און, ווען אַנטיסעמיטיזם זאָל באַ־טראַכט ווערן פאַר אַ קרימינעלן אַקט פון מלוכה־פאַרראַט. אָבער, גלייכצייטיק, זאָל דער מאַקס נאָרדוי־פּראָיעקט פון 1919, וועגן אַ גרוי־

סער מאַסן־קאָלאָניזאַציע און די עפנטלעך־געזיכערטע אָנערקענונג פון ייִדן־שטאַט טאַקע ווערן אַ באַלדיקע רעאַליטעט.

אין דעם דאָזיקן ווערק ווערן באַטראַכט אַ גאַנצע ריי צאַפּלדיקע פּראָבלעמען און פראַגן, וואָס רעגן איצט אונדזער פאַנטאַזיע, ווייל, צום באַדויערן, האָט זשאַבאָטינסקי ריכטיק געטראָפן, און דערפאַר איז דאָס ווערק אויך איצט, און איצט אפשר נאָך מער אַקטועל — ווי ביים דער־שיינען.

זשאַבאָטינסקי באַנוצט זיין חלפדיקע לאָגיק צו באַווייזן דעם גייס־טיקן צוזאַמענפאַל און באַנקראָט פון אייניקע אידעאָלאָגן, וועלכע קומען מיט טענות און שטעלן אַרויס פאָדערונגען און מאָנען אָנערקענונג.

זיין בוך קאָן זיכער באַטראַכט ווערן ווי די פּראָגראַם פאַר אונ־דזערע צילן און פאָדערונגען, וואָס פאַסן זיך אַזוי גוט איצט פאַרן פעל־קער־אויסגלייך און דין־וחשבון. דאָס דאָזיקע ווערק קאָן אויך באַ־טראַכט ווערן ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון אונדזער איוב־עפּאָכע, און גלייכצייטיק, מערקט זיך דאָ אַ שטראַל פון טרייסט, פון האָפענונג, פון ליכט פאַר אונדזער מאָרגן.

אין דאָזיקן ווערק דערהייבט זיך פאַר אונדז זשאַבאָטינסקי דער פּובליציסט־קינסטלער. דאָ זעען מיר פאַר זיך — זשאַבאָטינסקין דעם אָריגינעלן דענקער, דעם געשיקטן לאָגיקער און דעם ביז גאָר פיינעם, עלעגאַנטן פּאָלעמיקער, און דעם ווייט־זעעוודיקן אַנאַליטיקער.

די דאָזיקע אַלע אויסגערעכנטע עלעמענטן האָבן זיך דאָ פאַר־אייניקט און געקומען צום אויסדרוק ביי זשאַבאָטינסקין.

מ׳וואָלט אויך געדאַרפט שרייבן וועגן אַנדערע ווערק, זשאַבאָטינס־קיס. ס׳געפינען זיך 69 ווערק זיינע, קלענערע און גרעסערע. ס׳איז אגב, אויך אַמאָל געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט אויף צו פּובליקירן, אין משך פון די קומענדיקע עטלעכע יאָר, 25 בענד פון זיינע מאָנומענטאַלע ווערק. די גרעסטע קאָלעקציע פון די דאָזיקע ווערק געפינען זיך אין אַרכיוו פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים. ס׳איז אויך דאָרטן געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער זשאַבאָטינסקי־אַרכיוו (אגב, זיינען אין אַ פּייער־עקספּלאָזיע וואָס האָט אויסגעבראָכן אין הויז פון

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

פרוי זשאַבאָטינסקי אין לאָנדאָן, צעשטערט געוואָרן זייער ווערטפולע מאַנוסקריפּטן, פּריוואַטע בריוו און אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטן. אַ טייל פון דעם דאָזיקן פּריוואַט־אַרכיוו געפינט זיך אויך אין אַ נייטראַל לאַנד אין אייראָפּע).

ווי געזאָגט, מ׳וואָלט געדאַרפט שרייבן וועגן אַ ריי אַנדערע ווערק זיינע. צום ביישפּיל: — זיינע ווערק אויפן געביט פון לינגוויסטיק, שפּראַך־וויסנשאַפט, וועגן זיינע פילאָלאָגישע חידושים, וועגן זיין פאָרש־אַרבעט אויפן געביט פון ארץ־ישראל־געאָגראַפיע און טאָפּאָגראַפיע. ער האָט אויך געהאַט ווערק וועגן סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע. ער האָט אויך געליינט צען לעקציעס וועגן זיינע ס אָ צ י אַ ל ע קאָנ־צעפּציעס און אַנזיכטן, אין אַ פּאַריזער סעמינאַר, וואָס ער האָט שפּע־טער געהאַט בדעה אויסצוברייטערן אין אַ גרויס ווערק, לײַדער איז ער שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אַרבעט און אַלע מאָל געמאַכט פּלענער פאַר נייער אַרבעט, און קיינמאָל ניט געפונען די נויטיקע און פרייע צייט אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז ביי אים געלעגן אָנגע־וואָרפן אין טויזנטער קלענערע און גרעסערע נאָטיצן. — און צום סוף, האָט דער טויט צעשטערט אַלע זיינע פּלענער...

איז וועגן די דערמאָנטע ווערק וועלן מיר איבערלאָזן צו מער קאָמפּעטענטע הענט און פאַכלייט אויף די דאָזיקע געביטן. בכלל, איז איצט אוממעגלעך זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף די דאָזיקע ווערק, ווייל ס׳איז איצט פשוט אוממעגלעך צו קריגן דעם גאַנצן רייכן און נויטיקן מאַטעריאַל. אַזוי אַז דאָ איז ניט געגעבן געוואָרן קיין אַלזייטיק אויסשעפּנדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן זשאַבאָטינסקיס אַלזייטיקייט: וועגן זשאַבאָטינסקין, דעם שריפטשטעלער, דעם נאָוועליסט, דעם עסייאיסט, דעם פּאָעט, דעם שפּראַך־פאָרשער, און דעם זשורנאַליסט. פאַר אַזאַ אַלץ־אַרומנעמענדיקער אָפּהאַנדלונג פאָדערט זיך אַ באַזונדער גרויס ווערק. און דאָס איז נאָר אַ פּרוּוו צו צייכענען קאָנטורן, פען־שטריכן, אַ צוגרייטונג פון ליים און ציגל פאַר דעם אַלזייטיקן זשאַבאָטינסקי־מאָנומענט. דאָ איז בלויז פאַרבייגייענדיק אָנגעוויזן געוואָרן אויף די פאַרשיידענע און פאַרצווייגטע ליטעראַרישע פאָרמען וואָס זשאַבאָטינס־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

קי האָט געגוצט אין זיין ליטעראַרישן וואַרשטאַט. גאָר ווייניק ווייסן אָבער, ווי שווער און מיט וואָס פאַר אַ מי זשאַבאָטינסקי האָט געאַרבעט אויף זיך און אויף זיינע ווערק.

זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט געשריבן פליסיק און איילנדיק, פשוט צוליב דעם וואָס ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט פאַרטיי־ענינים און געהאַט זייער ווייניק פרייע צייט, באַקלאָגט זיך טאַקע אין אַ בריוו: „אַז ער האָט נים קיין צייט פאַר זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט צוליב זיינע שווערע לאַסטן און ס'איז נים אויסגעשלאָסן, אַז ער זאָל פאַלן אין שפּאַן צוליב מידקייט...״

אָבער אויף זיינע מאַנוסקריפּטן אַרבעט ער זייער שווער, זייער שווער. די אינטואיציע, דער רוח־הקודש, איז אַ וויכטיקער עלעמענט אין דעם שאַף־פּראָצעס פון אַ ווערק, אָבער זשאַבאָטינסקי פאַרלאָזט זיך נים אויף זיין אינטואיציע אַליין. ער שטודירט, לייענט און לערנט. ער לערנט מיט התמדה איידער ער טרעט־צו צו שרייבן וועגן אַ געוויסן אָביעקט, מעג עס זיין אַ פשוט צייטונג־אַרטיקל.

כאָטש ער איז באַקאַנט מיט אַ סך אַלטע און מאָדערנע קולטורן פון פאַרשיידענע פעלקער און לענדער, און פאַרמאָגט נאָך דערצו אַ פענאָמענאַלן זכרון, אָבער — דאָס אַלץ איז קיינמאָל נים גענוג צו שטילן זיין דורשט צו לערנען און צו וויסן אַלץ מער און מערער. און כאָטש, ווי געזאָגט, ער איז געווען געצוואונגען צו שרייבן שנעל און איילנדיק, ווייל ער האָט קיינמאָל נים געהאַט גענוג צייט. האַלט ער אָבער פון כלל, אַז דער שריפטשטעלער, מעג ער, ווי זיין געניאַל — מוז ער אויף זיך אייביק אַרבעטן. דער שעפערישער פּראָצעס מוז קאָנצענטרירט ווערן דורך אונדזער לאָגיק און דורך אונדזער שכל. דער שריפטשטעלער, מוז זיין אַ דימענט־שלייפער, ווייל אַ ווערק — ווי אַ דימענט וואָס מער מען פאָלירט עס אַלץ שענער צעשטראַלט עס זיך אין פולער פערפעקטקייט פון קינסטלערישן אויסדרוק. די ערד שענקט אונדז אירע טייערע פרוכט און בלומען. אָבער — דער אַקער־אייזן מוז די ערד שניידן און גראָבן, און דער מענטש מוז שווער האָרעווען, כדי צו באַזייטיקן, כדי אויסצוואָרצלען, — און אויסיעטן די ווילד־גראָזן,

וו ל אַ ד י מ י ר   ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י

וואָס קאָנען איבערפירן און פאַרדאַרבן דעם שענסטן גאָרטן. זשאַבאָ־טינסקי האָט געשטעלט הויכע פאָדערונגען צו ליטעראַרישע שעפער, אָבער, גלייכצייטיק איז ער געווען ביז גאָר שטרענג אויך צו זיך אַליין. ער האָט פאַרמאָגט ביז עקסטרעם די קונסט פון באַוואוסטזיניקער זעלבסט־קריטיק, און נאָר אמתע גרויסע מייסטער פאַרמאָגן די דאָזיקע זעלטענע אייגנשאַפט — און אין אַזאַ גרויסער מאָס.

אַ סך פון זיינע מאַנוסקריפּטן האָט ער באַאַרבעט און איבערגע־אַרבעט, אַרויסגעוואָרפן גאַנצע זייטן, פּאַראַגראַפן, זאַצן, ווערטער און נאָכאַנאַנד איבערגעשריבן אַלעמאָל אויפסניי. ניט נאָר האָט ער אינטענ־סיוו געאַרבעט אויף זיינע ליטעראַרישע ווערק, נאָר אויך אין יעדער באַטיץ וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין פעדער ליגט שווערע מענטש־לעכע פּראַצע. זשאַבאָטינסקיס אינטים־נאָענטע דערציילן — אַז ער פלעגט שיקן צו פאַרשיידענע רעדאַקציעס, וואו ער איז געווען אַ מיט־אַרבעטער, בריוו נאָך בריוו, וועגן דעם, אַז מ׳זאָל אַזאַ אָדער אַן אַנדער וואָרט פון זיין זאַץ־געבוי ענדערן.

ס׳ווערט אויך דערציילט אַז זשאַבאָטינסקי איז געווען דער ערש־טער צו קומען אין פאַרטיי־ביוראָ, וואו ער האָט אָפט געאַרבעט אויף זיינע ווערק און שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע אָנגעשטעלטע און מיט־אַרבעטער האָבן שוין לאַנג פאַרלאָזן דאָס ביוראָ, האָט אין זיין צימער געלויכטן אַן עלעקטריש־לעמפּל און ער איז געזעסן איבערגעבויגן אי־בער זיין שרייב־טיש אָנגעהויפט מיט פּאַפּירן און ביכער.

און דער באַגינען האָט אים ניט איינמאָל באַגריסט אין אַזאַ פּי־בערהאַפּטיקן צושטאַנד.

אפילו, ווען זשאַבאָטינסקי איז אויפגעטראָטן אַלס רעפּערענט אויף דער רעדנער־טריבונע, האָט ער זיך צו זיינע לעקציעס און רעדעס — טעג, און אָפטמאָל וואָכן־לאַנג, געגרייט. שווער איז אים אָנגעקומען יעדע רגע זיינע, כאָטש דער צוהערער איז געווען אונטער דעם איינ־דרוק — הערנדיק זשאַבאָטינסקין רעדן מיט אַזאַ עלאַסטישער לייכט־קייט, מיט אַזאַ זעלבסטזיכערקייט — אַז ס׳קומט אים אָן גאָר לייכט, אָן וועלכער ס׳איז פיזישער און גייסטיקער אָנשטרענג צו זיין אַזוי

עלאָקווענט אין זיינע רעפעראַטן. אָבער בלויז געציילטע, זיינע נאָענט־סטע — האָבן גוט געוואוסט ווי שווער זשאַבאָטינסקי האָרעוועט און גרייט זיך צו צו יעדער פון זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן.

ניט איינמאָל, האָט ער אין זיינע פּאָלעמישע רעדעס אַנגעוויזן אַז זיינע קעגנער האָבן ניט דעם מינדסטן רעספּעקט און פּיעטעט פאַר דער אינטעליגענץ פון זייערע צוהערער אָדער לייענער. מ׳באַנוצט זיך מיט אויבערפלעכלעכע מיינונגען, מ׳זאָגט אַרויס געדאַנקען ניט באַמיענדיק זיך פריער אַ טראַכט צו טאָן וועגן זייער לאָגישער און שכלדיקער אויסגעהאַלטנקייט. אָפטמאָל איז דאָס פּשוטע עם־הארצות, ווייל נישט די פאַקטן און נישט די באַהאַנדלונג שטימען מיט דער טעמע.

די יעניקע וואָס האָבן גוט געקאַנט זשאַבאָטינסקין האָבן געוואוסט אַז די דאָזיקע ווערטער זיינען ניט סתם פּאָלעמישע פראַזן פון אַ פּאַר־טיי־קעגנער, — נאָר, אַז דאָס זיינען ערנסט־געמיינטע און דורכגעפּיל־טע געדאַנקען וואָס קומען „ממעמקים" — ווייל זיי האָבן געוואוסט וויפיל מי און מאַטערניש זשאַבאָטינסקי לייגט אַריין אין זיינע אַרבעטן, און דערפאַר איז ער אויך געווען באַרעכטיקט מיט זיינע שטרענגע און הויכע קוואַליפיקאַציעס וואָס ער האָט דערוואַרט און געמאָנט פון אַנ־דערע.

געטע, האָט אַמאָל געזאָגט: „דער גרעסטער געניוס וואָלט ניט אַוועק זייער ווייט, ווען ער זאָל אַלץ פאַרדאַנקען זיין אינטואיטיווער וועלט". יאָ, טאַלאַנט, אפילו געניאַלער, מוז אָרגאַניזירט און סיסטע־מאַטיזירט ווערן. אויב ניט, טראָגט דער שאַף־פּראָצעס אַ ווילדן, אַ כאַאָטישן כאַראַקטער". זשאַבאָטינסקי האָט גוט פאַרשטאַנען דעם פולן זין פון אָט־דעם געדאַנק.

זיינען טאָקע זשאַבאָטינסקיס ווערק, מוסטערן פון נאַטירלעכן טאַ־לאַנט — פּלוס שווערער אַרבעט און מי. און דער גוטער לייענער וויס אויך ווי געהעריק דאָס אָפּצושאַצן.

אַז מען וויל צום שלום ציען פּאַראַלעלן קאָן מען פאַרגלייכן זשאַ־באָטינסקין מיט די פילזייטיקע ליטעראַרישע שעפער בערנע און טראָצ־קי, די ענלעכקייט צווישן זיי איז אין זייער פּאָלעמש־סאַטירישן עלע־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

מענט: צו אַחד־העם אין זיין פילאָזאָפיש־פובליציסטישער אַבסטראַק־ציע, און — צו דער שיינקייט און חנעוודיקייט פון סטיל, צום גלענ־צענדיקן עסייאיסט, דר. א. קאַראַלניק און ווי אויך צום פייער־בליציקן י. ל. פרץ, באַזונדערס, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיינע וואונ־דערלעכע, גייסטרייכע פעליעטאָנען.

קאפיטל זעכצן

דער רעוויזיאָניזם און איר גרינדער

דער רעוויזיאָניזם איז געבוירן געוואָרן אין אַ קריטישן פעריאָד אין דעם לעבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער רעוויזיאָניזם האָט זיך אַרויסגעהייבן ווי אַן אָפּאָזיציאָנעלע פראַקציע אין דער גרויסער ראַם פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג.

אָבער, נאָך איידער די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג איז אין 1925 ענטלעך אַרויסגעקומען און פּראָקלאַמירט איר פּראָגראַם, זיינען שוין פאָרגעקומען אינערלעכע רייבונגען און אידעאָלאָגישע צוזאַמענשטויסן און קאָליזיעס.

עס איז שוין אַלגעמיין באַקאַנט, אַז דעם זקן מאַקס נאָרדוי, דער וואָס האָט טעאָרעטיש באַגרינדעט דעם פּאָליטישן ציוניזם, האָט מען אין דער אָפיציעל־ציוניסטישער לייטונג באַטראַכט ווי אַן אַנשיקעניש; אַן „עובר־בטל” וואָס דרייט זיך אַרום אין פּאַרטיי־ביוראָ און שטערט די רו. סוף־כל־סוף איז מאַקס נאָרדוי באַזייטיקט געוואָרן פון דער ציוניסטישער ביוראָ, און ער איז געווען געצוואונגען זיך צו איזאָלירן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, לעבן אָפּגעזונדערט ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפע־נער גאַס אין פּאַריז.

אין לאָנדאָן, אין „אַלבערט האָל”, איז נאָרדוי אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרף־קריטישע רעדע קעגן דער אָפיציעל־ציוניסטישער פירער־שאַפט מיט חיים וויצמאַן בראש. ער ווייזט אָן אויף ביוראָקראַטישע טענדענצן וואָס הייבן זיך אָן איינבירגערן אין דער ציוניסטישער באַוועג־

גונג. עס האָט זיך אַריינגעכאַפט אין דער באַוועגונג דער קאַריעריסט־עלעמענט וואָס דעמאָראַליזירט די באַוועגונג און פירט איר אויף שעד־לעכע וועגן. ער באַקלאָגט זיך ביטער, וואָס אין אַ צייט ווען די נויט איז קאַטאַסטראָפאַל — ס'זיינען אָבער אויך פאַראַן קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן פון אויפבוי און אויפקום — זיינען מיטלמעסיקייטן און מענטשן אָן ווי־זיע, אָן שוואונג, אונדזערע קאַפיטאַנען.

נאָרדוי קריטיקירט אויך שאַרף און שפּאָטיק די טענדענץ אין ענג־ליש־פּאָליטישע קרייזן וואָס באַצוועקט צו נוליפיצירן אונדזערע נאַציאָ־נאַל־ציוניסטישע אַספּיראַציעס. דער פרואוו מצד אייניקע פּאָליטיקאַנטן צונישט צו מאַכן דעם באַדייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז דער אָנהייב פון אַ שענדלעך קאַפּיטל אין דער ענגלישער אימפּעריע. דידאָ־זיקע פרוואוון שטעלן פאָר מיט זיך אַקטן פון מאָראַלישער קאַפּיטולאַציע; פון אַנטוווערטן עטישע ווערטן.

די באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאַר אונדז געווען אַ ליכטיקער שטערן אין אַ פינצטערער נאַכט; אַ טרייסט פאַר די האָפענונגסלאָזע, אַ שטיק לעבעדיקע ווירקלעכקייט פאַר די דעפיטיסטן און אַנטוישטע — מיט איין וואָרט: אַ נייע גאָלדענע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אונד־זער גלות־פאָלק. אָבער די מיאוסע מאַכינאַציעס פון די ענגלישע „שטאַטסלייט" רופט אַרויס זיין שאַרפן פּראָטעסט און זיין סקעפּטישן אומרו.

ער שלאָגט דאָן פאָר זיין גראַנדיעזן פּלאַן פון מאַסן־אימיגראַציע וואָס זאָל דערמעגלעכן די באַלדיקע רעאַליזירונג פון יידנשטאַט־געדאַנק, איידער ס'וועלן זיך אַריינכאַפּן די כיטרע קאָלאָניאַל־פּאָליטיקער, וואָס האָבן איין אויפגאַבע: ליקווידירן די באַלפור־דעקלאַראַציע און שטערן אונדזער אויפבוי אין ארץ־ישראל.

מ'האָט די שאַרפע וואָרענונג־ווערטער פון מאַקס נאָרדוי באַטראַכט ווי רייד פון אַ פעסימיסט, אַן אַלטן סקעפּטיקער. זיינע „גרויס־ציוניס־טישע" פּלענער פון מאַסן־איבערוואַנדערונג האָט מען ציניש אויסגע־לאַכט. אין בעסטן פאַל האָט מען זיי באַטראַכט, ווי פּראָיעקטן פון אַ

וואַנזיניקן בעל־חלומות, וואָס האָט פאַרלוירן דעם פולס פון רעאַלן לעבן..

די שטים פון אמת פון דעם וויטזעעודיקן האָט מען דערשטיקט. זיינע גראַנדיעזע פלענער פון שטאַט־בוי האָט מען אויסגעלאכט און איגנאָרירט.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע, קריטישע מאָמענטן אין ציוניסטישן לעבן. מ'האָט אָנגעהויבן דערפילן די אַנטי־יידישע האַנט אין דעם קאָלאָניאַלן רעזשים פון דער ענגלישער רעגירונג. מ'האָט אונדז פעריאָדיש געקאָרמעט מיט אַראַבישע פּאָגראָמען און אָנפאַלן אין ארץ־ישראל, סטימולירט און אינספּירירט פון ענגלישן באַאַמטנטום. מ'האָט צעפּערטלט און אָפּגעשניטן לעבעדיקע טיילן פון אונדזער היסטאָריש, יורידיש־באַשטעטיקטער ארץ־ישראל. מ'האָט אונדז אין רעזולטאַט פון דזשענטלמענערישער באַנעמונג קאָמפּענסירט מיט „סטאַפּ־אימיגריישאָן”־פּאָליסיס. מ'האָט אונדז מזכה געווען מיט אַלערליי שוואַרצע און ווייסע פּאַפּירן וואָס האָבן געהאַט איין באַשטימטן ציל: שטערן אונדזער פּראָגרעס, שאַפן אומרו, אַריינברענגען יאוש און פעסימיזם אין יידישע הערצער. מ'האָט איינגעפירט אַלערליי טאַריפן און שטרענגע לאַנד־באַגרעניצונגען, וואָס זאָלן האַמעווען און באַשרענקען אונדזער אַרבעט אין ישוב. מ'האָט אַפילו געפּרואווט צעשטערן די אחדות פון יידנטום פאַר זיינע גאולה־בענקענישן.

אָבער די ציוניסטישע לייטונג, בראש מיט חיים וויצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, פּראָפ' בראָדעצקי און די אַנדערע פירער, האָבן די ענגלישע באַשרענקונגען און באַגרעניצונגען ניט צוריקגעשליידערט מיט מוטיקן פּראָטעסט און רעוואָלט, ווי ס'וואָלט געהאַנדלט אַן אַנדער נאַרמאַל פאָלק. ניין, מ'האָט ניט געוואַגט אָנווייזן אויף די שענדלעכע מעשים פון די ענגלישע ביוראָקראַטן; פאַרקערט, די ציוניסטישע לייטונג האָט שטילערהייט געגעבן איר הסכמה, איר ברכה צו די אַלע שענדלעכע האַנדלונגען מצד דעם קאָלאָניאַל־אָפיס אין לאָנדאָן. מ'האָט זיך באַנוגנט מיט אָנגענעמען אייניקע טויזנט סערטיפיקאַטן ווי אַ נדבה פון ענגלישן באַאַמטנטום. מ'האָט אַליין אָנגעהויבן מינימיזירן און אָפּחוזקן פון יענע גרויסע חלו־

מות פון די גרינדער און בויער פון פּאָליטישן ציוניזם. הערצלס „שטאַטס־ציוניזם" איז פאַרוואָרפן געוואָרן. אַ חוץ זיין אינסטרומענט, דער קאָנגרעס, דער גוף פון דער באַוועגונג — איז גאָרניט געבליבן. די נשמה פון ציוניזם האָט מען שטילערהייט געלאָזט אויסהויכן. די אַגענטור־ציוניסטן, די „פּיפּטי־פּיפּטי"־יידן, האָבן אָנגעהויבן קריגן אַלץ מער השפּעה און העגעמאָניע אין ציוניסטישן לעבן. טראָפּן נאָך טראָפּן האָט אָנגעהויבן אויסרינען די עסענץ פון אמתן, רעאַל־ציוניזם אין יקדי־שען לעבן. די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן דורכמאַכן אַלערליי גילגולים, ביז זי איז געקומען צו דער סטאַדיע פון פּאָליטיש־אידעאָלאָגישן באַנק־ראָט.

זשאַבאָטינסקי האָט שוין ניט געקאָנט מער שווייגן און פאַרשווייגן די אַלערליי סתירות, ווידעראַנאַנדן און זיגזאַגישע דרכים פון די ציו־ניסטישע קליין־פּאָליטיקער. ער האָט דערפילט, אַז אַ שטאַרקע האַנט זוכט באַוואוסטזיניק צעשטערן אונדזערע אַספּיראַציעס און חלומות.

ער שטעלט זיך בראש פון אַ קליינער גרופּע, וואָס איז געבליבן לאָיאַל דעם הערצל־נאָרדוי ציוניזם. זיי זיינען געקומען ווי אַן אָרגאַני־זירטע אָפּאָזיציע צום 14טן ציון־קאָנגרעס.

ביים דאָזיקן קאָנגרעס האָט זשאַבאָטינסקי פאָרמולירט דעם פּראָג־ראַם פון אָט־דער קליינער רעוויזיאָניסטן־גרופּע. די באַוועגונג האָט גע־נומען וואַקסן מיט אַ געוואַלטיקער טעמפּאָ. אַלץ גרעסערע ברוך־טיילן פון דער אַלטער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן און האָבן זיך אָנגעהויבן אידענטיפיצירן מיט די רעוויזיאָניסטישע צילן. אין 1925 איז די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט מענטשן. אין 1927 האָט שוין די אָרגאַניזאַציע געציילט 8,000 פּאַרטיי־מיטגלידער. אין 1929 — 19,000 ; אין 1931 — 60,000 ; אין 1933 — 96,000 ; אין 1937 — 150,000, איינשליסנ־דיק אַ גרויסע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, דער בית"ר. די באַוועגונג האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענע טעגלעכע העברייאישע צייטונג אין ארץ־ישראל און אַ יידישע אין קאָוונע, ליטע. ס'זיינען אויך דערשינען אַרום

30 וועכנטלעכע און פּעריאָדישע זשורנאַלן אין אַ טוצן שפּראַכן, מיט דער צענטראַל־ביוראָ, פריער אין פּאַריז און שפּעטער אין לאָנדאָן.

צווישן די חשובע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, זיינען געווען: זאב טיאָמקין, דר. ראָבערט שטריקער, דר. ליכטהיים, דר. י. שעכטמאַן, מ. גראָסמאַן, פּראָפ. קלויזנער, יעקב דע־האַז, פּראָפ. קולישער, דר. סאָסקין, יעקב כהן, א. צ. גרינבערג, מרדכי דאַנציס און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן זיינען שפּעטער צוגעשטאַנען ווען די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן זיך פאַ־נאַנדערוואַקסן.

די הויפּט־עיקרים פון רעוויזיאָניזם זיינען פאָרמולירט און איינ־קאָרפּאָרירט געוואָרן ביי דער ערשטער רעוויזיאָניסטישער אַלוועלטלע־כער קאָנפערענץ. צווישן די הויפּט „גרונטזאַצן" ווערט איינגעשלאָסן:

1. דער ציל פון ציוניזם איז די בהדרגהדיקע פאַרוואַנדלונג פון ארץ־ישראל איינשליסנדיק עבר־הירדן, אין אַ יידישער מלוכה, אין אַ זיך־זעלבסטשטענדיק פאַרוואַלטנדיקער טעריטאָריע מיט אַ יידישער באַפעלקערונג.

דער טעקסט פון אָט־דעם פּונקט שטעלט מיט זיך פאָר די פאָר־מולירונג פון דעם עיקר־ציל פון ציוניזם, וועלכן הערבערט סעמועל האָט געגעבן אין אַ היסטאָרישער רעדע אין לאָנדאָן דעם 2טן נאָוועמ־בער, 1919. דער טעקסט פון דער רעדע איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער צענטראַל־ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דידאָזיקע פאָרמולירונג פון ציוניזם איז די איינציק־דערלאָזבאַרע. אַלע אַנדערע טייטשן און אויסטייטשן זיינען פאַלש און מיסרעפּרעזענטירן די ציוניסטישע מלוכה־אַספּיראַציעס.

2. דער רעוויזיאָניזם זוכט די פולשטענדיקע לייזונג פון יידן־פּראָבלעם אין אַלע זיינע אַספּעקטן: פּאָליטישע, עקאָנאָמיש־ווירט־שאַפטלעכע און קולטורעל־ספּיריטועלע.

3. נעמענדיק אין באַטראַכט די שאַרפע פאַרערגערונג פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין די לענדער

פון זייער קאָנצענטראַציע — ווערט דערקלערט, אַז דער איינציקער אויסוועג אויסצומיידן די דראָענדיקע קאַטאַסטראָפע פון צוזאַמענברוך, איז דער אימפּעראַטיוו: גיכע איינוואַנדערונג פון די יידישע מאַסן, וואָס זיינען אויסגעזעצט צו שווערעליידן אונטער די פאַרשאַרפטע באַדינגונגען, קיין ארץ־ישראל.

4. כדי דורכצוזעצן דעם פּראָיעקט פון מאַסן־קאָלאָניזאַציע, ווערט פאָרגעשלאָגן אַ גאַנצע ריי פון ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמען, ווי: שטייער־אָפּצאָל, פאַרקער, אינטענסיווירונג פון לאַנדווירטשאַפט; באָדן־רעפאָרמען, דערציאונג און געזונט־אַנשטאַלטן און אַנדערע ענלעכע פונקטן.

5. אינעם פּעריאָד פון מלוכה־אויפבוי איז פאַראַן נאָר איין סאָציאַלער געבאָט: די אינטערעסן פון אויפבוי. אַלע איבעריקע עקאָנאָמישע אינטערעסן פון יחידים, גרופּן, אָדער קלאַסן מוזן אינגאַנצן זיין אונטערגעוואָרפן דעם עיקר־פּרינציפּ — פון אויפבוי״.

דאָס זיינען די הויפּט־עיקרים פון רעוויזיאָניזם וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן ביי זיין ערשטער אַלוועלטלעכער קאָנפערענץ. ס׳זיינען באַטירלעך פאַראַן אַ גאַנצע ריי פון אַנדערע וויכטיקע פונקטן און פּראָיעקטן, ווי: רעוויזיע פון דער יידישער אַגענץ, נאַציאָנאַלע באַנקן, דערציאונג־אַנשטאַלטן, שוץ־מיטלען קעגן רויבערישע אָנפאַלן, — אָבער מיר שרייבן ניט די געשיכטע פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, ווען מיר די אַלע פּלענער און פּראָיעקטן אויסלאָזן פון אונדזער אַנאַליז. מיר האָבן אָבער אָנגעוויזן אויף די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן דערקלערונגען פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, ווייל אין זיי איז זשאַבאָטינסקי געווען אינסטרומענטאַל; זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטעגראַלן טייל פון דער זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע.

ס׳זיינען שפּעטער פאָרגעקומען שפּאַלטונגען און רייסערייען אין דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. ס׳האָבן זיך געשאַפן אַ ריי גרופּן און קלייזלעך אין דער באַוועגונג גופא. ווייזט אויס אַז די קללה פון דער אַלגעמיינער יידישער גאַס איז אויך אומפאַרמיידלעך איבערגעטראָגן

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

געוואָרן אין דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, וואָס איז געקומען מיט אַ נייער רעוואָלוציאָנערער תורה און מיט אַ ניי וואָרט וועגן נאַציאָנאַלער דיסציפּלין. אָבער אַזוי איז שוין מן־הסתם דער כלל. אין אָנהייב איז די באַוועגונג געווען אַ צונויפלויף פון אַלערליי עלעמענטן, הויפּטזאַכלעך אומצופרידענע. מענטשן מיט אַלערליי גייסטיקע טעמפּעראַמענטן און נאַטורן, וועלכע האָבן געזוכט אויסדרוק צו זייערע געדאַנקען און געפילן, זיינען געקומען צו דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. ביים אָנהייב האָבן אַלע אומצופרידענע געפונען אַ פרייע טריבונע און אָפענע אויערן פאַר אַלערליי געדאַנקען און אידייען וואָס האָבן געמאַטערט דעם זוכנדיקן אינטעלעקט. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז זשאַבאָטינסקי, צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער ליבע און אומבאַשרענקטער טאָלעראַנץ צו מענטשן, האָט אָפּטמאָל פאַרזען די שוואַכקייטן און חסרונות פון געוויסע יחידים וואָס האָבן אים שפּעטער אַריינגעצויגן אין אַ נעץ פון פּלאָנטערנישן, קאָפּוויטיקן און פּאַרטיי־סתירות.

מיט דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אַלע טענדענצן און נייגונגען. ס'איז פאַרגעקומען דאָס קאָנסעקווענטע, דאָס פאַראויסגעזעענע ווי אַ רעזולטאַט פון די אַלע קאָליזיעס און צוזאַמענשטויסן פון אינעווייניק: אַן עפנטלעכער ברוך, אַ שפּאַלטונג.

מאיר גראָסמאַן, ראָבערט שטריקער און אַ צאָל אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער גרינדונג און באַגרינדונג פון רעוויזיאָניזם, האָבן פאַרלאָזט די באַוועגונג און אַוועק אויף אייגענע קעסט.

איז אפשר די שפּאַלטונג ניט געווען קיין ריין אידעאָלאָגישע. זי איז מן־הסתם מאָטיווירט געוואָרן פון פאָלקס־ווערטל: „דאָ וואו ס'בלישטשעט דער גאון דרייט זיך אַרום דער שגעון". אין ארץ־ישראל זיינען אויך פאַרגעקומען ענלעכע רייבונגען אין דער באַוועגונג. ס'האָט זיך אויסגעפּיקט אַן עקסטרעמער פליגל וואָס האָט אָנגעהויבן אָפּנייגן פון פּאַרטיי־דיסציפּלין און אָפּטאָן מעשים אויף אייגענער אחריות.

זשאַבאָטינסקין האָבן דידאָזיקע קליינלעכע פּאַרטיי־סיכסוכים פאַר־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

שאפט אַ סך צער און אומזיסטן פּאַרדרוס. ער האָט געמאַכט אַלע פּרוואוון צו מינימיזירן און פאַרמיידן דידאַקטיקע פּאַרטיי־צאַנקערייען, אָבער ניט אַלעמאָל איז אים געלונגען אָנצוהאַלטן דעם נויטיקן באַלאַנס צווישן אַלערליי גרופּן אין דער באַוועגונג.

האָט ער פון אָט־דער סיטואַציע זיכער קיין צופיל נחת ניט געהאַט. ער האָט אָבער געוואוסט פון דערפאַרונג, אַז די צייט וועט די אַלע ריסן און ברוכן פון אינעווייניק אויסהיילן. זיי זיינען מינדערוויכטיקע, אי־בערגייענדיקע דערשיינונגען. די דראָענדיקע קאַטאַסטראָפע פון דרויסן וועט אַלע קריגנדיקע צדדים פון אינעווייניק קאָנסאָלידירן און צעמענ־טירן.

דער הויפּט־עיקר איז פאַר אים געווען: די באַפרייאונג פון אונד־זער פאָלק אויף די יסודות וועלכע ער האָט פאָרמולירט ביי דער גרינ־דונג פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, אין וועלכע ער האָט אריינ־געקנאָטן זיין נשמה־איך, זיין גייסטיקן אינטעלעקט.

ער האָט געהאַט איין הייסן וואונטש, אַז דאָס נעגאַטיוו־דעסטרוק־טיווע זאָל פאַרגעסן ווערן און דאָס וואָס איז פּאָזיטיוו, קאָנסטרוקטיוו־בויענדיק זאָל בלייבן פעסט איינגעקריצט אין דעם פאָלקס זכרון. זיינען מיר זיכער, אַז אין משך פון צייט וועלן אַ סך פון די שוואַכקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זשאַבאָטינסקיס פערזענלעכקייט פאַרגעסן ווערן. מ׳וועט אים אָבער געדענקען ווי דעם רעבעלירנדיקן גייסט אין אַ וועלט פון גייסטיקן באַנקראָט און פון אַ צייט ווען דאָס יידישע פאָלק איז אַפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט . . .

קאַפּיטל זיבעצן

די יוגנט

זשאַבאָטינסקי איז געווען דער דערפּאָלגרייכסטער אַגיטאַטאָר ביי אונדזער יוגנט. דאָס קענען אַפילו זיינע ביטערסטע קעגנער ניט לייקע־נען. די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג, וואָס איז דורך זשאַבאָטינסקין געגרינדעט געוואָרן, האָט מערער פון אַלע יידישע פּאַרטייען פאַרמאָגט אַ גרויסן פּראָצענט פון יוגנטלעכע עלעמענטן. אין זיינע רעדעס האָט זשאַ־באָטינסקי מיט זיין גרויסן אָראַטאָרישן טאַלאַנט אַלעמאָל באַגייסטערט זיינע יונגע צוהערער. אָבער די יעניקע וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רעדעס און פאַרטראַגן פאַר דער יוגנט, וועלן זיכער עדות זאָגן, אַז זשאַבאָטינסקי האָט אין זיינע מייסטערהאַפטע מוסטערן פון אָראַטאָריע קיינמאָל ניט באַנוצט זיך מיט יענע דעמאַגאָגישע עפעקטן וואָס פּיפיקע רעדנער באַנוצן אָפטמאָל כדי צו באַצויבערן און ווירקן אויף יוגנטלעכע.

זיכער האָט זשאַבאָטינסקי פאַרמאָגט די אַלע געטלעכע אַטריבוטן וואָס אַן ערשט־קלאַסיקער אָראַטאָר פאַרמאָגט. זיכער האָט ער אָנגע־צונדן די פאַרזאַמלטע מיט רעליגיעזן עקסטאַז — אָבער, זשאַבאָטינסקי האָט ניט געווירקט אויף די יוגנטלעכע בלויז מיט זיין פייערדיקער צונג, נאָר הויפּטזאַכלעך: מיט דעם עטישן אינהאַלט, מיט דער שניידנדיקער לאָגיק, וואָס האָט ממש מיטגעריסן. זיין אופן פון רעדן איז געווען אי־בערצייגנדיק און דערפאַר אַרויסגערופן גלויבן און צוטרוי צו זיינע רייד.

אַז מען איז געקומען אין באַריר מיט אים איז מען באַזעלט געוואָרן פון זיין אויפריכטיקייט און אָנגעשטעקט געוואָרן פון זיין ענטוזיאַזם, פון

זיין מוט און עקשנות. דערצו האָט ער געהאַט אַ פּאַטערלעכע באַציאונג צו יעדן יוגנטלעכן באַזונדער. דעם ברית טרומפּעלדאָר, די באַװעגונג װאָס ער האָט באַשאַפן, האָט ער באַטראַכט װי מען באַטראַכט קינדער פון אן אייגענער משפחה. יעדער קינד פון דער באַװעגונג איז פאַר אים געװען אַן אָביעקט פון פּערזענלעכן אינטערעס און איבערגעגעבנקייט, און אָט־די זעלטענע קאָמבינאַציע פון מעלות אין װעלכע יוגנטלעכע נוי־טיקן זיך אַזוי שטאַרק, האָבן באַגייסטערט און מיטגעריסן די הערצער און די נשמות פון אונדזער בלאָנדזשענדיקער, אידעאַליסטישער יוגנט.

זשאַבאָטינסקי איז געװען אַ געניטער קענער פון יוגנט־פּסיכאָלאָ־גיע. ער האָט גוט געקאַנט די שװאַכקייטן און די מעלות פון דער יוגנט, און ער האָט זיך געקאַנט גוט אַריינלעבן אין דעם אָפּטמאַל שטילן, נאָר טיפן ברויז פון זייער נשמה־לעבן.

די נשמה פון דעם יוגנטלעכן קאָן לייכט פאַרפּעסטעט װערן, װי דאָס האָט באַװיזן אין די לעצטע יאָרן די פאַשיסטיש־נאַציסטישע יוגנט. די עקלהאַפטע מדריכים און פערװערזע דעמאַגאָגן האָבן, װי מיר װייסן שוין איצט, טאָטאַל פאַרגיפטעט די מוחות און די הערצער פון דער יוגנט אין די לענדער, און לויט די ידיעות װאָס מיר קריגן איצט פון דאָרט, האָט מען נאָך דערװייל ניט אויסגעפונען אַ גענוג שטאַרקן און װירקנ־דיקן קעגנגיפט זיי אויסצוהיילן פון דעם אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע קרימינעלע און מערדערישע נייגונגען װאָס זיינען אין זיי אַנטװיקלט און אַרויסגערופן געװאָרן.

אָבער אין קאָנטראַסט צו דעם אַלץ קאָן אויך די יוגנט װערן און זיין אַ קאָלאָסאַלער כוח פון פּאָזיטיװן און קאָנסטרוקטיװן אויפבוי אין דער געזעלשאַפט. פּעדאַגאָגיק און שולונג זיינען װיכטיקע פאַקטאָרן.

זשאַבאָטינסקי האָט געהאַט אַזאַ מאָראַלישע װירקונג אויף אונדזער יוגנט. ער איז געװען דער לעבעדיקער סימבאָל פון אַלץ װאָס ער האָט געפּריידיקט. אויפן קאַמף־פראָנט איז ער שטענדיק געװען דער ערש־טער.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

די קלענסטע קלייניקייט איז פאַר זשאַבאָטינסקין ניט געווען צו־קליין, אויב זי האָט געדינט דער באַוועגונג און דעם פאָלק. דערפאַר דער גרוונדלעכער רעספּעקט, דערפאַר די כמעט־פאַרגעטערונג וואָס די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן צו זשאַבאָטינסקין.

זשאַבאָטינסקי האָט דורך דער שאַפונג פון ביתר (ברית טרומפּעל־דאָר) רעוואָלוציאָניזירט אונדזער יידיש לעבן. ער האָט דורך דעם ביתר, זיין קרוין־ווערק, געהאָט בדעה אויסצוואָרצלען די גלות־פּסיכיק מיט אַלע אירע אַבנאָרמאַלע קאָמפּלעקסן.

דער ביתר איז געקומען אַוועקשטעלן דאָס יידישע לעבן אויף געזונטע נאַציאָנאַלע יסודות, געבונדן מיט אונדזער אַלט־אַלטער יידישער „הר־סיני"־טראַדיציע פון מאָניסטישן וועלט־באַנעם.

מאָניזם, דאָס איז דער הויפּט אידעאָלאָגישער יסוד פון ביתר. דער אונטערשייד פון אַנדערע יוגנט־פּראַקציעס און דעם ביתר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַנדערע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן דעם ציוניזם אָפטמאָל פאַרוואָסערט דורך כעמישן געמיש מיט פון דער פרעמד אימפּאָרטירטע עלעמענטן.

זייערע אידעאָלאָגן האָבן געהאַלטן, אַז ציוניזם אַליין איז ניט גענוג אימפּרעסיוו און עפעקטיוו פאַר אונדזער יוגנט. זשאַבאָטינסקי האָט געהאַלטן פון היפּוך: אַז דער הערצל־נאָרדוי ציוניזם, אין זיין פּראַכטפולער גאַנצקייט, פאַרמאָגט ראָמאַנטישן שוואונג, און איז גענוג אַרויסצורופן באַגייסטערונג און שטאַרקן דעם ווילן פון פאָלק. ווי האָט ער אַליין געזאָגט אין אַן אַרטיקל: „שעטנז לא יעלה עלך" — צוויי אידעאַלן זיינען אַן אַבסורד, פּונקט אַזוי ווי צוויי געטער, פּונקט אַזוי ווי צוויי פאַרשיידענע מזבחות אין איין בית־מקדש. נאָר אַ גאַנצע נשמה קאָן זיין מ אָ נ י ס ט י ש . . . אַ געזונט הארץ אין וועלכן עס לעבט אַן אידעאַל, קאָן ניט האָבן קיין פּלאַץ פאַר קיין צווייטן . . ."

יאָ, ער האָט געזוכט צו שאַפן אַ נייע מענטאַליטעט, כ'וואָלט געזאָגט אַ נייעם פּסיכישן נאַציאָנאַלן באַגריף, ווי דער ביתר זינגט עס אין זיין הימנע, וואָס איז דורך זשאַבאָטינסקין געשריבן געוואָרן: —

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

פון דעם אָפּגרונט פון צעפּוילטקייט און שטויב,
מיט אונדזער שווייס און בלוט,
אַ דור אַ נייעם וועלן מיר דערציִען,
וואָס וועט זיין שטאָלץ און מונטער.

ער האָט אין דעם יונגן ייד געוואָלט איינפּלאַנצן די תורה פון דער אַלטער גייסטיקער יידישער אַריסטאָקראַטיע. יוסף טרומפּעלדאָר איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון דעם דאָזיקן יידישן אַריסטאָקראַט.

שלמה בן יוסף, דער ביתרשער העלד, וואָס איז אַזוי מאַיעסטעטיש און שטאָלץ געגאַנגען צו דער תליה אין עכו, איז געווען די פּרוכט פון דער גייסטיקער דערציאונג וואָס דער ביתר גיט דער יוגנט.

„מיר גלויבן אַז דורך בלייבן אַ גאַנצער ייד, — לערנט אונדז די ביתרשע קאָנצעפּציע,—בלייבן מיר גלייכצייטיק גוטע הומאַניטאַריער". יענער אַסימילאַטאָריש־פּחדנישער איינשטעלן פון זיין „אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס" — זיינען פאַלש־געמיינצטע אידעאַלן וואָס זיינען פרעמד אונדזער לעבן־באַנעם".

זשאַבאָטינסקי האָט אויך אין אונדזער יוגנט איינגעפּלאַנצט דעם הערלעכן באַגריף פון „הדר", אַ באַגריף וואָס איז געוואָרן אַ סעקונדאַ־רער יסוד פון דער ביתרשער יוגנט־באַוועגונג.

דער ביתר האָט דעם באַרוף צו דערציִען דעם צוקונפטיקן יידישן בירגער פון יידישן מלוכה־לעבן צו עסטעטיש־עטישער גראַדליניקייט. אַ מענטש וואָס וועט זיין דער שטאָלץ פון אַ פאָלק. זשאַבאָטינסקי האָט גאַליק באַקעמפט יענע שיטה אין יידישן לעבן וואָס האָט אונדז פאַר־שקלאַפט און פאַרחוזקט און וואָס „טויזנטער יאָר גלות, פון וויי און פון לייד, האָבן אים אויסגעצערט און זיין האַרץ אָפּגעטויט . . ." — ווי ס'זינגט פול מיט צער אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער ח. נ. ביאַליק.

זשאַבאָטינסקי האָט געזוכט אויסצוואָרצלען אין דעם יוגנטלעכן דאָס פאַטאַל־ציניש וואָס איז אַ פועל־יוצא פון אַ לאַנגער מאַרטער־גע־שיכטע. ער האָט געזוכט אויפצולעבן „די פוילע בלעטער פון בוים"

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

וואָס די שטראָפנדיקע האַנט האָט זיי געבראַכט צו שפּאָט און שאַנד ... ער האָט דעם צוקונפטיקן דור געוואָלט געבן אַ זין פאַרן לעבן, ער זאָל ניט נאָר זען די טעגלעכע נויט פון פינצטערן גלות. ער האָט געזוכט אויסצעוואָרצלען דאָס גראָטעסקע געשטאַלט פון אַ שקלאַף וואָס שטעלט אונטער די פּלייצע געבייטשט צו ווערן פון דעם האַרס רוט. זיין אידעאַל איז געווען צו דערציען אַ דור אין וועלכן ס'זאָל שלאָגן אַ האַרץ פון אַ שטאָלצן מענטש־ייד.

דער מאָניזם און דער „הדר" זיינען צוויי עיקרדיקע יסודות אין דער ביתרשער פּעדאַגאָגיק. דער מאָניזם זוכט די אינערלעכע איבער־געשטאַלטונג פון דעם יידישן יוגנטלעכן, און דער „הדר" זוכט די דרויסענדיקע רעוויזיע.ביידע באַגריפן זיינען אַ סינטעז פון מאָדערנעם קול־טור־מענטש און דעם „זשענטלמען־טיפּ" ווי ער ווערט פּערזאָניפיצירט אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט.

די תורה פון עסטעטישער פּערפעקציע, דורכגעדרונגען מיט אַ מאָראַל־עטישער פאַרשטענדעניש, האָט זשאַבאָטינסקי געפּרואווט איינ־פלאַנצן אין אונדזער יוגנט.

וואָס זיינען די פּאַקטישע רעזולטאַטן ? זאָלן אַנדערע אונטערפירן דעם סך־הכל, ווייל דאָס אַלץ איז בכלל אַ פּראָבלעם, וואָס מיט איר דאַרפן זיך באַשעפטיקן אונדזערע פּעדאַגאָגן און יוגנט־דערציער. אָבער מען קאָן מיט פולער זיכערקייט זאָגן: אַז דער אָנהויב איז געווען אַ העכסט־דערפאָלגרייכער, אורטיילנדיק פון דער גרויסער יוגנט־באַוועגונג וואָס דער ביתר האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט איידער ס'האָט אויס־געבראָכן דער איצטיקער וועלט־מבול, וואָס האָט באַזונדערס קאַטאַסטראָפאַל געטראָפן אונדזער אומגליקלעכן פאָלק — צעזייט און צעשפּרייט אויף הפקר — איבער דער גאַנצער וועלט.

קאַפּיטל אַכצן

דער אָראַטאָר

זשאַבאָטינסקי איז געווען דאָס „וואונדער־קינד" פון רוסישן יידנ־טום. שוין אין די צוואַנציקער יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען באַ־רימט אַלס גלענצנדיקער אָראַטאָר.

זיין פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן מיט דעם וואוקס פון זיינע יאָרן, און גלייכצייטיק זיינען געוואַקסן זיינע אוידיטאָריעס. זשאַבאָטינסקי איז אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן רוסישן תחום, האַלטנדיק רעדעס וועגן יידן, נאַציאָנאַליזם, אַסימילאַציע; וועגן דער רוסישער ליטעראַטור און אירע מייסטער און, באַזונדערס, וועגן „בונד", וואָס איז אין יענער צייט אַרויס אויף דער יידישער גאַס ווי אַ נייע קעמפערישע באַוועגונג און וואָס האָט זיך באַזונדערס ספּעציאַליזירט אין קאַמף קעגן ציוניזם.

און אין יעדער שטאָט און שטעטל וואו זשאַבאָטינסקי איז אויפגע־טראָטן אַלס רעדנער, זיינען די זאַמל־פּלעצער געווען איבערגעפּאַקט. מען איז געשטאַנען אין לאַנגע רייען און געצאָלט הויכע פּרייזן פאַר בי־לעטן, כדי צו האָבן די זכיה צו הערן זשאַבאָטינסקין רעדן.

און זשאַבאָטינסקי האָט ניט אַנטוישט. ער איז געווען דער „שטור־עם־פויגל" פון אַ נייער ערע אין יידישן לעבן. ער איז געקומען פון אַסימילירטע קרייזן, וואו יידישע פּראָבלעמען זיינען אויפגענומען גע־וואָרן קאַלט און מיט דער באַקאַנטער פּחדנישער באַציאונג מצד יענע עלעמענטן, וואָס קוואַפּען זיך אויף פּראָמינענטע קאַריערעס ביי די אומות־העולם, און דער גאַנצער טומל וועגן יידן און יידישע פּראָבלעמען

שטערט בלויז זייער שלאָף און זייער רו. איז דער קאַמף מצד יענע אַסימילאַטאָרן געווען ביטער־סאַרקאַסטיש קעגן זשאַבאָטינסקין דעם יידישן בונטאַר, וואָס איז גראָד צוגעטראָטן צו יידישע פּראָבלעמען מיט דער „גויאישער לאָגיק". אין די רייען פון פּראָלעטאַרישן „בונד", מיט זייערע דעמאָלטדיקע באַגריפן וועגן יידישן נאַציאָנאַליזם, האָט מען אויך „געשאַרפט די שווערדן" קעגן זשאַבאָטינסקיס עפנטלעכע אַרויס־טריטן. זשאַבאָטינסקי האָט געשטורעמט מיט זיין „פייערדיקער צונג" די ציטאַדעלען פון אַסימילאַציע און דורכגעבראָכן אַ וועג און אָפּגעריסן גרויסע ברוך־טיילן פון יידישע כוחות. ער האָט אויך געקראָגן אַ צו־טריט און איז אַריינגעדרונגען אין דער אינטעלעקטועלער וועלט לטובת דעם יידישן רענעסאַנס און יידישער באַפרייאונג — לויט ווי זשאַבאָ־טינסקי האָט אינטערפּרעטירט און פאַרשטאַנען פּאָפּולער צו מאַכן די דאָזיקע באַגריפן.

זיינע קעגנער זיינען געוואָרן אַלץ ביטערער און בייסנדיקער, און אָפּטמאָל אַרויסגעלאָזט קעגן דעם „רעאַקציאָנער, שאָוויניסטישן זשאַ־באָטינסקי" פּאָלעמישע פּאַמפלעטן און פּאַסקווילן.

אָבער וואָס גרעסער און פּרינציפּנלאָזער דער קאַמף קעגן זשאַבאָ־טינסקין האָט זיך צעפלאַקערט, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן זיין פּאָפּו־לאַריטעט. ער האָט זיך אין קאַמף געשאַפן אַ סך פיינט, אָבער אויך אַ סך גוטע, אינטימע און איבערגעגעבענע פריינט. ש. לעווין דערציילט אַז אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואו זשאַבאָטינסקי איז אויפגעטראָטן אַלס דעלעגאַט פון די רוסישע ציוניסטן, האָט ער געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע מיט זיין פיין־געשלי־פענער רוסישער שפּראַך, ווי אויך מיט זיין וויסן און קענטעניש וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן. אָט דער טיפּ איז באמת געווען אַ זעלטנהייט אין יידיש־רוסישע קרייזן אין יענע יאָרן.

זשאַבאָטינסקיס אַ רעדע איז געווען אַ יום־טוב, אַ געשעעניש אין ציוניסטישן לעבן. און ווען נאָר מ'האָט אָנאָנסירט ביי אַ ציוניסטישן קאָנגרעס אָדער סתם ביי אַ וויכטיקער יידישער פאַרזאַמלונג, אַז זשאַ־

װלאַדימיר זשאַבאָטינסקי

באָטינסקי װעט אויפטרעטן אַלס רעפערענט, איז מען געװען זיכער אַז די קאָנגרעס־זיצונגען און די פאַרזאַמלונגען װעלן זיין איבערגעפאַקט מיט מענטשן, װאָס װעלן זיצן נייגעריק־געשפאַנט און זיך צוהערן צו זשאַבאָטינסקיס רעדן.

זיין שטים װייך און מעלאָדיש, זיינע ברענענדיקע אויגן שאַרף אָנ־געשפיצט אויף די פאַרזאַמלטע, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּראָפעט. פונקט טאַקע װי זשאַבאָטינסקי אַליין שילדערט דעם העלד, שמשון, אין זיין ראָמאַן: „שמשון רעדט אָן אָנשטרענג, נישט הויך און ניט שטיל, אָדער אי הויך, אי שטיל גלייכצייטיק. װער קאָן זאָגן צי עס רוישן הויך אָדער שטיל די זאַנגען אונטערן װינט? דאָס איז אַ שעפּטשען, מ׳הערט אים אָבער פון דערװייטנס.

„די ערד־אַרבעטער האָט דאָס קול דערמאָנט אַ תבואה־פעלד, די מאַטראָזן — דאָס אָנשלאָגן פון כװאַליעס אָן אַ ברעג; די נביאים — אַ װידערקול פון אַ שטים אין די באַרג־שפּאַלטן; די פּאַסטוכער — דאָס רעװען פון אַן אָקס; די מאַמעס — דאָס צאַרטע מורמלען פון אַ זויג־קינד ביי דער ברוסט; יעדער מיידל — די שטים פון חתן, אויף װעלכן זי װאַרט מיט בענקשאַפט. אַלע האָבן אים געהערט נישט מיט די אויערן, נאָר מיטן גאַנצן האַרצן, און אַלע האָבן זיך אונטערגעגעבן איידער זיי האָבן נאָך פאַרשטאַנען. צו פאַרשטיין איז געװען לייכט — די רעדע איז געװען אַ פּשוטע, אָן אַן הקדמה, אָן אַן אַנטשולדיקונג, גלייך צו דער זאַך. . .״

זשאַבאָטינסקי האָט אפשר, אומבאַװאוסטזיניק, אונדז איבערגעגע־לאָזט אַ געטרייע שילדערונג װעגן זיין אייגענער רעדנער־קונסט. אַז די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז ניט קיין גוזמא — קאָן מען פעסטשטעלן דורך די לעבעדיקע עדות, װאָס האָבן געהאַט די זכיה זשאַבאָטינסקין צו הערן. אַלע, יונג און אַלט, פאָלקס־מענטשן און אינטעלעקטואַלן, רעדן נאָך עד־היום מיט באַגייסטערונג װעגן יענער איבערלעבונג, װען זיי האָבן געהערט זשאַבאָטינסקיס אַ רעדע. דער פאַרשטאָרבענער יעקב דע־האַז האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז זיין איינדרוק איז געװען, אַז זשאַ־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

באָטינסקי איז געווען אַ מער עפעקטפולער רעדנער פאַר נאָרדוין, — און נאָרדוי ווי אַלע ווייסן — איז אויך געווען אַ גרויסער מייסטער פון אָראַטאָריע. „זשאַבאָטינסקיס רעדעס, — האָט מיר דע־האַז געזאָגט, — האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפערן איינדרוק, צוליב זייער פשוטקייט פון געדאַנק און צוליב דער מייסטערשאַפט פון דער קינסטלעריש־געשליפענער פראַזע".

זשאַבאָטינסקי האָט שטודירט די קלאַסיקער פון אָראַטאָרישער קונסט פון דער אַלטער רוימישער וועלט, און באַזונדערס האָט אים אינטריגירט דער גרויסער טריבון פון אַלטן רוים — ציצעראָ, מיט זיינע מייסטער־רעדעס. ער לייענט אויך די גרויסע רעדעס פון די ליבעראַלע פירער פון אייראָפּע, ווי: גלאַדסטאָן, זאָלאַ, קלעמאַנסאָ און לאַסקער. ער באַוואונדערט די רעדנער־קונסט פון וואַנדערוועלדע, לעאָן טראָצקי און זשאַן זשאָרעס.

די יעניקע וואָס האָבן נאָך פאַרכאַפּט די צייט און האָבן געהאַט די זכיה צו הערן דעם גרויסן פראַנצויזישן טריבון זשאַן זשאָרעס, געפינען אַן ענלעכקייט צווישן אים און זשאַבאָטינסקין.ביידע האָבן זיי פאַרמאָגט ענציקלאָפּעדישן וויסן, און ביידע האָבן געקאָנט מיט זייער פלאַמיקן וואָרט ווידער אָנצינדן דאָס אויסגעלאָשענע פייער אין מידע און גלייכגילטיקע הערצער. זייער שטים האָט געהאַט דעם צויבער פון אַ מעכטיקן גלאָק, וואָס האָט געוועקט די דרעמלענדיקע געפילן אין דער מענטשלעכער נשמה.

ביידע, אי זשאָרעס, אי זשאַבאָטינסקי, האָבן פאַרמאָגט ברויזנדיקע, טעמפּעראַמענטפולע כאַראַקטערן, וואָס האָבן געוועקט צו אַקציע, באַוועגונג — הגם אידייאיש האָבן זיי פערזאָניפיצירט צוויי באַזונדערע וועלט־אידייען.

זשאַבאָטינסקי איז געווען דער אַרכיטעקט־קינסטלער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און דורך זיין וואָרט האָט ער באַרייכערט דעם שפּייכלער פון ציוניסטישן געדאַנק. זיינע רעדעס האָבן דערהייבן דעם באַוואוסטזיין פון ציוניסטישן צוהערער. יעדע פון זיינע רעדעס האָט

װלאַדימיר זשאַבאָטינסקי

געררופן צו קאַמף און זײַנען געװען דורכגעדרונגען מיט נביאותדיקן פּאַ־טאָס. װען מען האָט אים געהערט האָט זיך געדוכט אַז דאָס רעדן און פאַרטראַכטן די רעדעס מוזן אים אָנקומען זײער אָן זײער גרינג. װען אין דער אמתן האָט ער שװער, זײער שװער געאַרבעט אויף זײַנע רע־דעס. ער האָט געמאָסטן און געװאויגן יעדע פראַזע, יעדעס װאָרט, יעדן זאַץ באַזונדער. טויזנטער רעדעס האָט זשאַבאָטינסקי געהאַלטן אין זײַן לעבן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג, אָבער פאַר יעדן אויפטריט איז ער געװען נערװעז און דערשראָקן, װי ס׳װאָלט געװען זײַן דעביוט.

זשאַבאָטינסקי דער רעדנער איז שוין געװען אַ לעגענדע בײַם לעבן. איצט, נאָך זײַן טויט, װעבן זיך װײַטער די פעדים פון דער זשאַבאָטינ־סקי־לעגענדע, װאָס װעט פאַר די קומענדיקע דורות זײַן אַ קװאַל פון נאַציאָנאַלער אינספּיראַציע.

לאַנג װעלן זײַנע רעדעס קלינגען אין די אויערן און בלײַבן אין די הערצער פון די װאָס האָבן אים װען עס איז געהערט, װײַל זײַנע רע־דעס פאַרמאָגן דעם חותם פון אײביקייט, װי גרויסע קונסטװערק.

קאַפּיטל ניינצן

זשאַבאָטינסקי און דער שפּראַכן-קאַמף

ס'זיינען פאַראַן פאָרשער, וואָס באַטראַכטן אונדזער מענטשלעך לשון ווי אַ פונדאַמענטאַלן עיקר אין דער עקזיסטענץ פון אונדזער קולטור-ציוויליזאַציע. שפּראַכן ווערן באַטראַכט פאַר די הויפּט-סמנים פון אַ פאָלקס אידענטיטעט און שייכות צו אַנדערע פעלקער. אויך זשאַבאָטינסקי האָט איינגעשלאָסן אין זיין דעפיניציע פון נאַציאָנאַליזם דעם דאָזיקן לאָגישן אַקסיאָם. אויב פאָלק ווערט פאַרשטאַנען ווי אַן איינהייטלעכע גרופּע פון מענטשן-יחידים, געבונדן דורך אַן איינהייטלעך היסטאָרישן גורל, פון סמנים פון קולטור און טראַדיציע — בלייבט דאָך אייגנטלעך אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי דער ענין שפּראַך זאָל צעטיילן דאָס פאָלק אויף קעמפנדיקע סעקטאַנטישע גרופּן?

זשאַבאָטינסקי איז דערפאַר געקומען צום אויספיר, אַז די שפּראַך וואָס איז היסטאָריש פאַרבונדן מיט דעם גורל פון אונדזער פאָלק דאַרף פון דעם שטאַנדפּונקט קריגן די בכורה איבער אַלע אַנדערע שפּראַכן און דיאַלעקטן. דער בבל פון שפּראַכן אין אונדזער לעבן אַלס פאָלק איז אייגנטלעך דער אַרויסוואוקס פון אונדזער פאַרהויקערטן לעבן צווישן די וועלט-פעלקער. די דאָזיקע דערשיינונג איז אַ רעזולטאַט פון דרויסנדיקע אומשטענדן וואָס מ'האָט אויף אונדז — דורך געוואַלט און צוליב עקאָנאָמיש-גייסטיקער צופּאַסונג — אַרויפגעצוואונגען, און ניט ווי אַ נאַטירלעכער, אָרגאַנישער אַרויסוואוקס פון אונדזער „פרייען ווילן".

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אמת, די דאָזיקע שפּראַכן וואָס מיר האָבן אַבסאָרבירט און וועלכע זיינען ניט קיין אָרגאַנישע אַרויסוואוקסן פון אונדזער נאָרמאַלן לעבן־שטייגער, זיינען דאָך טראָץ זייער פרעמדן און ניט־נאַטירלעכן אָפּשטאַם, אַריינגענומען געוואָרן אין אונדזער גייסטיקן קולטור־שפּייכלער. זיי האָבן אין פאַרשיידענע לענדער און קאָנטינענטן און אונטער פאַרשיידע־נע קולטור־איינפלוסן באַווירקט אונדזערע גייסטיקע פונקציעס אַלס פאָלק.

— העברייאיש, — פלעגט ער טענהן, — איז אָבער פאַרבונדן מיט אונדזער היסטאָריש־באַוואוסטזיניקן „בראשית” און מיט די וויכטיקסטע קאָנטריבוציעס וואָס אונדזער פאָלק האָט בייגעטראָגן צו דער אַלגעמיי־נער מענטשלעכער קולטור. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, האָט זשאַ־באָטינסקי איינגעשלאָסן אין ראַם פון זיין ציוניסטישן קריטעריום — העברייאיש, ווי אַ הויפּט־עיקר אין אונדזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלן אויפ־לעב און היסטאָרישן המשך.

זשאַבאָטינסקי, דער ציוניסטישער אידעאָלאָג, איז אין זיין קאַמף פאַרן העברייאיש־קולטורעלן רענעסאַנס געווען אַ מאָניסט.

זשאַבאָטינסקי, דער אייגנאַרטיקער שריפטשטעלער־קינסטלער איז געווען אַ מין שפּראַכן־פּאָליגאַמיסט.

ער האָט גערעדט, געשריבן אין אַ סך שפּראַכן און צו אַלע האָט ער אַרויסגעוויזן ליבע און טאָלעראַנץ. ער איז געווען ווי אַ קוריאָזער וואַנ־דער־טוריסט גרייט צו לערנען און פאָרשן דעם לאַבירינט פון יעדער וועלט־שפּראַך. ער האָט זיך בכלל דערלויבט אַ סך אַפּנויגן אין זיין באַציאונג צו העברייאיש. ער האָט געפאָדערט רעוויזיעס אין דער העב־רייאישער פאָנעטיק און אַפילו דערלויבט זיך אַזאַ אפּיקורסות ווי אויס־בייטן דעם אסורישן א״ב אויף דעם לאַטייניש. זיינע שטודיע־נאָטיצן שרייבט ער אין לאַטייניש טראַנסקריפּציע, און ער דענקט, אַז אַזוי וועט מען אַמאָל שרייבן העברייאיש. אַ סך פעלקער האָבן אויסגעביטן דעם א״ב, און ער מיינט אַז אויך מיר קאָנען זיך דערלויבן דעם דאָזיקן אומבייט. אונדזערע קולטורעלע אוצרות וועלן ניט ווערן אויף אַ האָר

געמינערט. פאַרקערט, עס וועט פאַרקומען אַ דערנעענטערונג מיט פיל קולטורן.

נאַטירלעך האָבן עס אַ סך באַטראַכט ווי אַ ווידערשפּרוך. מ'האָט אים דיפּלאָמאַטיש און חבריש געמוסרט פאַר זיינע געוואַגטע, אַפּיקור־סישע אָפּנויגן.

זשאַבאָטינסקי האָט געפאָדערט מאַניסטישע קאָנסעקווענץ, גאַנצ־קייט, שלימות אין אונדזער שפּראַכן־קאַמף. ער האָט געפירט אַ פאַר־ביטערטן קאַמף מיט רוסיפיצירטע אַסימילאַנטן, מיט דעם אַנטי־נאַציאָ־נאַלן „בונד" פון אַמאָליקע יאָרן, און מיט פאַרשיידענע אייגענע פראַק־ציעס אין ציוניזם, צוליב זיין מאָניסטישער אויפפאַסונג פון העברעיאיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אונדזער עבר און עתיד; פון אונדזער גאַנצן נאַציאָנאַלן לעבן סיי אין דער צוקונפטיקער מלוכה אין ארץ־ישראל און סיי אין די לענדער אין וועלכע מיר וואוינען. ביי דעם אַלץ בלייבט זשאַבאָטינסקי, ווי פאַראַדאָקסאַל ס'זאָל ניט קלינגען, איינער פון די שענסטע מוסטערן פון שפּראַך־אוניווערסאַליסטן. ער האָט שטאַרק ליב זיין לעבן־אויסדערוויילטער שפּראַך, העברעיאיש, אָבער ער קאָן זיך אויך ניט אָפּזאָגן פון דעם רייץ פון אַנדערע שפּראַכן, וועלכע ער באַ־הערשט אַזוי מייסטערהאַפט.

ער שאַפט און לערנט אין פרעמדע שפּראַכן מיט ליבע און פּיעטעט, מער נאָך ווי אין זיין געליבטן לשון, וואָס ער האָט איינגעשלאָסן אין דעם ראַם פון זיין ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

יידיש, וואָס איז געווען די מערסטנס געהאַסטע און פאַרהאַסטע שפּראַך ביי אַ געוויסן טיפּ משכילים און אויך ביי אַ סך פון אונדזערע פאַנאַטיקער העברייער, קאָנען די דאָזיקע ניט תופס־זיין ווי אַזוי דער פּרינציפּיעלער העברייער זשאַבאָטינסקי ווידמעט אַ גאָר גרויסן טייל פון זיינע שאַפונגען צו ייִדיש. ער באַנוצט יידיש ניט ווי אַן אינסטרו־מענט לשם פּראָפּאַגאַנדע, נאָר ווי אַן אינסטרומענט פאַר ערנסטער קול־טור־שאַפונג. ער שרייבט אין אַ פערלדיקן, פרעכטיקן סטיל עסייען און פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף יידיש. ער דערקלערט, אַז: „יידיש

איז אַ מעכטיקער אינסטרומענט פאַר געדאַנק און קולטור". אַזאַ מייד־נונג װעגן דעם פאַרשפּיגעלטעם און פאַרמיאוסטן „זשאַרגאָן" האָט מן־הסתם ניט איין מאָל געררייצט די נערװן פון די העברייער־פאַנאַטיקער!..

אמת, אַז זשאַבאָטינסקי האָט אַפּטמאָל געמאַכט דערקלערונגען לגבי יידיש, װאָס האָבן געשמעקט מיט אַמאָליקן משכּיליזם, אָבער אױפן גרונט פון זשאַבאָטינסקיס בריליאַנטענע אַרטיקלען און עסייען אין יידיש — קאָן מען זיין איראָניע לגבי יידיש דערקלערן אַלס אַ זשעסט און אַ קאָמפּראָמיס פון דעם פּאָליטיקער אין אים, װאָס גרויסע שטאַטסמענער זיינען אָפּטמאָל, קעגן זייער אייגענעם װילן, געצװאונגען צו מאַכן.

װען מען שטודירט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, שטויסט מען זיך אָן אויף אַ סך אַזעלכע קוריאָזן און פּאַראַדאָקסן. אָט האָט יעקב דינעזאָן, איינער פון די גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור, געשריבן אין אַ בריװ צו ש. דובנאָװ דאָס פאָלגנדיקע:

„אונדזער אומגאָנגס־שפּראַך, זי האָט קיין תּכלית און קיין האָפענונג נישט; זי קאָן נאָר דינען אַלס אַ בילדונג־מיטל פאַר יענע מאַסן, װאָס פאַרשטייען ניט קיין אַנדערע שפּראַך . . . איך בין איבערצייגט אַז ניט לאַנג װעט דויערן דער װואוקס פון דער דאָזיקער פאַרדאָרבענער שפּראַך . . ." (זע ש. דובנאָװ — „פון זשאַרגאָן ביז יידיש").

נו, לעבנדיק אין אַזאַ אַטמאָספערע פון ביטול און האַס לגבי אונדזער פאָלקס־לשון מצד די אייגענע קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, איז שוין לייכט צו באַגרייפן אַז זשאַבאָטינסקי זאָל אויך האָבן אריינגעזויגן אין זיך אַ געװיסע דאָזע ביטול צו דער יידישער שפּראַך.

אויב זיינע נעגאַטיװע דערקלערונגען קעגן יידיש האָבן װיי געטאָן, זיינען זיי הויפּטזאַכלעך געװען געצילט קעגן יידישיזם אַלס אידעאָלאָגיע. דעם יידישיזם האָט זשאַבאָטינסקי באַטראַכט אַלס אַ פאַלשן באַגריף װאָס איז אין סתירה צום ציוניסטישן געדאַנק, װעלכער שליסט איין העברייִיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון אונדזער פאָלק.

אָבער דאָך, אין די יאָרן פון זיין מיטאַרבעט אין דער יידישער

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

פּרעסע, האָט ער דורך זיין עסייאיסטישער פּובליציסטיק דערהויבן דאָס יידיש וואָרט צו אַ העכערער מדרגה. ער האָט זיין גאַנצן פּובליציסטישן פייער און ברען אַריינגעוואָרפן אין זיינע שאַפונגען אויף יידיש. זיין שאַפונג אין יידיש איז געווען עכט זשאַבאָטינסקיאַניש. ער איז געווען אָריגינעל און זיך ניט איבערגעזעצט פון אַנדערע שפּראַכן.

זשאַבאָטינסקי שרייבט אין אַ בריוו צו יעקב פישמאַן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון „מאָרגן־זשורנאַל”, וואו זשאַבאָטינסקי איז יאָרן־לאַנג געווען אַ טעטיקער מיטאַרבעטער — „די עטלעכע יאָר אַרבעט אין דער יידישער פּרעסע האָט מיר אַנגעפילט מיט ליבשאַפט פאַר דעם. עס האָט מיר איבערצייגט וועגן דעם גרויסן איינפלוס פון אייער צייטונג . . .” גיט אונדז די דאָזיקע דערקלערונג אַ באַגריף וועגן זשאַבאָטינסקין. מיר זעען אַז ער האָט געהאַט אַ וואַרימע און פאָטערלעכע באַציאונג צו זיין שאַפן אין יידיש און גאָר אַן ערנסטע באַציאונג צו דער אַלגעמיינער קולטור־ספערע אין יידיש.

ער האָט געהאַט גאָר סימפּאַטישע געפילן און אַפילו אַרויסגעוויזן באַגייסטערונג פאַר אַ סך פון די שאַפונגען און פאַר די שעפער פון יידיש־לאַנד.

ער, דער קאָנסעקווענטער העבראַיסט, וואָס קאָן ניט דולדן קיין געמישטע שפּראַכן אין די קוריקולומס פון די יידישע שולן; ער, דער באַקעמפער פון יידישיזם, וועלכער פּירט־אָן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר דעם העברייאישן שול־וועזן אין גלות, צוזאַמען מיט ביאַליקן, אוסישקינען און קלויזנערן — איז דאָך געווען אַן אַנזעעוודיקער און חשובע פיגור אין דער קולטור־וועלט פון יידיש. ער פאַלירט און שאַרפט זיין יידיש־אינסטרומענט און מאַכט וויכטיקע אַנטדעקונגען און בייטראַגן אין דער וועלט פון יידיש.

אַ סך באַטראַכטן זיין פלירטעווען מיט יידיש און מיט אַנדערע שפּראַכן ווי אַ סתירה אין זיין קאַמף פאַר דער בכורה פון העברייאיש אין אונדזער נאַציאָנאַלן קאַמף.

אָבער די יעניקע, וואָס שטודירן דאָס גאַנצע, דאָס אַרומנעמענדיקע

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

לעבן פון זשאַבאָטינסקין; זשאַבאָטינסקי דער מענטש מיט אַלע ליכט־און־שאָטן זייטן, דער מענטש מיט מעלות און חסרונות, די יעניקע וועלן ניט אַנטוישט ווערן און ניט געפינען קיין ווידערשפרוכן און ווידעראַנאַנדן . . .

זשאַבאָטינסקי דער פּאָליטיקער איז אפשר צוליב טאַקטישע און סטראַטעגישע פּאָזיציעס אָפּטמאָל אַרויס פון די האַלאַבליעס פון זיין „איך", איז עס אַזוי מענטשלעך, אַז מיר דאַרפן אַפילו זיך ניט מטריח צו זיין אין גריבלען זיך אין זיין נשמה. בכלל האָבן מיר פאַר אונדז אַזאַ קאָמפּליצירטע און פילזייטיקע פּערזענלעכקייט, אַז מיר זיינען אים מוחל זיינע קליינע עוולות . . .

זשאַבאָטינסקי דער לינגוויסט, דער שפּראַכן־קינסטלער, איז גאָר־ניט מסוגל געווען צו האָסן קיין שום שפּראַך, אויף וועלכער מענטשן קאָנען אַרומנעמען די וועלט און איר באַשאַף. יידיש, ווי ער אַליין האָט עס אַמאָל געזאָגט, איז געווען און איז — „אַ מעכטיקער אינסטרומענט פאַר געדאַנק און קולטור", דערפאַר זיין פיעטעט און טיפער דרך־ארץ, טראָץ דעם וואָס דער שטרענגער העברייער אין אים האָט טיילמאָל אַרויסגעוויזן געפילן פון איפערזוכט און נעגאַציע צו יידיש.

ק אַ פּ י ט ל   צ װ אַ נ צ י ק

זון און פֿאָטער

גרויס איז די צאָל ביי אונדז פון חשובע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכ־קייטן, וואָס זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט דער קללה אַז זייערע קינ־דער זאָלן אָפּגעפרעמדט ווערן פון זיי און היטן פרעמדע ווייגגערטנער...

אויך מיט דעם האָט אָפּגעגאָלטן זאב זשאַבאָטינסקין, זיינע אי־דעאַלן זיינען ניט געבליבן פרעמד אין די ענגע חדרי־חדרים פון זיין פאַמיליע־קרייז.

זיין בן־יחיד, ערי זשאַבאָטינסקי, אַ געענדיקטער אינזשינער, וואָס ווייזט אַרויס אַ סך בקיאות אין העכערער מאַטעמאַטיק, איז אויך גע־בליבן געטריי די חלומות און אידעאַלן פון זיין אומפאַרגעסלעכן פאָ־טער. ער האָט אויך געירשנט אַ טייל פון די גאָט־געבענטשטע אייגנ־שאַפטן פון זיין גרויסן פאָטער. ער איז אויך אַ פיינער רעדנער און באַזיצט אַ שאַרפע פעדער — און ער צייכנט זיך באַזונדערס אויס אין אָרגאַניזאַטאָרישער פייאיקייט. ער איז אויך באַשאָנקען מיט יענעם אייזערנעם ווילן און מיט דער כמעט־פאַנאַטישער עקשנות, וואָס זיינען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ליכטיקער פערזענלעכקייט פון זיין פאָטער. אויך ער האָט שוין מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אַריינגע־שריבן אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דעם העראָאישן קאַמף פון יידישן רע־נעסאַנס־ און ווידערױפבוי. ער׳ס נאָמען איז געווען אינטים פאַר־בונדן מיט דער „אומלעגאַלער״ עליה; הונדערטער יידישע וואָגלער האָט ער געראַטעוועט פון אייראָפּייאישן „גיהנום־טאָל״, דורך געהיימע

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

מסירת־נפשדיקע, לעבנס־געוואַגטע אימיגראַציע־טראַנסאַקציעס, און זיי געבראַכט צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין א״י האָט ערי׳ן אַרעסטירט און פאַראורטיילט צו אַ לענגערן טורמע־טערמין, אין דער באַרימטער עכו־פעסטונג, וואו ס׳איז אַמאָל געזעסן זיין באַרימטער פאָטער פאַר אַן ענלעכן „פאַרברעכן״.

זשאַבאָטינסקיס אַרעסט אין 1920 און זיין זונס אין 1940, האָט אויפגעשטורעמט די יידישע וועלט מיט פּראָטעסט קעגן דעם פאַרברעכערישן אַקט; אַ פאַרשוועכונג פון פונדאַמענטאַלן זין פון יושר און גערעכטיקייט, — דאָס האָט אָפן אַנטפּלעקט און אויפגעדעקט די פּרעכע מעשים פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל.

דער שטאַרקער שטראָם פון אויפגעברויזטן יידישן און ניט־יידישן צאָרן, האָט ענדלעך געצוואונגען דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע צו רעווידירן די אורטיילן און באַגנאַדיקן די אַרעסטירטע.

זשאַבאָטינסקי איז געווען שטאָלץ וואָס זיין זון גייט אין זיינע פוסטריט, אָבער גלייכצייטיק האָט דער פ אָ ט ע ר אין אים שטיל געליטן, ווייל ער האָט זיין איינציקן זון אַזוי הייס און פאָטערלעך ליב געהאַט, און איז געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן זיין גורל. און דער אַרעסט פון זיין זון האָט אויך געהאַט זיין ביישטייער אין אונטערמינען דאָס שוין פון פריער צעוואונדיקטע האַרץ פון זאב זשאַבאָטינסקין.

ערי זשאַבאָטינסקין זיינען גוט באַקאַנט זיין פאָטערס פּלענער און דערגרייכונגען, און ער באַמיט זיך אַליין ביייצוטראָגן און ווייטער פאַרזעצן די טראַדיציע פון יידישער באַפרייאונג, וואָס זיין פאָטער האָט אַזוי אומדערמידלעך און געוואָגט געלעבט און פּראָפּאַגאַנדירט.

ערי איז שטאָלץ מיט זיין פאָטערס העראָאישן לעבן. ער שטעלט זיך אָבער נישט צופרידן צו לעבן בלויז אין שיין פון דער רייכער ירושה־גלאָריע פון זיין גרויסן פאָטער. ערי האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון זיין פאָלק; אין דינסט פון יענע חלומות און אַספּיראַציעס, מיט וועלכע זיין פאָטער האָט יאָרן לאַנג אַרומגעוואָגלט איבערן גרויסן יידישן גלות . . .

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אין זשאַבאָטינסקיס עסיי איבער דער טראַגעדיע פון הערצלס קינ־דער, זעט זשאַבאָטינסקי די גרויסע וואונד ווי אַ סימבאָל פון אַלע יידי־שע נאַציאָנאַלע עלטערן. הערצלס קינדער זיינען פאַרפרעמט געוואָרן און האָבן איבערגעריסן די „גאָלדענע קייט" פון גייסטיקער אידענטי־טעט — און די פּראָבלעם באַאומרויקט אים.

זשאַבאָטינסקי ווערט אַליין אָנגעשטעקט מיט דעם צער פון הערצלס אינטימער טראַגעדיע — ווייל אַליין אַ פאָטער. אויך אים מאַטערן, עגבערן דעם מוח טרויעריקע מחשבות, צי וועלן אויך אונדזע־רע קינדער ניט בלאָנדזשען? . . . צי וועלן זיי ווייטער שפינען די „גאָלדענע קייט" פון אונדזער אייגנאַרט, ווען מיר אַליין וועלן שוין אויף זיך טראָגן דעם חותם פון געשיכטע, פאַרגאַנגענהייט?

יאָ, אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן האָט יעדער נאַציאָנאַלער ייד און פאָטער זיך געפרעגט די אַלטע און אַלעמאָל נייע שאלה: וועלן אונדזערע קינדער איבערנעמען די ירושה און ווייטער שפינען אונדזער צוקונפט, אונדזער המשך? אָדער וועלן זיי איינגעשלונגען ווערן פון דער דראָענדיקער אַסימילאַציע, וואָס אימפּאָנירט און האָט שוין אַזוי־פיל וויכטיקע כוחות אונדזערע אַוועקגעריסן און איינגעשלונגען? מען קען ניט לייקענען — אונדזער יוגנט האָט געבלאָנדזשעט און בלאָנד־זשעט אויך איצט אויף פרעמדע שטעגן און וועגן. זיי פלאָנטערן זיך אונטער די פיס פון אַנדערע פרעמדע קולטורן. זיי האָבן ביז איצט ווייניק וואָס געלערנט פון דעם באַנקראָט פון יענע עלעמענטן וואָס האָ־בען זעלבסטמערדעריש פאַרלייקנט זייער אָנגעהעריקייט און געפעלשט אין זייער רייכער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, מיט וועל־כער זיי האָבן אומזיסט פּרובירט טאָטאַל איבערצורייסן און נישט האָבן מער מיט דעם קיין שום מגע־ומשא. אָבער גראָד האָט די פרעמדע, דרויסנדיקע וועלט דאָס אַלץ זיי אַלעמאָל דערמאָנט און פאַרגעוואָרפן.

אונדזער יוגנט, צו זייער שאָנד זאָל עס געזאָגט ווערן, איגנאָרירט יענע געשיכטלעכע קאָנסעקוועגצן און דערפאַרונגען פון אַ דור וואָס איז

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אַנטלאָפן פון אונדז און געזוכט דעם „בלויען פויגל" אין די רוימען פון וועלטלעך־פּאַגאַניסטישן מאַטעריאַליזם.

די מער סענסיטיווע, יענע וואָס האָבן זיך דערנידעריקט אין דעם מאַסן־געלויף און זיינען אַנטוישט געוואָרן, הייבן אָן קוקן מיט ניכטער־רע אויגן און פּרוּוון מאַכן אַ מאַרשרוט אויף צוריק, מיט חרטה און תשובה . . . טרויעריק, פּאַטעטיש איז דער וועג אויף צוריק. ס'פעלט פעסטער באַלאַנס. ס'פעלט טראַדיציע, איינגעוואָרצלטקייט. מ'פילט ווי מען איז געבליבן הענגען אין חלל. עלטערן און קינדער זיינען גייס־טיק פרעמדע, דערווייטערטע.

איז טראַגיש דאָס צוריקקומען פון די אַנטרונענע, כאָטש מען פּרוּווט דורך קינסטלעכע מעטאָדן ווירקן אויף זייער געמיט־ און נשמה־צושטאַנד. און דאָך — דאָך בלייבט אונדזער יוגנט גלייכגילטיק צו אָט־דער טראַגיק פון אונדזער פאָלק.

ווי זאָגט זשאַבאָטינסקי אין דער פריער־דערמאָנטער עסיי: „דער שונא לעבט. די נטיה צוצופּאַסן אונדזערע געדאַנקען און שטרעבונגען ניט צו דער באַדערפעניש פון יידישן פאָלק און זיין אַנטוויקלונג, נאָר דווקא צו דער אידעאָלאָגישער מאָדע פון דרויסן, — די טענדענץ וואָס אין איר באַשטייט דער שורש און דער סם פון אַסימילאַציע, וואַרט אויף אונדזערע קינדער הינטער יעדן ווינקל . . . פיל פון זיי זיצן ביים פענצטער שטענדיק געבויגן מיטן קאָפּ צו דער פרעמדער גאַס — בלויז די פיס בלייבן דערווייל נאָך אינעווייניק; און בשעת עס גייט אויף דער פרעמדער גאַס אַ פּראָצעסיע מיט שיינע פאָנען, קאָנען זיי זיך ניט איינהאַלטן: זיי מוזן אַרויסשטעקן דעם קאָפּ נאָך ווייטער, אַרויסשטור־פּען די הענט אויך און שרייען: פּסט . . . פּסט . . . פּסט . . . חברים? מיר „אויך!" וואָס אייגנטלעך „אויך" איז ניט וויכטיק. עס מעג זיין מאַרקס, לענין, גאַנדי, מאַרגן אפשר מוסאָליני; דער עיקר איז, אַז דאָס מוז זיין עפּעס ניט אונדזערס, עפּעס „ברייטערס", עפּעס „אַלמענטשלע־כעס" . . . אָבער ווער ס'זיצט אויפן פענצטער און קוקט אַרויס און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ, אַלץ ווייטער און ווייטער, דער וועט סוף־כל־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

סוף אַרויספּאַלן און בלייבן אין דרויסן: **צי אַ גאַנצער, צי אַ צעבראָ־כענער — דאָס איז זיין גליק אָדער אומגליק...״**

נאָך אַזעלכע מעדיטאַציעס און טרויעריקן אינוועגטאַר פון אונ־זער יוגנט, איז גוט צו טראַכטן אַז זשאַבאָטינסקיס אייגן בלוט־און־פליש — זיין זון, ערי, איז ניט אַרויסגעפאַלן דורכן פענצטער. ער איז ניט אַוועק פון זיין גרויסן פאָטערס טראַדיציע, נאָר ער איז געבליבן מיט אונדז, קעמפט מיט אונדז אינאייינעם פאַר אונדזער פאָלקס־באַ־פרייאונג, און העלפט ווייטער שמידן אונדזער המשך, אונדזער נאַציאָ־נאַלן גורל!...

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

מאַדאַם אַנאַ זשאַבאָטינסקי

זשאַבאָטינסקיס לעבן איז געווען רייך אין פאַרבן־ניואַנסן. ער איז געווען און געבליבן דער גרויסער אינדיווידואַליסט. אָבער טראָץ זיין אינדיווידואַליזם, איז ער אויך געווען אַ אוניקום אויפן געביט פון סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער באַנעמונג און באַציאונג צו מענטשן.

אָבער זייער ווייניק זיינען באַקאַנט מיטן פאַקט, אַז ער איז אויך געווען אַ זעלטענער עקזעמפּליאַר פון אינטימען משפחה־מענטש. געביאַלע מענער זיינען אָפטמאָל גאָרניט גרויס אין קרייז פון נאָענטער משפחה. איז זשאַבאָטינסקי אויך אין דעם פּרט געווען אַ גאָט־געבענטשטער מענטש.

אים איז אויסגעקומען צוליב זיין פּאַרטיי־אַרבעט אַ סך אַרומפאָרן איבער לענדער און איבער שטעט. האָט ער אָבער אויף איין רגע ניט פאַרגעסן אין זיינע נאָענט־אינטימע. ער פלעגט זיך טיילן מיט זיינע משפחה־געפילן מיט נאָענטע פּאַרטיי־חברים.

ביי זיין לעצטן באַזוך אין אַמעריקע האָט ער געמאַכט אַלע פאַרזוכן צו קריגן דערלויבעניש ביי אימיגראַציע־באַאַמטע אַז זיין לעבנס־באַגלייטערן, זיין הייס־געליבטע פרוי, אנא, זאָל דאָ קאָנען זיין צוזאַמען מיט אים. אָבער זיינע פאַרזוכן זיינען געווען אומזיסטע. קאַלטע לונג־און־לעבערס זיינען אונדזערע אימיגראַציע־באַאַמטע . . . ווער קאָן וויסן דעם אינערלעכן צער וואָס זשאַבאָטינסקי האָט דערפון געליטן. ס'קאָן זיין אַז וואָכן, טעג פון זיין לעבן, זיינען פאַרקירצט געוואָרן צוליב דעם וואָס זיין געטרייע פרוי האָט ניט געקאָנט מיט אים זיין און באַווירקן צו שאַנעווען זיין שטאַרק אָנגעגריפן האַרץ . . .

ניט שטענדיק האָט זיין פרוי געקאָנט מיט אים מיטפאָרן אויף זיינע לאַנגע נסיעות און וואַנדער־וועגן. אין די אַלע חדשים, וואָכן, טעג און נעכט פון זיין אָפּוועזנקייט, האָט זי שטיל און פילאָזאָפיש־סטאָאיש גע־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ליטן און געשוויגן . . . די וואָס זיינען מיט איר אינטים־באַקאַנט, דער־ציילן, אַז זי האָט זיך זעלטן באַקלאָגט אויף איר דאָליע. זי האָט קיינ־מאָל ניט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פון אומצופרידנקייט אָדער פּראָטעסט ווי אַ טיף־ליידנדיקע פרוי. זי האָט שטאָלץ געטראָגן די ראָל אָלס פרוי פון אַ גרויסן מאַן. אַ סך גרויסע מענער האָבן איבערגעלעבט טיפע משפחה־טראַגעדיעס, צוליב דעם וואָס זיי זיינען געווען געצוואונגען צו לעבן אַ דואַל לעבן—צווישן משפחה־פליכטן און געזעלשאַפטלעכע פליכ־טען. נאָך גרעסער זיינען געווען די ליידן פון אַט־דער אידעאַלער פרוי, ווען איר אַזוי הייס־געליבטער זון, ערי, איז אונטערגעוואַקסן און אויך גענומען גיין אין די וועגן פון זיין גרויסן פאָטער.

אַנאַ זשאַבאָטינסקי האָט מיט אויסערגעוויינלעכער צערטלעכקייט און טאַקטישקייט אויפגעפּאַסט אויף דעם געזונט פון איר מאַן. זי האָט אים אין קיין איין פאַל ניט געשטערט אין זיין פאַרצווייגטער אַרבעט. נאָך לאַנגע נאַכט־זיצונגען און קאָנפערענצן האָט זי אַלעמאָל געוואַרט אויף אים ביז ער וועט קומען אַ היים. ווען ער פלעגט קומען צוריק אַ היים אין אַ שלעכטער שטימונג, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל נאָך אַזעלכע צוזאַמענטרעפן, האָט זי אַלעמאָל פאַר אים געפונען דאָס פּאַסיקע טרייסט־וואָרט און אים דערמוטיקט אין זיין גרויסער אַרבעט.

פרוי זשאַבאָטינסקי איז אַ וואונדערלעכע מכניס־אורחטע. גאַסט־פריינטלעכקייט איז אַ הויפּט־שטריך פון איר כאַראַקטער. זי איז אינ־טעליגענט און מאַכט אַ פיינעם איינדרוק אין אינטימע שמועסן צווישן פריינט און באַקאַנטע. זי פילט זיך זייער היימיש אין ליטעראַרישן סאַ־לון, וואו איר איז אָפטמאָל אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט די גאָר גרויסע גדולים פון אונדזער צייט.

אין אָדעס האָבן זיי געשלאָסן די ערשטע באַקאַנטשאַפט. באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש, דערציילט אונדז זשאַבאָטינסקי, איז ער פאַר־ליבט געוואָרן אין דער יונגער, חנעוודיקער אַניאַ גאַלפּערין, מיט איר געטאָקט אײדל פנים און גרויסע ליכטיקע אויגן, און זייט דאַן, ביז צום לעצטן אָטעם־צי פון זיין לעבן, האָט ער אַלעמאָל געהאַט ליב איר מיט צאַרטער ליבע און מיט רעזערווירטע ראָמאַנטישע געפילן . . .

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

דער אַרעסט אין עכו

פּסח־צייט, אין יאָר 1920, האָבן זיך אָנגעהייבן די ערשטע, ערנס־טע אומרוען אין ארץ־ישראל. די בלוטיקע האַנט פון תליון האָט זיך פאַרמאָסטן און אונטערגעשניטן אַ צאָל פון אונדזערע ליכטיקסטע העלדן. אין אונדזער מאַרטער־געשיכטע זיינען דעמאָלט אַריינגעשריבן געוואָרן די נעמען פון די אומגעקומענע העלדן: יוסף טרומפּעלדאָר, טשיזיק, י. ח. ברענער און אַנדערע וויניקער־באַרימטע, אָבער הערלעכע אידעאַ־ליסטן.

באַלד נאָכן קריג איז די באַנעמונג מצד די ענגלישע רעגירער לגבי אונדז געוואָרן אַלץ אָנגעצויגענער און פיינטלעכער. די אַראַבער האָבן באַלד אויסגענוצט די שטימונג און גענומען פריי זיך צעפירן די הענט. זיי אַראַנזשירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, און פאַרשפּרייטן גיפטיקע ביל־בולים אויפן חשבון פון דער „יידישער אינוואַזיע" אין לאַנד. שפּעטער גייט מען איבער מיט אָנגרייפן יחידים. עס קומען פאָר איינצלנע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן און מערדערלעכע אָנפאַלן אויף יונגע יידישע מיידלעך, ביז עס ברעכן אויס די אָפענע מאַסן־פּאָגראָמען.

מ'האָט באַלד דערפילט אַז דאָס האָט אַ „מיסטעריעזע האַנט" אַראַנזשירט און פאַרגרייט דעם דאָזיקן בלוטיקן שדים־טאַנץ. אָט דער־ציילט אין זיינע דעראינערונגען פון „דער ערשטער עכו־עפּאָכע" אליהו גינזבורג, וועלכער איז געווען איינער פון יענער גרופּע יידן וואָס די ענג־לישע מאַכט האָט פאַרשפּאַרט אין דער עכו־פעסטונג. „... שוין אין

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

1919 איז געווען די באַנעמונג פון די ענגלישע מיליטערישע רעגירער פון ארץ־ישראל צו די יידן און ציוניזם אַזאַ, אַז די אַראַבער, וועלכע אין אַנדערע אָקופּירטע פלעצער האָבן ניט געוואָגט אָ פּיפּס צו טאָן, האָבן דערפילט אַז דאָ וועט מען אפשר מעגן זיך אַביסל צענעמען די הענט... אומאונטערדריקטע העצעס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד, סובסי־דירט פון אַ „מיסטעריעזן" קוואַל: אין יפו האָט דער גאָווערנאַר, דער ענגלישער קאָלאָנעל פאַסטעלטוויט, אָרגאַניזירט דעם ערשטן אַראַבישן מוסולמאַניש־קריסטלעכן קלוב, דער טאָטע פון די איצט־טרויעריק־באַ־רימטע מוסולמאַניש־קריסטלעכע געזעלשאַפט, קעגן דער עצה פון די יידישע פאָרשטייער — הויפּטזאַכלעך פון ועד־הצירים, דער דעמאָלסט־דיקער עקוויוואַלענט פון דער יידישער אַגנעטור . . ." אונדזערע פּראָ־טעסטן זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן, כאָטש אין דער שפּיץ פון דער ארץ־ישראל אַדמיניסטראַציע איז געשטאַנען ניט קיין אַנדערער ווי דער „ייד" הערבערט סעמועל. די אַדמיניסטראַציע איז געווען ציניש און שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן בולטע סמנים פון אַן אַנטי־ציוניסטישער פּאָ־ליטיק וואָס איז אין משך פון די לעצטע 25 יאָר פּראַקטיצירט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים. מ'האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו רעדוּ־צירן די באַלפור־דעקלאַראַציע, און פאַרפּלאָנטערן די יורידישע באַגריפן דורך דיפּלאָמאַטישע דריידלעך.

זשאַבאָטינסקי פּרוּווט קריגן דערלויבעניש צו פאַרוואַנדלען דעם דעמאָביליזירטן לעגיאָן אין אַ לעגאַלן זעלבסטשוץ. ס'ווערן געפירט אונטערהאַנדלונגען צו קריגן געווער, און אין אַ קורצער צייט איז שוין געווען אַן אָרגאַניזירטער כוח פון טויזנט מאַן, אונטער דער פירערשאַפט פון זשאַבאָטינסקין.

ס'אַנטוויקלען זיך אומרוען איבערן לאַנד. דער זעלבסטשוץ ווערט דערקלערט אומלעגאַל. ס'ווערן אַרעסטירט אייניקע אָנפירער, און נאָך אַ געריכט־פּראָצעדור ווערט זשאַבאָטינסקי פאַראורטיילט צו 15 יאָר שווערער אַרבעט אין עכו.

דערציילט עליהו גינזבורג וועגן אייניקע אינטערעסאַנטע „אינצי־

דענטן" אין צוזאַמענהאַנג מיט יענעם אַרעסט און פּראָצעס אין עכו. „נאָך דעמזעלביקן אָוונט איז (דער אָוונט פון זשאַבאָטינסקיס אַרעסט — ג.ס.) געקומען דער ערשטער קאַמף צווישן אונדז און די מיליטערישע פאָרשטייער פון אונדזער „פּאַרטנער". געפירט די אַטאַקע האָט זשאַבאָטינסקי און דער ציל איז געווען נישט עפּעס וואָס האָט אָנגערירט אונדז אַלס אַרעסטירטע, נאָר אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

„אָט־אָ זע איך ווי ער שטייט אין דער טונקלקייט פון דעם לאַנגן, ברייטן אויספאָרשונג־ פּאָליציי־צימער. ער שטייט אָפּגערוקט פון אונדז עטלעכע טריט, אָנגעטאָן אין אַ גרויער אָפיצערסקער טוזשורקע אָן פּאַגאָנעס און מיט געוויינלעכע קנעפּ. דורך די פּענסנע בלישטשען זיינע אויגן ווי קוילן. ביי אַ לאַנגן טיש זיצט דער מיליטערישער טריבונאַל — צוויי קאַפּיטאַנען און אַ מאַיאָר. אונטער דריי גרויסע קעראָסין לאָמפּען ליגן פּאַפּירן. ביים רעכטן זייט פון לאַנגן טיש שטייט אַ קליין טישעלע און ביי אים זיצט אַן אַראַבער, דער סעקרעטאַר פון טריבונאַל. פון צייט־צו־צייט הערט מען דעם טראַט־טראַט פון מאַשין־ביקסן. אין דרויסן איז קריגס־צושטאַנד און מיר קענען געמשפּט ווערן לויט דעם דין פון קריגס־צושטאַנד.

„דער מאַיאָר גיט אַ הוסט און דער סעקרעטאַר איז מכבד זשאַבאָטינסקין מיט אַ פראַגע אין אַראַביש: ווי הייסט איר? שווייגט זשאַבאָטינסקי.

„פרעגט דער סעקרעטאַר אין פראַנצויזיש: אייער נאָמען? שווייגט זשאַבאָטינסקי.

„גיט דער מאַיאָר אַ טראַסק מיטן פויסט אין טיש און שרייט אויס אין ענגליש: פאַרוואָס ענטפערט איר נישט? זאָגט זשאַבאָטינסקי קאַלטבלוטיק: — אונדזער שפּראַך דאָ אין לאַנד איז העברייאיש און בלויז אויף פראַגעס אין העברייאיש וועל איך ענטפערן; און געשטעלט מוזן די פראַגן ווערן נישט פון אַ הער, וועמענס ברידער פאַרגיסן אומשולדיק יידיש בלוט און פאַרגוואַלטיקן אומשולדיקע מיידלעך.

„נעמט אים אַוועק פון דאַנען! — דונערט דער מאַיאָר.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

„מען פירט זשאַבאָטינסקין אַרויס. מען נעמט זיך פרעגן די ביינצן וואָס שטייען אין איין ריי. מיר קוקן זיך איבער. מיר זיינען פּאַראַיי־ביקט. מיר ווייסן ווי צו האַנדלען. מיר האָבן געזען און געהערט. דער רעזולטאַט: דריי שעה שפּעטער זיצט אין דער שטול פון אַראַבישן סעק־רעטאַר אַ סאַרזשענט פון יידישן (א״י) באַטאַליאָן און שטעלט די פראַגן אין העברייאיש . . .״

אַן אַנדער עפּיזאָד דערציילט אונדז גינזבורג פון יענער עכו־אָפּע־רע, וואָס איז פונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש און אילומינירט פאַר אונדז זשאַבאָטינסקין דעם קעמפער: „. . . מ׳האָט אונדז נאָר וואָס אַריינגע־פירט אין אונדזער קאַזאַמעט, אַ קליינער צימער, האַלב־קעלער, מיט איין פענצטער אין דער הויך, דורך וועלכן מ׳זעט בלויז די פיס פון וועכטער. פון די ווענט רינט און פון צווישן די בישן אין די גרויסע שטיינער קריכן פאַרשיידנאַרטיקע חיהלעך. מיר שטייען און זיצן אומעטיקע און צוויי פון אונדז, אַ מיטליאַריקער פּראָפעסאָר און אַ יונגער גימנאַזיסט, זיינען צוגעפאַלן צום וואַנט און כליפּען.

„מאַכט זיך אויף די דאָפּלטע טיר און אַ באַוואָגנצנטער, מערדעריש־אויסזעענדיקער אַראַבישער קאַרפּאָראַל לאָזט אַריין זשאַבאָטינסקין. ער שטייט אַ האָרלאָזער, מיט אָפּגעבליאַקעוועטע פּידזשאַמעס און אין גרוי־סע הילצערנע סאַנדאַלן, וואָס קלעפּן זיך בישט צו די פיס. ביי דער דאָ־זיקער מראה פאַרגייען זיך טרערן. נאָר זשאַבאָטינסקי באַטראַכט אונדז אַלעמען מיט איראָניש־שמייכלענדיקע אויגן. — נו, געערטע געמיינדע, — זאָגט, ער — וואָס האָט מען אייך צוגעפּסקנט?

„ — דריי יאָר קאַטאָרזשנע אַרבעט, — שיסט ער אויס מיט אַ גרויסן געלעכטער, — אַז צוליב אַזאַ קליינקייט מאַכט מען אַזאַ גרויסן צימעס? כאַ־כאַ־כאַ, — בלויז דריי יאָר . . . מיר האָט מען צוגעמשפּט גאַנצע פופצן יאָר קאַטאָרגע און אויף אַ צובייס פון לאַנד אַרויסגעשיקט צו ווערן. נו, איז וואָס?

„קוקן מיר אים אָן ווי געפּלעפּטע. נו, איז וואָס? נו, איז גאָרניט, ברידערלעך. אַ קאָמעדיע איז עס, אַ קורצזיכטיקע, נאַרישע, בייזוויליי־

קע קאָמעדיע. פופצן יאָר, כאַ־כאַ־כאַ, — לאַכט, זאָג איך אייך. איך גאַראַנטיר אַז קיין פופצן וואָכן וועלן מיר נישט זיצן!"

דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער אַרעסט פון זשאַבאָטינסקין מצד די ענגלישע קאָלאָניאַל־באַאַמטע אין ארץ־ישראל האָט אויפגעשטורעמט די יידישע וועלט, און אַלס רעזולטאַט פון דעם שטאַרקן דרוק פון אַלוועלטלעכן יידישן פּראָטעסט איז זשאַבאָטינסקי און די אַנדערע אַרעסטירטע באַפרייט געוואָרן נאָך פערצן וואָכן שמאַכטן אין דער גרויזאַמער עכו־פעסטונג. אָבער די טויערן פון ארץ־ישראל ווערן פאַר אים פאַרשלאָסן. דאָס איז זיין לוין! זייט יענעם אינצידענט האָט זשאַבאָטינסקי נישט געטאָרט קומען קיין ארץ־ישראל, דאָס לאַנד וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק און געטריי ליב געהאַט — האָט ער נישט געטאָרט באַטרעטן. און פאַר זשאַבאָטינסקין צו זיין פונדערווייטן פון ארץ־ישראל — איז געווען דאָס זעלביקע ווי מ'וואָלט צעשיידט אַ שטערבלעך־פאַרליבטן פון זיין געליבטער.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

זאב זשאַבאָטינסקיס שיחת־חולין

זשאַבאָטינסקי האָט, אַ חוץ זיינע אַנדערע גאָט־געבענטשטע אייגנ־שאַפטן, אויך געהאַט די זעלטענע מעלה, וואָס ער איז געווען אַ מייסטער־האַפטער שמועסער. שמועסן מיט אים איז געווען אַ פאַרגעניגן. זיינע שיחות־חולין האָבן מיר זיך פאַרגעשטעלט גייסטרייכע עסייען בעל־פה. ער האָט באַזעסן אַ פענאָמענאַלן זכרון. האָט ער עפּעס איבערגעלייענט איז עס געבליבן ווי אַ פאָטאָגראַפירטער דאָקומענט איינגעקריצט אין זיין מאַרך־אַרכיוו. ער איז אָן גוזמא געווען אַ לעבעדיקע ענציקלאָ־פּעדיע פון אַלגעמיינעם וויסן. ס'איז ניט געווען איין געביט פון מענטשלעכן אינטערעס און וויסן, וואָס זאָל האָבן אים פרעמד געווען.

ער איז געווען אַ מייסטער־שמועסער — און די יעניקע וואָס האָבן געהאַט די פּריווילעגיע מיט אים צו שמועסן, וועלן זיכער עדות זאָגן, אַז אין זיינע פּריוואַטע געשפּרעכן וועגן אַלערליי ענינים האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט די גייסטרייכע פערזענלעכקייט פון זשאַבאָטינסקין. האָט איר גערעדט וועגן אַלטע קולטורן, האָט ער באַלד גענומען וואַרפן מיט לענגערע ציטאַטן פון גריכישע און רוימישע קלאַסיקער. האָט איר באַרירט אַזאַ טרוקענעם ענין ווי מאַטעמאַטיק, האָט זשאַבאָטינסקי גע־נומען מאַכן אַלערליי טשיקאַווע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס און פלעגט דערביי אַריינפלעכטן אַנעקדאָטן וואָס פלעגן דעם ענין מאַכן אָנציענדיק. האָט איר גערעדט וועגן פילאָלאָגיע איז ער אויך דאָ געווען היימיש און האָט אייך איבערראַשט מיט זיין אַלזייטיקן וויסן אויף דעם געביט.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ער האָט גערעדט וועגן דער אַנטשטייאונג פון שפּראַכן, דיאַלעקטן, שפּראַכן אין יידישן לעבן. אגב, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס קענטשאַפט אין דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. ער האָט גערעדט מיט אַקאַדעמישער באַהאַוונטקייט וועגן דעם צאינה־וראינה, דעם בבא־בוך, וועגן די קלאַסיקער און אַנהויבער פון דער יידישער ליטעראַטור — דיק, לינעצקי, ספּעקטאָר און אַנדערע פון יענער עפּאָכע. ער האָט גלייכצייטיק אייך איבערראַשט מיט זיינע ידיעות אין יידישן פאָלקלאָר. דאָס אַלטע יידישע פאָלקס־ליד, דער שפּיל פון ווערטער, דער יידישער וויץ איז אים געווען גאָר נאָענט. אָפט, אין זיינע פּאָליטישע רעדעס, האָט ער געהאַט די טבע אַריינצופלעכטן אַ יידיש גלייכווערטל, אַן אַלטן אַנעקדאָט וואָס האָט צוגעגעבן באַזונדערן חן זיין פיינער אַראַטאָריק און פלעגט מיט דעם אַרויסרופן האַרציקן געלעכטער ביים ברייטן יידישן עולם.

דאָס מאָדערנע יידישע ליד איז אים אויך ניט פרעמד געווען. ער, מיט דער פּאָעטישער נשמה, האָט געהאַט אַ באַזונדער וואַרעמע באַציאונג צו פּאָעזיע אין אַלגעמיין. אין זיין ביכער־קאָלעקציע וואָס ער פלעגט מיטנעמען אויף זיינע נסיעות, האָט ער געהאַט אַ פיינעם אָפּקלייב פון קלאַסישע און מאָדערנע לידער־ביכער. אָבער דאָס העברעיאיש־יידישע ליד איז אים גאָר נאָענט געווען. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס יידיש־העברעיאישע דיכטער האָבן גענוג מוט און קוראַזש אַריינצוברענגען שוואונג, נייעם ריטם אין אונדזער ליטעראַרישן גאָרטן, טראָץ וואָס די קאָנווענציאָנעלע קריטיק קוקט קרום אויף די נייע שולעס. ער פלעגט זיך היצן און באַוויזן מיט היסטאָרישע ראיות, אַז דאָס יידישע גייסטיקע רייכטום איז אַן אויסדרוק פון אומאויפהערלעכע פּראָצעסן, אַז יידיש וויסן, יידיש שאַפן איז ניט קיין שטייענדיק וואַסער.

מיסטיק איז, אין תוך, לויט זיין מיינונג, אפשר, אַ פרעמדע פלאַנץ, וואָס איז דער יידישער אמונה ניט געווען שטאַרק צום האַרצן. דאָך האָט זיך די מיסטיק אַריינגעריסן אין יידישן לעבן דורך דער קבלה און אונדזערע יידיש־גייסטיקע אוצרות זיינען רייכער געוואָרן מיט אַ נייעם

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

רייצנדיקן פעלד וואָס האָט באַפרוכפּערט אונדזער שאַפן.

מאָדערניזם, פלעגט מעדיטירן זשאַבאָטינסקי, איז נאָך אַ יונג ביימל אין דער וועלט־ליטעראַטור און, במילא, ביי אונדז. אָבער די השפּעה פון מאָדערניזם הייבן מיר שוין אָן פילן. מאָדערניזם איז עפּעס אַזוינס וואָס רעדט בלשון רמז, ווי אונדזער אַמאָליקע קבלה. און, צו־ריקגערעדט, איז די שפּראַך־קאָמבינאַציע פון משל און נמשל גאָרניט אַזוי פרעמד אין אונדזער קולטור־גאָרטן. אונדזערע נביאים, תנאים, אמוראים, גאונים — האָבן אַלע גערעדט אַלעגאָריש, אויפן וואונק מיטן אויג — דערפאַר זיינען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט וואונדערלעכע מפרשים פון רש״י־שניט, וואָס האָבן אויף זייער אייגנאַרטיקן אופן גע־מאַכט אינטערעסאַנטע ביישטייערן צו אונדזער קולטור.

האָט איר שוין באַרירט דעם ענין שיינע ליטעראַטור, האָט זשאַ־באָטינסקי באַזונדערס הנאה געהאַט פון ברענגען לענגערע ציטאַטן פון וועלט־באַרימטע פען־קינסטלער. ער פלעגט מייסטעריש רעציטירן פּושקינען, היינען, עדגאַר פּאָו, וויטמאַנען, לאָנגפעלאָו, מיצקעוויטשן, טאַגאָרן און אויך אונדזערע העברייאיש־יידישע דיכטער האָט ער ניט פאַרשעמט. ער פלעגט ציטירן שניאורן, ביאַליקן, ליעסינען, א. צ. גרינבערג, י. ל. פּרץ, לייוויק. אַ באַזונדערע שוואַכקייט האָט ער גע־האָט צו ביאַליקן, וועמעס שטאַרקע יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון ער האָט איבערגעזעצט אין אַ קרעפטיקן רוסיש. דאָס מערקווירדיקסטע: די דערמאָנטע דיכטער פלעגט ער ציטירן אין זייער אָריגינאַל. כאָטש ער איז געווען דער פיינער און גלענצנדיקסטער איבערזעצער, האָט ער מער הנאה געהאַט לייענענדיק די גרויסע דיכטער אין אָריגינאַל. ער האָט געהאַלטן אַז יעדע שפּראַך, באַזונדערס די שפּראַך פון ליד, האָט זיך איר אייגענע נשמה, וואָס מ׳קאָן ניט אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער שפּראַך־ספערע, אָפּגעזען ווי מייסטעריש די איבערזעצונג זאָל נישט געמאַכט ווערן. דער תנ״ך — אונדזער אַלט־קלאַסישע ליטעראַטור איז כמעט איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע קולטור־שפּראַכן פון דער וועלט. ס׳זיינען פאַראַן וואונדערלעכע איבערזעצונגען פון תנ״ך. אָבער העב־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

רייאיש אין די קלאַסישע שפּראַך פאַר אונדזער תנ"ך.

ליטעראַטור און פּאָליטיק איז אָפּטמאָל ניט קיין גלייכער שידוך. אָבער זשאַבאָטינסקי האָט באַוויזן דעם מאַגישן קונץ אַריבערצואוואַרפן אַ בריק איבער דעם תהום פון די צווי, אין תוך זיך פרעמדע געביטן. ער האָט שפּילעוודיק, און אָן איבעריקע שוועריקייטן אַריבערגעבראַכט די ליטעראַטור אין דעם לעבן פון פּאָליטיק און די פּאָליטיק אין דעם לעבן פון ליטעראַטור. ער האָט באַוויזן צו שאַפן אַ וואונדער שיינעם סינטעז. אין סאַמע ברענענדיקסטן פּאָליטישן מאָמענט האָט ער גע־שמועסט מיט אייך וועגן דעם סאַמע נייסטן בוך, אָדער גאָר וועגן אַ באַגאַבטן יונגן טאַלאַנט אין דער העברייאישער ליטעראַטור — אָדער, ער האָט פאַרגעלייענט פאַר אייך זיינס אַ ניי ליד. איז עס זיכער ניט געווען דערפאַר, ווי אייניקע קריטיקער דענקען, וואָס זיין נשמה איז גע־ווען צעריסן צווישן דעם פּאָליטיקער און דעם ליטעראַט. פאַרקערט, ער האָט געהאַלטן אַז אַ מענטש דאַרף שטרעבן צו שלימות, צו גאַנצ־קייט. ער טאָר ניט צעברעקלען זיין „איך".

דער געניאַלער דיכטער־דענקער געטע איז פאַר אונדז געווען אַ גלענצנדיקער מוסטער פון דעם סינטעז: פּאָליטיק און ליטעראַטור. מיר האָבן אויך געהאַט אונדזערע אייגענע מוסטערן פון דער אַלטער ביז דער מאָדערנער צייט. אונדזערע נביאים זיינען זיכער געווען דער אידעאַלער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן סינטעז. זיי האָבן ברויזנדיק און כוואַליענדיק אויסגעשריען זייער פּראָטעסט־געשריי קעגן די קאָרופּטירטע רעגירער און פירער פון זייער צייט און גלייכצייטיק אָנגעשלאָגן אַן אָפּטימיסטישן טאָן וועגן דער ווייט־ווייטער צוקונפט, וועגן די אַחרית־הימים טעג. אויך אונדזערע מיטלאַלטערלעכע פילאָ־זאָפן און דענקער האָבן האַרמאָניש צונויפגעפּאַרט וואָרט און קאַמף.

אונדזער וואָרט איז ניט סתם געווען אַן אינסטרומענט פון גייס־טיקן און אַמוזירנדיקן געניוס. ס'איז קודם־כל געווען אַ קאַמף־אינסטרו־מענט פאַר אַ יושרדיקער און שענערער וועלט. אונדזער מאָדערנע צייט האָט אונדז אויך מזכה געווען מיט פיינע טיפן־עקזעמפּליאַרן פון

דעם פריערדיקן שניט. הערצל און נאָרדוי האָבן אויף אַ וואונדערלעכן אופן מאַניפעסטירט די קאָמבינאַציע פון פּאָליטיק פּלוס ליטעראַטור.

און זאב זשאַבאָטינסקי האָט דורך זיין שאַפן באַוויזן, אַז איין געביט שטערט לחלוטין ניט דעם אַנדערן. פאַרקערט, איינס דערגאַנצט דאָס אַנדערע. נאַטירלעך, רעדט זיך דאָ, ווען די פּערזענלעכקייט וואָס זוכט שמידן דעם מערקווירדיקן סינטעז, איז ניט פאַראינטערעסירט צו שלאָגן פון דעם פּערזענלעכן קאַפּיטאַל.

אַזוי־אָ, פּראַגמענטאַריש, איז ער געשפּרונגען פון ענין צו ענין. נאָך אַ שמועס מיט זשאַבאָטינסקין האָט איר געהאַט דאָס געפיל אַז איר האָט זיך אָנגעטרונקען מיט אַ גלאָז פיינעם שאַמפּאַניער. אָבער דער שאַמפּאַניער האָט אייך ניט פאַרשלעפּערט, נאָר, פאַרקערט, גע־עפנט אייך די אויגן און ס'איז אייך לויטערער געוואָרן אין קאָפּ. ער האָט גערעגט אייער פאַנטאַזיע און געבראַכט צום לעבן אַ דרעמלענ־דיקן געדאַנק אין אייער אונטערבאַוואוסטזיין. איר האָט פאַרלאָזן זשאַ־באָטינסקין מיט געזאַנג אויף אייערע ליפּן און מיט בטחון אין אייער האַרץ.

הלוואי וואָלטן אַלע וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו פאַרברענגען מיט זשאַבאָטינסקין, געווען פאַרנאָטירט זיינע געדאַנקען־שיריים, דאַן וואָלטן מיר אַמאָל געקענט האָבן אַ מערקווירדיקע און גייסטרייכע קאָ־לעקציע פון געדאַנקען־בליצן, וואָס האָבן אויפגעלויכטן אין קאָפּ פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן יידן, איינער פון אונדזערע אינטערעסאַנטסטע און מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער תקופה.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

דער מענטש

אָפּטמאָל איז גרויסקייט ניט קיין סינאָנים פון מענטשלעכקייט, מענטשלעכער באַציאונג, מענטשלעכער האַנדלונג אין דעם טאָג־טעג־לעכן לעבן צווישן נאָענטע און באַקאַנטע. ס׳זיינען אין דער געשיכטע באַקאַנט גרויסע פּערזענלעכקייטן, מענטשן, וואָס זיינען געווען געניאַל אויף זייערע ספּעציפישע געביטן; מענטשן, וואָס האָבן דערהויבן זייע־רע קרעאַטיווע ווערק צו קינסטלערישער שלימות און עטישן באַוואוסט־זיין, און דאָך, אין זייער באַנעמונג צו מיטמענטשן זיינען זיי אָפּטמאָל גע־ווען כאַראַקטערלאָז, מגושימדיק, גראָב, ציניש־ברוטאַל. ווי גייט דאָס ווערטל: „גרויסע מענטשן לײדן פון גרויסע חסרונות״.

פּסיכאָלאָגישע אָבזערוואַציעס דערציילן אונדז וועגן שאַרפע סתי־רות און אומבאַגרייפלעכע ווידערשפּרוכן אין אַ סך שעפערישע פּערזענ־לעכקייטן. זייער וועלט איז אַן אויסגעפּאַנטאַזירטע, אָפּטמאָל אינגאַנצן אַן אינערלעכע, דערפאַר איז זייער פּסיכיק שטאַרק צעקריגט מיט די דרויסנדיקע, קאָנווענציאָנעלע באַגריפן פון דער צייט אין וועלכער זיי לעבן און עקזיסטירן. און אין זייערע באַציאונגען און האַנדלונגען מיט מענטשן ווערן זייערע מאָטיוון דיקטירט פון סוביעקטיוו־עגאָאיסטישע קאַפּריזן און באַהערש־אינסטינקטן.

נאַטירלעך זיינען די דאָזיקע מיינונגען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן כלל. ביי יעדן כלל זיינען פאַראַן אויסנאַמען. אויך אין דעם פאַל זיינען די אָנגענומענע מיינונגען ניט אַבסאָלוט־גילטיק. מ׳קאָן דעם דאָ־

זיקן קריטעריום ניט אָנגענומען ווי אַן עקזאַקט־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדיק.

אָט אין דעם פאַל זשאַבאָטינסקי האָבן מיר טאַקע פאַר זיך אַ מענטש וואָס צייכנט זיך אויס אַלס גלענצנדיקער אָראַטאָר; ער באַזיצט אַ ברייליאַנטענע פעדער, ער שטראַלט מיט פּאָליטישער חכמה, ער שרייבט, לייענט און רעדט אויף אַ טוצן קולטור־שפּראַכן. ער באַזיצט אויך אַנדערע אויסערגעוויינלעכע פֿיאיקייטן און דאָך, — דאָך זיינען די אַלע קוואַליפיקאַציעס אָן קיין שום סתירה צו דער פּערזענלעכקייט זשאַבאָטינסקי, צו דעם טאָג־טעגלעכן חבר, פריינט און דזשענטלמען וואָס זשאַבאָטינסקי איז אַלעמאָל געווען.

אין דעם אַריינפיר־וואָרט צו זשאַבאָטינסקיס אויטאָביאָגראַפיע געפינען מיר אָט־די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „ . . . פון מיין „לעבנס־געשיכטע" האָב איך נאָר דאָ דערציילט ניט מער ווי אַ העלפט — דאָס לעבן פון דעם שרייבער און געזעלשאַפטלעכן טוער, אָבער ניט דאָס לעבן פון דעם מ ע נ ט ש . אָט־דיביידע לעבנס־קאַטעגאָריעס זיינען ביי מיר אָפּגעטיילט מיט זייער אַ הויכער וואַנט. ווי ווייט מעגלעך האָב איך מיר מיין גאַנץ לעבן באַמיט ניט צונויפמישן די גרענעצן צווישן זיי. אַלס מענטש האָב איך געהאַט און האָב פריינט, פאַרבינדונגען, דערפאַרונגען, דעראינערונגען און טראַדיציעס, וואָס זייער איינפלוס האָבן קיינמאָל ניט אָנגערירט, און וועלן ניט אָנרירן, דעם פעלד פון מיין עפנטלעכער אַרבעט".

אין זיין באַציאונג צו מענטשן איז זיין באַנעמונג געווען פשוט צו באַוואונדערן. ס'זיינען פאַראַן און ס'זיינען געווען פאָלקס־פירער און גרויסע שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן דאָך געהאַט אַ ביטול־באַציאונג צו די ברייטע פאָלקס־מאַסן. זשאַבאָטינסקי האָט אָבער אַלעמאָל געהאַט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן, טראָץ דעם וואָס ניט איינמאָל האָבן זיי אים ביטער און ווייטיקדיק אָנטוישט. ער האָט געהאַלטן אַז יעדער ייד איז אַ פּרינץ, אַ בן־מלך. ער האָט ניט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע פון פאַרדאַכט אויף די ברייטע יידישע מאַסן. ער האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם ווילן פון זיינע פאָלקס־ברידער, און

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט מיט אַלע זייערע חסרונות. ער איז גע־וועזן אין דער בחינה פון אַ מאָדערנעם ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס לאָזט ניט פאַלן קיין שפּרענקעלע, קיין פלעק אויף זיינע יידן. אפשר איז דאָס געווען דער כוח וואָס האָט גראַוויטירט די ברייטע פאָלקס מאַסן צו זיין פּערזענלעכקייט. ניט אָפט זיינען די ברייטע פאָלקס־מאַסן געפאָרן אויף זיין אידייאישן וואָגן, אָבער ווען ער האָט אַדרעסירט אַ פאַרזאַמלונג זיינען זיי אים געקומען הערן און געוויינט, און געזיפצט ווען ער האָט פאַר זיי געמאָלן דעם פאַטאַליזם און די טראַגיק פון אונדזער גלות־פאָלק. כאָטש מיט זיינע אויספירן זיינען זיי ניט שטענדיק געווען גרייט מיטצו־גיין מיט אים דעם גאַנצן שווערן וועג.

די אַלע וואָס האָבן זיך געציילט צו זשאַבאָטינסקיס אינטימע פריינט דערציילן מיט באַוואונדערונג וועגן זיין אויסערגעוויינלעכער ליבע און פריינטלעכער באַציאונג צו יעדן איינעם פון זיינע באַקאַנטע און גוטע פריינט.

פאַר אים איז דער „בין אדם לחברו" ניט געווען סתם אַן אַב־סטראַקטע פראַזע פון אונדזערע אַלטע חכמים. נאָר פאַר אים איז דאָס געווען אַ לעבעדיקע לעבנס־פילאָזאָפיע צום פּראַקטיצירן טאָג־טעגלעך.

דער אַמעריקאַנער שריפטשטעלער פּיער וואַן פּאַסען, שרייבט אין אַ בריוו: „ביי יעדער באַגעגעניש מיט זשאַבאָטינסקין האָב איך אויפס־ניי באַוואונדערט זיין שאַרפן מוח און באַזונדערס זיין צאַרטע, איידעלע נשמה פון מענטשלעכער שלימות . . ."

דער רעוויזיאָניסטישער טוער, א. אבראַמס, וועמען ס'איז אויס־געקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט זשאַבאָטינסקין אין לאָנדאָנער ביוראָ פון די רעוויזיאָניסטן, דערציילט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען וועגן זשאַבאָטינסקין: „איינמאָל איז אין ביוראָ געקומען אַ פּראָמינענטער רב. באַמערקט דער רב ווי זשאַבאָטינסקי לויפט העדנדום־פּענדום אַראָפּ און אַרויף די שטיגן מיט פּאַפּירן אין האַנט. פרעגט זיך נייגעריק דער רב: וואָס לויפט דאָס דער מענטש אין אַזאַ געאייל אַראָפּ און אַרויף די שטי־גען?" ענטפערט אים דער ה׳ אבראַמס, „אַז דאָס זוכט זשאַבאָטינסקי

שאַנעווען די פּיס פון אונדזערע סעקרעטאַרשעס״ . . .

דערציילט אונדז דער זשורנאַליסט מרדכי דאַנציס, אַז ווען אים איז אין די לעצטע וואָכן פון זשאַבאָטינסקיס לעבן אויסגעקומען מיט אים צו רעדן וועגן אַ געוויסן ציוניסטישן פּאַרטיי־טוער, וואָס האָט זשאַבאָטינסקין ניט איינמאָל פאַרביטערט דאָס לעבן, האָט זיך ה׳ דאַנציס באַנוצט מיט שאַרפע און בייסנדיקע עפּיטעטן אויפן חשבון פון יענעם ציוניסטישן פירער, האָט אים זשאַבאָטינסקי חבריש געמוסרט: ס׳איז ניט אין די ראַמען פון אונדזער שמועס זיך צו באַנוצן מיט שאַרפע אַדיעקטיוון קעגן יענער פּערזענלעכקייט. מן־הסתם האָט געדאַרפט אַזוי זיין. אפשר צוליב פּרנסה, פריינט דאַנציס, — און פּרנסה איז גאָר אַ גרויסער און וויכטיקער ענין ביי אַ יידן, האָט זשאַבאָטינסקי אים געענטפערט. יאָ, ער האָט געהאַסט זייערע פירונגען אָבער קיינמאָל ניט זייערע פירער. ער האָט פּאָלעמיזירט קעגן זייערע אידעאָלאָגישע בלאָנדזשענישן און זיגזאַגן, אָבר קיינמאָל האָט ער זיך ניט באַנוצט מיט אַ שאַרף און באַליידיקנדיק וואָרט קעגן די פּערזאָנען גופא וואָס שטייען הינטער די דאָזיקע קרומע אידעאָלאָגיעס. צוליב דער דאָזיקער באַשיידנקייט און צוליב זיין ממש־אַלטרואיסטישער באַציאונג צו מענטשן, האָבן אים אַ סך כיטרע פּערזאָנען אויסגענוצט פאַר אומעטישע מאָטיוון — און ער האָט דאָס פאַרשטאַנען און פאַרגיבן . . .

דערציילט דער רעוויזיאָניסטישער פירער און זשורנאַליסט בן־חורין, וואָס איז גלייכצייטיק געווען צווישן זשאַבאָטינסקיס אינטימסטע מיטאַרבעטער אין די לעצטע פופצן יאָר, אַז אַלס זשורנאַליסט און רייזנדער, איז אים אויסגעקומען צו קומען אין באַריר מיט אַ סך „פאַרבנרייכע״ פּערזענלעכקייטן, סיי יידישע און סיי ניט־יידישע. ער האָט אָבזערווירט די דאָזיקע „חשובע״ פּערזענלעכקייטן פון דער נאָענט; ווען די נאָטאַבלען פאַרלאָזן די געזעלשאַפטלעכע טריבונע פאַרלירן זיי זייער חשיבות און זייער שאַרם, דערציילט ער. זיי פאַרמאָגן צוויי נשמות. אין פּריוואַטן לעבן עקלען אייך ממש אַ סך פון זיי. אָבער זשאַבאָטינסקי איז געווען צווישן די געציילטע פּערזענלעכקייטן, אַז וואָס נעענטער און אינ־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

טימער איר זייט געקומען אין באַריר מיט אים, אַלץ מאַגנעטישער און כישופדיקער האָט אויף אייך געווירקט זיין פערזענלעכקייט. זיין גע־זעלשאַפטלעכע אַרבעט שטייט ניט און איז נישט געשטאַנען אין ווידער־שפרוך צו די באַציאונגען צום יחיד אין זיין טאָג־טעגלעך פריוואַטן לע־בען. חנפענען יענעם, כדי אַזוי אַרום צו געווינען יענעמס באַוואונדע־רונג און רעספּעקט איז לחלוטין פרעמד געווען זיין נאַטור.

אַזוי נאַטירלעך שילדערט אים דער גאָענטער, אינטימער פאַרטיי־חבר, וואָס קען קלינגען אפשר צו באַרימעריש און צו סוביעקטיוו, אָבער הערט וואָס אַ טייל פון זיינע אידייאישע קעגנער האָבן צו זאָגן וועגן אים. די העברייאישע אַרבעטער־צייטונג „דבר" שרייבט עדיטאָריעל וועגן זשאַבאָטינסקין צווישן אַנדערעס: „די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי האָט פאַרלוירן אַ פירער, און דער קעגנער האָט פאַרלוירן אַן אפּאָנענט פון העכסטן סטאַנדאַרד". דער ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" שרייבט אין אַ נעקראָלאָגישן לייט־אַרטיקל: „הינטער זיין פעדער און רעדנער־קונסט איז געשטאַנען אַ גרויסע פערזענלעכקייט . . ."

דער ציון־פירער און יידיש־העברייאישער שריפטשטעלער אַב. גאָלדבערג שרייבט: „איך פריי זיך דאָך, אַז טראָץ דער קעגנערשאַפט זיינען מיר ביז די לעצטע טעג געבליבן פריינט . . ."

חיים גרינבערג, דער רעדאַקטאָר פון „יידישן קעמפער" און פועלי־ציון טעאָרעטיקער שרייבט וועגן זשאַבאָטינסקין, צווישן אַנדערעס, די פאָלגנדיקע רירנדיקע ווערטער: „ערנסטע חלוקי־דעות האָבן אים אין די לעצטע יאָרן אָפּגעטיילט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער אַלע פילן מיר, מוזן מיר פילן, אַז אין זשאַבאָטינסקיס פערזאָן איז אַוועק פון אונדזער לעבן איינע פון די גאָר־גאָר קאָלירפולע און אימפּאָנירנדי־קע יידישע פיגורן, אַ פיגור וואָס האָט איבעראַל קאָמאַנדירט רעספּעקט און, אין געוויסע מאָמענטן, ניט ווייניק באַוואונדערונג . . . עס וועט פאַר אונדז אויף שטענדיק בלייבן אין זכרון דער זויבערער און לויטערער זשאַבאָטינסקי — דער זעלטענער בעל־מידות אין בין־אָדם לחברו־באַ־ציאונגען . . ."

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אין אַן אַרטיקל איבער זשאַבאָטינסקין שרייבט דער ראַבינער און העברייאיש־יידיש־ענגלישער שריפטשטעלער דר. מאַקס רייזין: „אָן שום ספק איז ער געווען איינער פון די גאַר זעלטענע דערשיינונגען וואָס אונדזער דור האָט אַרויסגעבראַכט. דינאַמיש, אויסערגעוויינטלעך טאַלאַנטפול אי ווי אַ שרייבער, אי ווי אַ רעדנער, און דערצו נאָך אמת־ערלעך אין זיינע אָנשויאונגען, איז ער געווען אַ קראַפט אין יידישן לעבן מיט וועלכן מ'האָט זיך געמוזט רעכענען, צי מ'האָט מיט אים איינגעשטימט צי ניט. מ'האָט אים בשום־אופן ניט געקענט איגנאָרירן. וואָרים ער איז געווען אַ שטאַרקע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט אַזוי אָפט אַרויסגעוויזן געוואַגטקייט און העלדישקייט. דער יסוד פון זיין פּירערשאַפט איז געווען מער ווי אַלץ זיין מאָראַלישקייט, זיינע פעסטע איבערצייגונגען, וואָס צוליב זיי איז ער ניט איינמאָל געזעסן אין תפיסה אין צאַרישן רוסלאַנד ווי אויך אין „באַפרייטן" ארץ־ישראל. אַלץ אין איינעם איז אַט־דער נאַציאָנאַל־יידישער העלד מיטן עכט־רוסישן נאָמען, געווען אַ גרויסער מענטש..."

ער האָט זיינע אידייען האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט אַרבעט. ער האָט קיינמאָל ניט באַפוילן יענעם עפּעס צו טאָן, וואָס ער האָט אַליין עס פריער ניט פּראַקטיצירט אויף זיך. דערציילט אַ חבר פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע ברית טרומפּעלדאָר, יעקב טאַובער, וועלכער איז געווען זשאַבאָטינסקיס פּריוואַט־סעקרעטאַר אין אַמעריקע, אַז ווען זשאַבאָטינסקי האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדערן האָטעל, האָט ער פּרובירט אַליין אויפהויבן אַ שווערע וואַליז, זאָגט אים ה' טאַובער, אַז ער זאָל דערלויבן אַ ביתרי טראָגן דעם באַגאַזש. נו, גוט, ענטפערט אים זשאַבאָטינסקי מיט זיין פריינטלעכן שמייכל,—זאָלן עס צ ו ו י י ביתרים טראָגן און ער האָט גלייך אָנגענומען דעם צווייטן עק פון וואַליז... און דאָס אונטער אומשטענדן ווען זיין קראַנק האַרץ האָט זיך ניט געטאָרט אָנשטרענגען...

זייער טרעפלעך באַמערקט וועגן אים דער ציוניסטישער פירער לואי ליפּסקי: „זשאַבאָטינסקי האָט געשעצט דעם ענגלענדערס ספּאָרט־

מאַנישקייט, און האָט איינגעזען וואָס עס מיינט צו קאָנען ווידערשטיין אַן אָנפאַל פון קעגנער און וואָס עס הייסט צו זיין אַן ענגלישער דזשענטלמאַן . . .״

יאָ, די יעניקע וואָס האָבן זשאַבאָטינסקין געקאָנט אינטים, און ער האָט געהאַט אַ סך אינטימע און נאָענטע פריינט, דערציילן אַלע פאַרשיידענע עפּיזאָדן וועגן זשאַבאָטינסקין, אָבער אין די אַלע עפּיזאָדן ווערט אונטערשטראָכן זשאַבאָטינסקיס חבריש־מענטשלעכע באַציאונג. ער האָט געלערנט די יוגנט וועגן „הדר״ און דזשענטלמענישקייט — אין בעסטן זין פון וואָרט — און מיט זיין כאַראַקטער איז ער געווען דער בעסטער מוסטער פון זיין לערע.

דער יידיש־רוסישער שריפטשטעלער אָסיף דימאָוו האָט געקאָנט זשאַבאָטינסקין נאָך פון יענע יאָרן ווען זשאַבאָטינסקי האָט מיטגעאַרבעט אין די אָדעסער און פּעטערבורגער צייטונגען אַלס פעליעטאָניסט אונטער דעם פען־נאָמען „אַלטאַלענאַ״, שרייבט ער וועגן זשאַבאָטינסקין דאָס פאָלגנדיקע : „אַ קאָלאָסאַלע מאָראַלישע קראַפט איז געווען פאַרזאַמלט אין דעם קליין־געוואַקסענעם מאַן מיט די קלוגע, ברענענדיקע ערלעכע אויגן. ער האָט באַזיגט מענטשן מיט זיין פערזענלעכקייט, מיט דעם גרויסן מאָראַלישן טעמפּעראַמענט זיינעם. דערפאַר איז געווען אַזוי ווירקזאַם זיין רעדן, אַזוי אימפּעראַטיוו זיין טעטיקייט. די דאָזיקע אייגערלעכע קראַפט זיינע, איינגעבוירן און געירשנט פון דורות, איז געווען פאַרשטאַרקט פון זיינע גרויסע לערערס — די טיטאַנען און די קלאַסן פון ליטעראַטור און קונסט — באַזונדערס דער רוסישער.

זשאַבאָטינסקי האָט געגלויבט אין זיך, ער האָט געגלויבט אין אַנדערע. „דער מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ״ — האָט געזאָגט גאָרקי. „דער מענטש — דאָס קלינגט ערלעך״, — האָט געקאָנט זאָגן זשאַבאָטינסקי. די מאָראַלישע קראַפט און דער איינגעבוירענער אינסטינקט פאַר גערעכטיקייט און אמת האָט ער אויך געזען, אָדער געוואָלט זען, אין זיינע קעגנער און זיי האָט ער געהאַט אַ סך. ער האָט קיינמאָל ניט באַליידיקט זיינע קריטיקער און קעגנער, ווייל אַזוי האָט ער געפילט — זיי

טראָגן אין זיך אויך אַ טייל פון דעם געטלעכן אינסטינקט פאַר גערעכ־טיקייט. דאָס ערגסטע וואָס ער האָט געקענט זאָגן פון אַ מענטשן איז געווען — ער איז אַ פּלוט, ער איז ניט ערלעך. ער האָט זיך געהאַלטן מיט גרויס ווירדע, מיט חן און שאַרם — און אַרויסגערופן אין זיינע קעגנער אויך דיזעלבע געפילן . . ."

זשאַבאָטינסקי איז אויך געווען אַ אוניקום אין דער פראַגע פון געלט. דערציילט מיר אַ נאָענטער מיטאַרבעטער זשאַבאָטינסקיס, וואָס איז מיט אים געווען אויף אַ לעקציע־טור אין דרום־אַפריקע: „אַרויס־גייענדיק פון אַ רעסטאָראַן, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מטבע וואָס איז אגב געווען די לעצטע וואָס ער האָט יענעם אָוונט פאַרמאָגט מיט זיך און עס אַוועקגעגעבן דעם טיש־סאַרווער פאַר טרינק־געלט. אין גאַס האָב איך זשאַבאָטינסקין אויסגעמוסרט הלמאי ער האָט אַוועקגע־געבן אַזאַ גרויסע מטבע דעם סאַרווער און איצט וועט ער דאַרפן גיין צו פוס אין האָטעל. זשאַבאָטינסקי האָט אים גלייך געענטפערט: „ס'איז אַ שיינע לבנה־נאַכט, וועלן מיר כאַפּן אַ שפּאַציר . . ."

מיט עטלעכע יאָר צוריק, אויף זיינעם אַ פריערדיקן באַזוך אין אַמעריקע, געדענק איך אַז מיר זיינען געווען אויף אַ באַנקעט ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטעטל, דוכט זיך אין ברידזשפּאָרט, און ווי ס'איז דער מנהג ביי באַנקעטן פון אַזאַ כאַראַקטער, האָט דער פאָרזיצער אָנגעהויבן מאַכן אַן אַפּיל פאַר אַ געלט־זאַמלונג. זשאַבאָטינסקי האָט זיך באַלד אויפגע־הויבן פון אָרט און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט צו דער טיר. איינער פון אונדזערע חברים האָט דאָס באַמערקט און אים אַ פרעג געטאָן צי ער פילט ניט גוט. האָט אים זשאַבאָטינסקי געענטפערט ביי־זלעך, אַז ער האָט פיינט צו זיין אַנוועזנד ביי געלט־זאַמלונגען. מ'האָט אים געפּרואווט דערקלערן, אַז געלט איז טאַקע ניט פון די „אידעאַליסטישע" זאַכן מיט וועלכע מיר דאַרפן זיך איצט פאַרנעמען, אָבער כדי צו עקזיסטירן און אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פאַר די אידייען וועלכע ער פּריידיקט, נויט־טיקט מען זיך אין דעם דאָזיקן פּראָזאַאישן עלעמענט. אונדזער אַר־גומענטאַציע האָט גאָרניט געהאָלפן. מ'האָט אים געמוזט פאַרזיכערן אַז

מ׳וועט אין זיין אַנוועזנהייט ניט מאַכן קיין געלט־זאַמלונג. ניין, ער האָט ניט געהערט צו יענער קאַטעגאָריע פון פּאַרטיי־מענטשן, וואָס געלט האָט פאַר זיי אַ באַזונדער עקזאַטישן רייץ.

דר. י. שעכטמאַן שרייבט אונדז אין שייכות מיט זשאַבאָטינסקיס אַ פריערדיקן באַזוך אין אַמעריקע: „זשאַבאָטינסקי האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט צו פאָרן קיין אַמעריקע לטובת אייער געלט־אַקציע, אָפּגעזען ווי וויכטיק דער ענין זאָל ניט זיין פאַר אונדזערע אינטערעסן. ער געהערט ניט צו דער „שנאָרער ראַסע".

אויך זיין זון ערי האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט פּשוט ניט באַנומען דעם ענין געלט און ריכטיק ניט געוואוסט די ווערט פון צורת־המטבע. ער האָט עס דעמאָנסטרירט אויף פאַרשיידענע אופנים אין זיין פּריוואַטן, אַזוי גוט ווי אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געלעבט אָרעם און באַשיידן. ער האָט געקאָנט זיין, בלי שום ספק, איינער פון די בעסט־באַצאָלטע זשורנאַליסטן, אויב ער וואָלט נאָר נאָכגעקומען געוויסע רעדאַקציאָנעלע קליינינקייטן און איינגעגאַנגען אויף געוויסע פּשרות. ער האָט אָבער אויסגעקליבן צו בלייבן דער אומפּראַקטישסטער פון אַלע אונדזערע געזעלשאַפטלעכע פירער. ער האָט ניט געקאָנט באַגריפן און האָט ניט געוואָלט באַגרייפן דעם היינטיקן „פּראַקטישן פּאַרטיי־מענטש אין ליכט פון אונדזערע גרויסע זאַמל־אַפּאַראַטן". ער איז געבליבן דער פּערפעקשנטער אידעאַליסט אויף וועמען דער רייץ און דער קלאַנג פון געלט האָט ניט געהאַט קיין שליטה.

אויף זיין באַנער פון קאַמף האָט ער אויפגעשריבן די קלוגע ווערטער פון כינעזישן פילאָזאָף קאָנפוציוס: „דער וואָס פאָדערט אַ סך פון זיך און ווייניק פון אַנדערע, וועט זיין פאַרזיכערט קעגן האַס". יאָ, ביטער און אומברחמנותדיק האָט מען באַקעמפט זיינע אידייען, אָבער אַפילו זיינע פּילצאָליקע נאָר ערלעכע קעגנער און שונאים האָבן אים געמוזט רעספּעקטירן און אָפּטמאָל אים פאַרערן.

זיי האָבן געוואוסט, וואָס־וואָס, אָבער אונטער זשאַבאָטינסקיס אידעאָלאָגישע אַנשויאונגען און באַגריפן — צי זיי זיינען מיט אים יאָ

מסכים, צי ניט — שטייט אַלעמאָל די לאָיאַלע, ערלעכע, עטישע פער־זענלעכקייט וואָס איז מסוגל מקריב צו זיין זיין „איך" פאַר דער גאַנצ־קייט פון זיין מאַרטער־פאָלק וואָס ער האָט אַזוי הייס און געטריי ליב געהאַט.

יאָ, זשאַבאָטינסקי איז געווען אַ זעלטענע פיגור אין אונדזער אָרים, בידנעם יידיש וועלטל. און וואָס ווייטער ער דערווייטערט זיך פון אונדז אין פיזישער דיסטאַנץ, אַלץ מער הייבן מיר ערשט אָן צו פילן און צו באַגרייפן זיין קאָלאָסאַל־דערציערישע השפעה וואָס ער האָט געהאַט אין אונדזער לעבן — און אויך דעם גרויסן, גרויסן פאַרלוסט, וואָס האָט דורך דעם געטראָפן די ציוניסטישע באַוועגונג.

קאפיטל פינף און צוואַנציק

וועלט־קריג נומער צוויי

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה נומער צוויי, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט דעם גרעסטן חורבן אין די קאָמפּאַקטסטע אייראָפּייאישע יידישע ישובים, קומט־אָן זשאַבאָטינסקי קיין אַמעריקע.

ער האָט קלאָר דערפילט, אַז די קולטור־וועלט און אַלע מענטשלעכע ווערטן ווערן חרוב און צעטראָטן אונטער די אייזערנע קנאָפּל פון די נאַצי־פאַשיסטישע משחיתים און אַז די גרויסע וועלט און בתוכם אונדזער קליין פאָלק, געפינט זיך אויף דער וואָג־שאָל פון דער געשיכטע. די גאַנצע קולטור־וועלט איז איצט געוואָרן איין גרויסער לאַגער פון „רעוויזיאָניסטן", און אויך מיר — מוזן מאַכן געוויסע חשבונות און רעוויזיעס אין דעם היסטאָרישן וועלט־קאָנפליקט. אַן אַלטע וועלט האַלט ביים שטאַרבן און מיר מוזן מאַכן געוויסע חשבונות און רעוויזיעס אין דעם היסטאָרישן וועלט־קאָנפליקט. אַן אַלטע וועלט האַלט ביים שטאַרבן און מיר מוזן זיין ביים געבורט פון דער נייער, וואָס וועט מוזן קומען, — סיידן — אָבער דעמאָלט וועט שוין סיי־ווי זיין אַלץ איינס ! . . .

ביי זיין אָנקומען צו די ברעגן פון אַמעריקע, האָט ער דערקלערט פאַר צייטונגס־מענטשן, „אַז דער ערשטער אימפּעראַטיוו וואָס שטייט פאַר די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע פּאַרטייען איז — קאָנסאָלידירונג, פאַראייניקונג און קאַמף אונטער איין באַנער פאַר די אַלגעמיינע ציוניסטישע אַספּיראַציעס. מיר האָבן איצט איין אויסוועג, — דערקלערט ער —

בויען אַ יידישע מלוכה פאַר אונדזער פאָלק. אויב, חלילה וחס, היטלער זאָל מנצח זיין, ווייסט איר דאָך די בלוטיקע קאָנסעקווענצן . . . מיר ווילן גאָרניט צולאָזן אַזאַ געדאַנק. אָבער אַפילו ווען די אַליאירטע זאָלן האָבן דעם גרויסן נצחון אויף וועלכן מיר אַלע וואַרטן, דאַרף מען אויך ניט זיין צו אָפּטימיסטיש און זיך שאַפן פאַלשע אילוזיעס. די חרובע ישובים, בפרט יידישע, וועט מען שוין אַזוי גיך ניט צוריק אויפשטעלן. בלייבט דעריבער, אַ יידישע מלוכה אַלס די איינציקע רפואה אויף צו קור־ירן דעם אַנטיסעמיטיזם, דער קרעבס פון אייראָפּייאישן אָרגאַניזם. בלייבט דער דאָזיקער קאַנסער, וועט אייראָפּע ניט קאָנען קומען צו זיך... די אַמעריקאַנער יידן האָבן שוין פיל געטאָן פאַר ארץ־ישראל, אָבער דער רבונו־של־עולם און די געשיכטע וועט זיי צווינגען צו טאָן פיל מער. די אַמעריקאַנער יידן וועלכע האָבן דאָס גליק צו זיין דער צענטער פון דער וועלט, וועלן שפּילן אַ דעצידירנדיקע ראָל אין דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק־קיום . . . מיר מוזן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, דערקלערן, אַז דער גלות ווערט ליקווידירט, ווייל קיין פּאָליאַטיוון וועלן דאָ ניט העלפן . . . ס'מוז געשאַפן ווערן אַ יידישע אַרמיי צו קעמפן פאַר אונד־זערע פּאָזיציעס ווען מיר געפינען זיך אויפן וואָגשאָל פון געשיכטלעכן גורל . . .״

זשאַבאָטינסקי האָט זיין גאַנצע ענערגיע און זיין גאַנצן פייער קאָנצענטרירט אויף דעם פּראָיעקט פון דער יידישער אַרמיי. די אַר־בעט ברענט ממש אונטער זיינע פינגער. ער ווערט אין גאַנצן פאַר־שלונגען פון אַט־דער היסטאָרישער שליחות זיינער. ער שרייבט אַר־טיקלען, פּאַמפלעטן, האָט אינטערוויוס מיט זשורנאַליסטן, שיקט דע־פּעשן און בריוו צו פּראָמינענטע שטאַטסלייט און פירער פון ענגלישן פאָלק. האָט אודיענצן מיט באַרימטע אַמעריקאַנער שטאַטסלייט און אינטעלעקטואַלן.

ער קריטיקירט שאַרף און וויטריאָליש־בייסנדיק די טשעמבערליין־רעגירונג, פאַר איר לייכטזיניקער און קורצזיכטיקער פּאָליטיק. „ס'איז אַ רעגירונג אָן שוואונג און אָן וויזיע . . . דער גאַנצער טשעמבערליין־

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

רעזשים באַנעמט ניט דעם מאָראַלישן קורס פון דער אייראָפּייאישער און וועלט־פּאָליטיק . . . דער באמת־אַלאַרמירנדיקער פאַקט פון דער סי־טואַציע איז, וואָס אַזעלכע גרויסע היסטאָרישע געשעענישן פון אונדזע־רע דעמאָקראַטיעס־נצחון, אָדער חלילה־וחס, מפּלה — ליגן אין הענט, — אָביעקטיוו גערעדט, — פון ניט־פּיאיקע . . .״ — דערקלערט זשאַ־באָטינסקי ביי אַ גרויסער מאַסנפאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק.

ווי ס׳ווייזט אויס, האָט ער פּראָפּעטיש פאָראויסגעזען, אַז כדי צו הייבן די מאָראַל פון דער בריטישער אימפּעריע, מוז זי בייטן איר פּנים; מוז זי פריער פון אַלץ אויסוואָרצלען דעם גייסט פון טשעמבערלייניזם און פון די אָפּאָרטוניסטישע „אַפּיזמענט״־פּאָליסיס.

דער ענגלישער רעזשים האָט זיך געביטן אונטער דעם דרוק פון מסוכנעם קריזיס און אונטער דער פירערשאַפט פון דעם דינאַמישן ווינ־סטאָן טשוירטשיל, און, נישט צום מינימיזירן — אויך אונטער דעם אויפגעוואַכטן מאָראַלישן איינשטעל פון דעם ענגלישן פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פאַרביטערטן און מסירת־נפשדיקן געראַנגל קעגן דעם היטלעריסטישן באַנדיטיזם. אָבער, טראָץ די ליבעראַלע ווינטן, וואָס האָבן געגנומען ווייען אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, איז דער פּראָיעקט פון דער יידישער אַרמיי געוואָרן אַן אַקאַדעמישע פּראָבלעם — מ׳האָט אונדז קאָמפּענסירט מיט אַ בריגאַדע ביים סוף פון אייראָפּיי־אישן קאָנפליקט.

זינט דער צייט ווען זשאַבאָטינסקי איז דערשינען אויף דעם אַמע־ריקאַנעם באָדן, אַגיטירנדיק פאַרן געדאַנק פון אַ יידישער אַרמיי און פאַר דער רעאַליזירונג פון אונדזערע היסטאָרישע, ציוניסטישע צילן, האָט זיך די וועלט־סיטואַציע געביטן אַמאָל צום ערגערן און אַמאָל צום בעסערן.

די סילועטן פון די מעכאַניזירטע און געפּאַנצערטע הילטער־האָר־דעס זיינען שוין אין איין צייט געשטאַנען ביי די טויערן פון ארץ־ישראל. די יידישע יוגנט האָט זיך מאָביליזירט גרייט אַריינצושפּרינגען אין דעם טיטאַנען־געראַנגל. ביי ס׳רוב יידישע פּאַרטייען און ריכטונגען, סיי

װלאַדימיר זשאַבאָטינסקי

אויפן מלחמה־פראָנט און סיי אין די נאָך־פאַרבליבענע יידישע ישובים, וואו יידישער איינפלוס איז נאָך ניט אינגאַנצן ווערטלאָז, האָבן ערשט דעמאָלט זיך אָנגעהויבן הערן אָפּקלאַנגען פון זשאַבאָטינסקיס, פאַר יאָרנלאַנג געפּריידיקטע, פּראָגראַם־פּונקטן. מען האָט גענומען ווידערהאָלן אַלץ אָפטער און אָפענער זשאַבאָטינסקיס נביאישע לאָזונגען. זיינע פּלאַם־פּייערדיקע ווערטער האָבן אין אָנגעזיכט פון דער גרעסטער סכנה ערשט גענומען קריגן אַ תיקון. זיי האָבן געמוטיקט, געוועקט און גערופן צו מעשים! זיי האָבן פאַרטריבן יעדן פּעסימיזם, אויפגערופן צום קאַמף אונטער אַלע באַדינגונגען. ווייל אונדזער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו איז געבליבן ווי אַלעמאָל דער גלויבן, אַז נצח ישראל לא ישקר!...

אין סאַמע מיטן פון גורלדיקן קאַמף זיינען זיין מעכטיקע שטים און זיין געניאַלע פעדער פאַרגליווערט געוואָרן אין אייביקער שטומקייט. עס איז אַפילו נאָך איצט שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זשאַבאָטינסקי איז טויט — ווייל טויט און זשאַבאָטינסקי גראַמען זיך ניט! ווייל עס קען ניט געבן קיין גרעסערע דיסהאַרמאָניע, קיין גרעסערער דיסאָנאַנס, ווי אַ פאַראייניקונג פון אַזעלכע שאַרפע קאָנטראַסטן, פון אַזעלכע צוויי דיאָמעטריש־קעגנזעצלעכע אָביעקטן! . . .

אָבער אַזוי איז שוין דער גורל פון גרויסע מענטשן. די געשיכטע ווייסט ווי אָפט צושאַצן דאָס פאַטאַלע איז אַזעלכע פיל־צאָליקע פאַלן. דער פאַל פון משה רבינו ביי די טויערן פון ארץ־ישראל, רעגט עד־היום די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. ניט ווייניק דראַמאַטישקייט איז פאַראַן אין טויט פון פּרעזידענט רוזוועלט ביים סוף פון דער איצטיקער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט ניט דערלעבט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם צוזאַמענברוך פון די פאַשיסטיש־היטלעריסטישע האָרדעס, און דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה צווישן יושר און בעסטיאַלער רשעות.

אין דעם געראַנגל צווישן לעבן און טויט האָט אויך דער מלאך־המות מנצח געווען איבער דעם פיזיש־קערפּערלעכן. אָבער זשאַבאָטינסקיס גרויסע פאַרדינסטן, ווי אויך זיין מעכטיק וואָרט וועט קלינגען העכער און העכער, אַזוי לאַנג ווי ס'וועט זיין אַ יידיש פאָלק — די אַל־

וו ל אַ ד י מ י ר ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י

זייטיקע, פֿאַרבנרייכע פּערזענלעכקייט פֿון זאב זשאַבאָטינסקי האָט זיך מעטעאָריש דורכגעטראָגן איבער אונדזער ערדישן פּלאַנעט. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט נאָך זיך סיי מיט זיין געוואָגטן לעבן, סיי מיט זיינע ווערק — אַ גרויסע נאַציאָנאַל־יידישע טראַדיציע, אַ גרויסע און התחיי־בות־מאָנענדיקע ירושה, — אַ גרויסע אַרמיי פֿון חסידים און תלמידים וואָס ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך, זיינען ממשיך מיט יראת־הכבוד און מיט מסירת־נפש, ווייל דער מוסטער פֿון זשאַבאָטינסקיס פֿאַרבנרייך לעבן מאַכט דאָס פֿון זיי.

זשאַבאָטינסקי איז געשטאָרבן, אָבער דער קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַ־לער באַפרייאונג ווערט ווייטער געצויגן אין זיין גייסט.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

דער פינאַל פון אַ שטורעמדיק לעבן

אין מיטן פון זיין שווערער אַרבעט האָט זשאַבאָטינסקיס האַרץ געפּלאַצט, ס'האָט ניט געקאָנט מער אַריבערטראָגן די שווערע האַמערקלעפּ פון יידישן גורל. אַ וועלט מיט אַרבעט האָט ער געוואָלט אָפּטאָן אין משך פון געציילטע וואָכן, טעג. אפשר האָט ער דערפילט אַז ס'האַלט ביים סוף, אַז דער פינאַל קומט — דעריבער אַזאַ נאָך מער ווי אַלעמאָל, אויסערגעוויינלעכע אַרבעטסזאַמקייט בעת די לעצטע טעג. ער האָט טאַקע גענומען אַ שבועה פון אַ פּאַרטיי־דאָקטער ניט צו אַלאַרמירן קיינעם וועגן זיין שוואַכן האַרץ. ניט צו דערציילן דער וועלט אַז ער איז שטערבלעך קראַנק, און אַז ער קאָן צו יעדער מינוט אַוועקפאַלן אונטער דער לאַסט פון זיין אָנגעשטרענגטער אַרבעט . . .

ער האָט ניט געוואָלט אַז מ'זאָל אים אָפּרייסן און אים צווינגען איבערצערייסן זיין אַרבעט. אויב דאָס פאַטאַל־טראַגישע איז אומפאַרמיידלעך, האָט ער, ווייזט אויס, געוואָלט פאַרענדיקן זיינע לעצטע טעג ביים שרייב־טיש, ביי דער הייליקער אַרבעט פאַר די אינטערעסן פון זיין פאָלק, ווייל דער גורל פון יידישן פאָלק איז אים פיל טייערער געווען ווי זיין אייגן לעבן. דער אידעאַליסט אין אים האָט רעבעלירט, רעוואָלטירט, ווען נאָענטע פלעגן אים אָנדייטן אַז ער איז מיד, אַז ער זאָל זיך אָפּרוען, בעמען עטלעכע וואָכן וואַקאַציע פון זיין פּאַרטיי־טעטיקייט . . . ניין, ס'איז איצט ניט קיין צייט צו רוען, צו נעמען וואַקאַציעס, צו טראַכטן וועגן פערזענלעכן גורל — ווען אַ וועלט גייט־אָפּ אין בלוט און ווען

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

זיין אייגן פֿאָלק טרינקט זיך אין אַ בלוטיקן ים און שטייט בוכשטעבלעך פֿאַר דעם טיפֿסטן אָפּגרונט אין זיין גאַנצער דורות־לאַנגער טראַגישער געשיכטע. דער קאַפּיטאַן מוז זיין ביים רודער ביז צום סאַמע סוף . . . אַזוי האָט ער אַלעמאָל געטענהט ווען נאָר מ׳האָט אים דערמאָנט דאָס וואָרט פֿון רוען . . .

שבת דעם דריטן אויגוסט 1940 האָט זשאַבאָטינסקי אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם־צוג. אַזוי האָט ענדלעך דער אומדערמידלעכער „שטור־רעמפֿויגל״ געפֿונען זיין אייביקע רו. ער איז געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־שלאַג אין קעמפּ פֿון ביתר, ניט ווייט פֿון האַנטער, ניו־יאָרק, אַרומגע־רינגלט פֿון נאָענטע און איבערגעגעבענע פּאַרטיי־חברים.

זיין פֿרוי האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין לאָנדאָן, וואו זי האָט זיך דערהאַלט פֿון אַ קראַנקהייט, און זיין איינציקער זון, ערי, איז דעם זעל־ביקן טאָג באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער טורמע אין עכו, פֿון דערזעלביקער טורמע וואו זיין פֿאָטער איז אויך פֿאַר די זעלביקע, יושרדיקע און פֿרייהייטלעכע „פֿאַרברעכנס״ געווען פֿאַרשפּאַרט. זיין זון ערי זשאַבאָטינסקי, פּונקט ווי זיין פֿאָטער, האָט געהאָלפֿן ראַטעווען פֿון היטלערס גאַז־אויוונס אין אייראָפּע, „אומלעגאַלע״ עולים קיין ארץ־ישׂראל.

דינסטיק דעם 6טן אויגוסט איז פֿאָרגעקומען די לוויה, צו וועל־כער עס זיינען געקומען צענדליקער טויזנטער יידן פֿון אַלע קלאַסן און ריכטונגען אין יידישן לעבן. תלמידים, פֿאַרערער און קעגנער זיינען גע־קומען זיך געזעגענען מיט זשאַבאָטינסקין און אים באַגלייטן צו זיין אייי־ביקער רו. ער איז באַערדיקט געוואָרן אויפֿן בית־עולם פֿון „באָרדוי־צירקל״ אין לאָנג־איילאַנד. ס׳איז געווען אַ גרויסע לוויה פֿאַר אַ גרויסן פֿאָלק־קעמפֿער. די גאַנצע יידישע וועלט האָט אויסגעדריקט איר צער אויף דעם פֿאַרלוסט פֿון אַ גרויסן זון אירן. אויך די גויאישע וועלט האָט פֿאַרגאָסן אַ טרער אויף דעם פֿאַרלוסט פֿון אַ גרויסן שטאַטסמאַן און הו־מאַניטאַריער . . .

און איצט, וואָס מער צייט עס גייט אַוועק, וואָס מערער די צעהיצ־

טע פּאַרטיי־צאַנקערייען ווערן איינגעשטילט, אַלץ מערער פעלן די בונ־טאַרישע, רעוואָלטירנדיקע, אייגנאַרטיקע ווערטער און מעשים פון זשאַ־באָטינסקין.

אַ סך האָבן זיך ערשט געכאַפּט, ווען זיי זיינען ערשט געשטאַנען פּנים־אל־פּנים פאַרן פאַקט פון זשאַבאָטינסקיס ארוץ, — וואָס פאַר אַ גרויסע אבידה דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן, און ווי שטאַרק ער וועט אויספעלן אין אונדזער אָרים און אומגליקלעך וועלטל. דעם זין אָדער דעם אומזין פון דעם אַלץ האָט נאָך מיט יאָרן צוריק טיף און מענטשלעך אויסגעדריקט דער אַמעריקאַנער דענקער עמערסאָן: „גרויסע מענטשן און גרויסע טורעמדיקע בערג", האָט ער געזאָגט, „זעט מען בעסער פון אַ דיסטאַנץ!" . . .

געדאַנקען־בליצן פון זשאַבאָטינסקיס שריפטן

פון אַסימילאַציע צו נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג

בײַ פעלקער, וואָס זײַנען לאַנג געווען אונטערדריקט, הייבט זיך אָן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג שטענדיק מיט אַ פעריאָד פון „אַסימילאַציע". זיבעציק יאָר צוריק זײַנען אַלע באָאָבאַכטער געווען איבערצייגט, אַז די טשעכן ווערן „פאַרדײַטשט"; און ערשט מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק פלעגן צענדליקער טויזנטער איטאַליענער אויסלאַכן זיך וועגן „אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור" און זינגען נאָר ענגלישע לידער. דער פּועל־יוצא איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערער; און איצט זעט מען, אַז אָביעקטיוו, פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, איז אַזאַ סטאַדיע פון אַסימילאַציע נישט מער ווי דער ערשטער שריט פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. אַ פאָלק האָט לאַנג געלעבט אין קעלער; פּלוצים שלעפּט זיי דאָס לעבן אַרויס אויף דער גאַס, צווינגט זיי צו קעמפן פאַר עקזיסטענץ מיט די נײַע כּלי־זין פון מאָדערנער קולטור — זיי פאַרמאָגן אָבער דערווײַל נאָך נישט די דאָזיקע כּלי־זין. זיי מוזן ערשט לערנען, און לערנען קאָנען זיי נאָר בײַ פרעמדע. וואַרפן זיי זיך לערנען בײַ די פרעמדע, מיט התפּעלות און מיט התלהבות, און פון דרויסן (אָדער אַפילו פון אינעווייניק) זעט עס אויס, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון „אַסימילאַציע", און אַז דאָס גאַנצע פאָלק וועט באַלד פאַרשווינדן. אָבער ווי נאָר דער ערשטער דור האָט זיך אויסגעלערנט באַנוצן די נײַע לעבנס־מעטאָדן — קומט אַ צווייטער און הייבט אָן צו איבערזעצן די פרעמדע קולטור אויף זײַן אייגן לשון (לשון פון ליפּן און לשון פון האָרץ) און דער סוף איז אַ טשעכאָסלאָוואַקישע רעפּובליק, מאָרגן אפשר אַן אינדישע . . ."

(וועגן ייִדישער געשיכטע)

וו ל אַ ד י מ י ר   ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י

זעלבסטבאַשטימונג

דער פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג באַשטייט ניט אין דעם, אַז ווער ס'האָט פאַרכאַפּט אַ שטיק ערד זאָל אייביק בלייבן דער בעל־הבית, און דער, וואָס מ'האָט אים מיט געוואַלט פאַרטריבן פון זיין ערד, זאָל בלייבן אויף אייביק אַ נע־ונד. זעלבסטבאַשטימונג הייסט אַ ר ע וו י ־ ז י ע — אַזאַ רעוויזיע פון דער צעטיילונג פון דער ערד צווישן די פעלקער, אַז יענע פעלקער, וועלכע האָבן צופיל, זאָלן אָפּטרעטן אַ שטיקעלע צו יענע פעלקער, וועלכע האָבן צו ווייניק אָדער גאָרנישט, כדי אַלע זאָלן האָבן צו פּראַווען זייער זעלבסט־באַשטימונג".

(די עטיק פון „אייזערנער וואַנט")

דער באַדייט פון ציוניזם

ציוניזם איז אַ קריסטאַליזאַציע פון שטאַלצקייט, פון אַ סואווערע־נער זעלבסט־שעצונג, וועלכע קאָן פּשוט אָרגאַניש נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל האַלטן דאָס יידישע פּראָבלעם פאַר ווייניקער וויכטיק ווי אַלע אַנדערע, גרויס־גיגאַנטישע וועלט־פּראָבלעמען. פאַר דעם, וואָס האָט אַזאַ געפיל, איז אַפילו וועלט־גאולה אַ מיאוסער ליגן, כל־זמן דאָס יידי־שע פאָלק האָט נישט קיין אייגן לאַנד ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אַ וועלט, וואו דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט נישט קיין יידישן שטאַט, איז אַ וועלט פון רויבער און גנבים, אַ שאַנד־הויז, וואָס האָט נישט קיין רעכט צו עק־זיסטירן, כאָטש מעגן אַלע אַנדערע פראַגן שוין לאַנג געלייזט זיין אויף דעם בעסטן אופן. אויב מ'וועט אונדז אַפילו באַווייזן, אַז צוליב פאַר־ווירקלעכן ציוניזם מוז מען אומבאַדינגט „מעכב זיין" די אַלגעמיינע וועלט־באַפרייאונג, זאָל מען פאַרהאַלטן, זאָל מען „מעכב זיין", זאָל די וועלט וואַרטן, ווייל מיר זיינען אויך אַ טייל פון דער „וועלט", פונקט אַזוי הייליק און וויכטיק ווי אַלע אַנדערע טיילן וואָס וואַרטן אויף באַ־פרייאונג . . ."

(ציון און קאָמוניזם)

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

מאָראַל און עטיק אין אונדזער געזעלשאַפט

„די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז אויפגעבויט אויף קעגנזייטיקייט; נעמט אַוועק די קעגנזייטיקייט — ווערט פון רעכט אַ שקר. יענער מענטש, וואָס גייט דאָרטן אויף דער גאַס, האָט אַ רעכט אויף לעבן נאָר דערפאַר און נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ער אָנערקענט מיין רעכט אויף לעבן. אויב ער האָט אָבער בדעה מיך צו דערהרגענען, האָט ער אין מיינע אויגן קיין שום רעכט נישט צו לעבן. און דאָס איז חל אויף פעלקער אויך. אַנדערש וועט די וועלט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ וועט־געיעג פון ווילדע חיות, וואו עס וועט פאַרניכטעט ווערן נישט בלויז דער שוואַכסטער, נאָר דווקא דער גוטהאַרציקסטער. די וועלט מוז זיין אַ וועלט פון שותפות . . .״

(די עטיק פון „אייזערנער וואַנט״)

דער זין פון קדיש

אין אַ יאָרצייט זאָגט מען קדיש. וואָס פאַר אַ קשר באַשטייט אָבער צווישן אַ לויב־געזאַנג דעם רבונו־של־עולם און טרויער און קברים? דער זין פון קדיש באַשטייט מן־הסתם אין דעם, וואָס דער הייליקער נאָמען, וועלכן מ׳איז מהלל, איז נישט דער נאָמען פון ד י י ן גאָט, נאָר דער נאָמען פון דעם גאָט פון געשטאָרבענעם, — פון יענער קדושה פאַר וועלכער ע ר האָט געלעבט און פאַר וועלכער ער איז אפשר אויך געשטאָרבן. „יתגדל ויתקדש״ באַדייט דעריבער, אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט: „הגם דו, מענטש, ביזט טויט, אָבער די קדושה, פאַר וועלכער דו האָסט געדינט, בלייבט גרויס און הייליק, און מיר, וואָס האָבן דיר איבערגעלעבט, וועלן ווייטער דינען דיין דינסט און ווייטער קעמפן, ביז צום זיג!״

(טרומפעלדאָרס יאָרצייט)

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי